STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00005

ALE SHRIFTEN

Jacob Gordin

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Benjamin Berdann
in honor of
Florence Berdann

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע שריפטען

— פון —

יעקב גארדין

צווייטער באַנד

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
52-50 עלדרידזש סט., ניו־יאָרק.
1910.

Copyright 1910, by The Hebrew Publishing Company.

ALL WRITINGS

of

JACOB GORDIN

Copyright 1910
by the Hebrew Publishing Company.

אינהאלט־פערצייכניס:

פאמיליען בילדער

זעקס טעג ... 3
אויפ'ן ים ... 58
דער ערשטער וואָלקען ... 62
צוויי טויטע ... 65
צוויי וועראַנדעס ... 69
אַ שווערע וואך ... 71
דער מלך איז ברוגז ... 76
פּיק־ניק ... 82
ארויסגעשטויסען ... 85
די שטומע ליעבע ... 88
אַ תקיעת כף ... 91

אונגליקליכע און עלענדע

קענט איהר דאָס בעשרייבען? ... 99
אַ בלעטעל פון א שאָפּ־מיידעל'ס טאָגע־בוך ... 102
אַ בלום אויף זיין קבר ... 105
וואָס זאָגט די דאלל? ... 109
אַ פּאַקט ... 112
פארשטערט ... 116
די מערדערין ... 121
איין אונגליק ... 125
אָהן אַ היים ... 130
מיין אויבער־ראָק ... 133
איין מענש און ארום זיינען שטיינער ... 138
אסטאָר'ס טרעמפּ ... 142
זי איז געשטאָרבען אין פלעטבוש ... 148
מיט מאָרד אַמוזירען זיי זיך ... 158

קענדי און טרערען 161
אַ שלעכטע מוטער 164
א גוטע דרשה 167
נאָך איינע 169
נאָך איין אָפּפער 173
אָהן אַ טיקעט 177
איך בין הונגעריג 180

סאַטירע און הומאָר

דער הימעל עפענט זיך 185
חיים יענקיל דער וויסענשאַפטליכער 188
יעזוס קריסטוס און קאַרל מאַרקס צו גאַסט אין ניו יאָרק 193
מוסף של ראש השנה 206
די גרויסע, משוגע'נע וועלט 209
ליעבע, פּאָעזיע און ביזנעס 212
ווארום ער האָט זיך גע'שמד'ט 216
ניין! איך קען ניט שרייבען! 221
דער ערמאָרדעטער טויטער אָהן אַ קאָפּ 224
גראַף קנישיק 228
אָהער גיב דעם פּטום 232
אַ שמחה אין שטעטיל 237
אַמעריקאַנער שדוכים 241
די מלחמה 245
די נסיונות פון יוקיל קאזיראָק 249
ניו יאָרקער חברה־קנאַקער 257
פאר וואָס חיים יענקיל ציקאָוועס איז משוגע געוואָרען 262
אַ טשאַריטי קנעפּעל 265
די אָבלאָווע 271
די העלדען פון עלליס איילענד 280
אַ פערקעהרטע וועלט 287
קען דאָס זיין? 295

פאמיליען-בילדער

זעקס טעג.

איינלייטונג.

איך האָב אַ יונגען פריינד. זיין נאָמען איז אַלבערט דאָרים. קיינער פון אייך האָט ביז איצט פון איהם ניט געהערט, ווייל ער איז אַ שטילער, שעמעוודיגער מענש. ער יאָגט זיך ניט נאָך כבוד און רוהם און האַלט זיך פון דער ווייטענס. דערצו נאָך — זעהר אַ געזונטער איז ער אויך ניט. ער איז אַ איד, אָבער ער פערגעטערט די נאַטור, ווי אַן אמת'ער גוי. די שעהנקייט פון דער נאַטור, איהרע וואונדערליכע פארבען און קאָלירען, איהרע טענער און קלאַנגע, איהר מאַיעסטעטישע רוה און ברויזענדער שטורעם, איהר שרעקליכע מאַכט און ריהרענדע מילדקייט, איהר שטראַהלענדע, ליכטיגע, שאַפענדע, ענערגיע און לעבען געבענדע זונן, און איהר פערטראַכטע, פער'חלום'טע, אין ווייסען מאַנטעל פון געהיימנים פערוויקעלטע לבנה — אַלעס מאַכט אַ טיפע ווירקונג אויף זיין פּאָעטישע זעעלע. ער איז אַביסעל דעקאַדענטיש, ווי כמעט אַלע פּאָעטען פון אונזער קראַנקער צייט, אָבער ער איז זעהר אויפריכטיג און עהרליך אין זיין דענקען און פיהלען.... ער האָט די שטילע מעלאַנכאָלישע בערג מעהר ליעב, ווי דעם שטורמישען טהעטיגען אָקעאַן, ער האָט מעהר נייגונג צו דער ליריק פון דער נאַטור, ווי צו איהר דראַמע... אָבער ער איז זעהר אַ סימפּאַטישער קערל און איך האָב איהם ליעב. און איך וויים, אַלבערט דאָרים האָט מיך אויך ליעב.

אין יוני ... 190 קריג איך פון מיין יונגען פריינד פאָלגענדען בריעף: „איך בין איצט אין די בערג. די דאָקטוירים האָבען מיך אהער געשיקט צו פערבעסערען אַ ביסעל מיין געזונד. גרויסע געטליכע

בערג, וועלכע שוויגען ווי די געהיימניסע פון דעם מענשען'ס שיקזאַל, וועלכע קוקען אויף אייך, ווי די ספינסקען פון עגיפּטען, וועלכע פערהיפּנאָטיזירען אייך מיט זייער אייביגע רוהיגקייט, ווי די מאָנאָטאָנע, שלעפעריגע וויעגעל־ליעדעלע פון אַ ליעבענדער מוטער. איך בין שוין פיער מאָנאַט דאָ, און אין מיין געגענוואַרט האָט דער גרויסער ביהנען רעזשיסער — די נאַטור — עטליכע מאָל שוין געביטען די סצענעריס, די דעקאָראַציאָנען פון די בערג... פריהער איז דאָ אַלעס געוועזן בעדעקט מיט אַ ווייסען שנעעענעם מאַנטעל. די שוואַרצע נאַקעטע בוימער אויף די ווייסע, פרייליכע בערג, האָבען אויסגעוויזען ווי אַ צוגעקלעפּטע שטעכיגע באָרד אויף אַ יונגען פרייליכען פּנים. אַ מונטערער ווינד האָט געבלאָזען פון דער הויך און דאָס בלוט אין די אָדערען איז אומגעלאָפען שנעלער און שטאַרקער. דאַן האָט די זונן אַראָבגעשטויסען דעם ווייסען מאַנטעל פון די בערג אַראָב אין די טהאָלען אריין... און די ווייסע, זיידענע טוך פון'ם מאַנטעל האָט זיך צונויפגעוויקעלט און אויסגעשפּרייט אין ווייסע טייכען וואָס לויפען און רעדען... די שווייגענדע שוואַרצע בערג האָבען גערעדט מיט אַ גיסענדע און רוישענדע וואַסער שפּראַך... איך פלעג שטונדען לאַנג זיצען און צוהערען זיך צו דיעזע רייד... זיסע קינדערשע שפּראַך, וועלכע ווערט פערשטאַנען נור פון די, וואָס האָבען דאָס קינד ליעב... נאָכדעם האָט פון די טהאָלען אָנגעהויבען צו קריכען לאַנגזאַם און שטיל ארויף צו די בערג אַ גרינער צודעק... אַזוי ווי אַ גרויסע מחנה פון שוואַרצע וואָראָנעס אויף אַ פעלד, וואָס האָט זיך ערשט בעדעקט מיט גרינס, האָבען אויסגעוויזען די נאַקעטע שוואַרצע בוימער אויף די בערג... טויטע דערנער אויף אַ לעבעדיגען באָדען! דער ווינד האָט גרויזאַם דיעזע דערנער געריסען און געבויגען און האָט יאָמערליך געקלאָגט אין זייער טרויער־פערזאַמלונג... נאָכדעם האָט די וואַרעמע זונן בעשאָטען אַלע נאַקעטע בוימער מיט קליינינקע, גרינינקע פינטעלעך... נאָכדעם האָט די צויבערישע זונן פון יעדע גרינע פינטעלע ארויסגעצויגען אַ גרינע, סאַמעטענע בלעטעלע... און אַלע בוימער האָבען בעדעקט זייערע קעפּ מיט גרויסע גרינע שטריימלעך... פון אַ טויטע מאַסע איז געוואָרען אַ פערזאַמלונג פון לעבעדיגע אינדיווידיאומס... אך, ווי שעהן און הערליך עס איז איצט דאָ אויף די בערג! איך בעט

אייך, קומט איצט צו מיר אויף א וואָך, אָדער צוויי. איהר וועט בע־זוכען א קראַנקען פריינד, איהר וועט זיך אויף א צייט ארויסרייסען פון דער ערשטיקענדער, שמוציגער אַטמאָספּערע, אין וועלכער איהר לעבט דאָרט אין שטאָט, איהר וועט זיך א ביסעל אָברוהען און איהר וועט צוזאַמען מיט מיר בעוואונדערען די גרויסע געטליכע נאַטור....

„איך בעט אייך, קומט... די נאַטור איצט דאָ אַרום מיר, איז ווי א הייליגער טעמפּעל... זי ווערט דאָ פון קיינעם ניט פּראָפאַ־נירט, ניט ערנידעריגט. די צייט, ווען דיעזער שטילער געגענד ווערט פערוואַנדעלט אין א ליאַרעמדיגען חזיר־מאַרק, דער סעזאָן, ווען די גרויסע בערג און די שעהנע טהאָלען ווערען דאָ פערוואַנדעלט אין א עס־צימער און שלאָף־צימער, — דער סעזאָן, ווען אַהער קומען מחנות מענשען צו מאַכען אַן אויסשטעלונג פון זייערע גראָבע בייכער און הויכע ביוסטען, פון זייערע טייערע בריליאַנטען און אָרעמע נשמות, — די צייט איז נאָך ניט געקומען. עס איז שטיל דאָ און רוהיג. אין דעם האָטעל וואו איך שטעה איצט בין איך נאָך דער־ווייל דער איינציגער גאַסט... דער האָטעל געפינט זיך אין דער שעהנסטער געגענד דאָ, און פון דער טעראַסע פון׳ם האָטעל זעה איך לאַנדשאַפטען און בילדער, וואָלקענס און פעלזען, וועלדער און בערג, ליכט און שאַטענס, בלויע הימלען און גרינע טהאָלען, וועלכע קיין מאָהלער אין דער וועלט קען ניט איבערגעבען אויף א בילד. איך בעט אייך, קומט. אייער טרייער פריינד, אַלבערט דאָריס".

איך האָב געענטפערט באַלד מיט א טעלעגראַמע: „מיין ליע־בער אַלבערט דאָריס, איך פאָהר צו דיר". און אויף׳ן צווייטען טאָג, דריי נאָך מיטאָג בין איך שוין געזעסען מיט מיין פריינד אויף דער טעראַסע פון זיין האָטעל און האָב געקוקט מיט נייגעריגע, פער־וואונדערטע אויגען אויף די שעהנע הערליכע בערג.

מיר האָבען פערבראַכט עטליכע שטונדען צוזאַמען. מיר האָבען בעוואונדערט אַלעס, וואָס איז געווען צו בעוואונדערען און בעשפּראָ־כען אַלע פּאָעטישע געגענשטענדע, וועלכע האָבען פערדיענט בע־שפּראָכען צו ווערען און מיר זיינען פּלוצלונגביידע אנשוויגען גע־וואָרען. „דו ווייסט, דאָריס, איך האָב מורא, איך וועל דאָ מעהר ווי איין טאָג ניט קענען זיין... ביי׳ם אָקעאַן קען איך פערבלייבען מאָנאַטען, זאָגאַר יאָהרען; ער ציהט מיך, ער רעדט צו מיר מיט א

קרעפטיגע, ליידענשאפטליכע ענערגישע שפראך. די בערג אבער זיי־נען אונמוטהיג, מאנאטאן, מעלאנכאליש״....

דארים האט מיך ניט געלאזט ענדיגען: ,,ניין! ניין! איך וועל אייך ניט לאזען! מיר וועלען וואנדערעןביידע איבער די בערג, איך וועל אייך ווייזען דעם פעלז, וועלכער רופט זיך דעם טייוועל'ס טהראן. איך וועל אייך פיהרען צו די רוישענדע וואסער־פאלען... איך וויל אייך פיהרען אויף'ן העכסטען פונקט, וועלכער רופט זיך דעם וואלקענס בריק. אה! עס איז דא פיעל וואס צו זעהן...״

— יא, איך ווייס, דו וועסט מיר ווייזען אייניגע איינצעלהייטען פונ'ם בילד, אבער דאס וועט דעם איינדרוק, וואס דאס גאנצע בילד מאכט, ניט ענדערען... דער איינדרוק איז אזא דריקענדער, ווארום דער טאן פון בילד איז זעהר איינקלאנגיג, איינפארביג...

— ניין, הערט אויס, איך וועל אייך דערצעהלען פון זיך, פון מיין ארבייט... איהר ווייסט, איך שעם זיך אייך צו דערצעהלען, איהר זאלט ניט מיינען, עס איז א בעריהמעריי. אבער... איך... איך האב די לעצטע צייט פיעל געשריבען און געדיכטעט... איך האב אויפגעשריבען פיעל ערצעהלונגען...

— ערצעהלונגען? האב איך געפרעגט. אויב דו וועסט מיר לעזען דיינע ערצעהלונגען און אויב זיי וועלען זיין אינטערעסאנט, וועל איך בלייבען. דו וועסט זיין אין דער זעלבער לאגע ווי די מייד־דעל־פרינצעסין שעבערעזאדא איז געווען... זא לאנג זי האט גע־האט פיר איהר הערשער דעם סולטאן, א מערכען צו דערצעהלען, האט זי דעם טויט פון זיך ערוויטערט... מיט יעדע סקאזקא האט זי זיך געקויפט א טאג לעבען. אלבערט דארים! פאר יעדע דיינע ערצעהלונג צאהל איך דיר מיט א טאג לעבען אויף די בערג.

מיר האבען זיך לאנג געדונגען און דיסקוטירט. פריהער האט ער געזאגט, אז עס איז א פראפאנאציאן, א לעסטערונג, צו לעזען פאר פרעמדע די ריינע, ציכטיגע, אינטימע געדאנקען, וועלכע זיינען אין דער הייליגער שטילקייט געשאפען געווארען פון א מענשענס זעלע. נאכדעם האט ער זיך זעהר שארף אויסגעדריקט געגען די מבינות פון אונזער קריטיק... ווען אבער ער האט געזעהן, אז איך הער ניט אויף צו סטראשען מיט אוועק־פאהרען, האט ער זיך ענדליך אונ־טערגעגעבען.

יאָ, האָט ער געזאָגט, איך וועל אייך לעזען מיינע ערצעהלונגען. אָבער איהר דאַרפט וויסען, אז איך בעשרייב די ערגעבניסע פון ליעבע ניט ווי איהר... איהר שילדערט שטענדיג די ליעבע ווי אַ טריאומפירענדען זיעגער. אייערע פערליעבטע זיינען שטאַרק גענוג ארויסצורייסען ביים שיקזאל אַ ווענינסטען עטליכע אויגענבליקען פון גליק און זעליגקייט. מיין ליעבע איז ניט קיין טריאומפירענדע... עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ הייסע, אַ רעדענדע, אַ ווירקענדע, אַ בעטויבענדע, אַ בעצויבערענדע, אַ שטאַרק לעבענדע ליעבע, און עס איז דאָ אַ קאַלטע, אַ טויבע, אַ שטומע, אַן אויסגעטראַכטע, אַ טויטע זאַך, וועלכע רופט זיך פליכט, אָדער געבאָט... ליעבע און פליכט זיינען אַקוראַט ווי לעבען און טויט... דער טויט איז שטאַרקער!... דאָס, וואָס די מענשען רופען „פליכט" איז אַ שרעקליכער, אונבאַרמ־הערציגער, אונפיהלענדער, איגדיפירענטער מלאך המות פון יעדען נאַטירליכען, הייסען, אויפריכטיגען, אמת'ן געפיהל. עס איז אַ טויטער שטיינערנער אָבגאָט מאָלאָך, אויף דעם בלוטיגען אַלטאַר פון וועלכען מענשען זיינען מקריב זייער ליעבע, זייער גליק, זייער יוגענד, זייער לעבען — אָט דיעזע שרעקליכע טראַגעדיע פונ'ם מענשענ'ס לעבען, וויל איך אויסדריקען, אויף וויפיעל איך קען, אין מיינע ער־צעהלונגען...

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט געוואָרפען אַ פערטראַכטען בליק אויף די בערג און האָט געזאָגט: גרויזאַמער עגאָאיסט, איך וועל ביי אייך קויפען יעדען טאָג מיט אַן ערצעהלונג... איצט אָבער ענט־שולדיגט... די זונן זעצט זיך און עס איז צו קאַלט פאַר מיר צו בלייבען לענגער אויף דער טעראַסע...

איך בין געבליבען אליין. איבער די בערג האָבען זיך נאָך געזעהן פורפור רויטע הימעל חוואַליעס „אַרומגעטרימטע" מיט גאָלדענע שטראַהלען, און פון די טהאָלען ארויף צו די בערג האָט זיך געצויגען לאַנגזאַם אַ גרויע פינסטערניס... ווייט ערגיץ האָט ערשאַלט אַ הויכע שטימע, און דאָס עכאָ האָט דעם אויסגעשריי הילכיג געטראָגען איבער די בערג און איבער די וועלדער. ערגיץ גאַנץ הויך איבער מיר האָט אַ בלישצע געטאָן אַ זילבערנער שטערנדיל...

ערשטער טאָג.

די גרושה.

די זונן איז ערשט אויפגעגאנגען און מיר זיינען שוין ביידע געזעסען אויף דער טעראַסע... וואָס פאר אַ הערליכעס בילד!... די, וואָס זיינען אונטען אין די טהאָלען קענען נאָך ניט דאָס ליכט און אין דער הויף איז שוין אָלעס בעגאָסען מיט שטראַהלען... און ווען דער שעהנער זומער טאָג איז פערביי און די זונן פערשווינדעט ווייט אין דעם שעהנעם, פער׳חלום׳טען מעריב, זיינען די בערג נאָך לאַנג בעלויכטען מיט ליכט. וועהרענד די טהאָלען זיינען שוין ווידער פערוויקעלט אין פינסטערניס... אין דער הויף איז דאָ מעהר ליכט און מעהר זונענשיין. צו די הויכע בערג קומט די זונן פריהער און פער־בלייבט אויף זיי לענגער... די בערג זיינען די רוהיגע, קאָנסערוואַ־טיווע, שטאָלצע אריסטאָקראַטען פון דער זונן...

אַזוי ווי אַ געדיכטער טומאַן ציהען זיך די וואָלקענס פון צווי־שען די בערג. פריהער איז דער טומאַן גרוילאָך וויים. און דאַן, ווען דער באַרג קריגט פון דער זונן אַ רויטליך אָראַנזשעווע פאַרב, ווערט דער וואָלקען בלוי... און דאַן ווערען די שוואַרצע בערג בלוי... און דאַן גיסען זיך צונויף די הימלען מיט די בערג און אַלעס ווערט בלוי... די שווערע בערג ווייזען אויס אַזוי לייכט, גראַדע ווי זיי וואָלטען זיין געמאַכט פון בלויען רויך... זיי הויבען זיך הויך צו די הימלען און בלייבען הענגען אין דער לופטען... אַ פאַנטאַסטי־שע וועלט! די זונן אָבער הויבט זיך אויף העכער און די בערג מוזען זיך אומקעהרען פון דער פאַנטאַסטישער וועלט צו דער ווירקליכקייט, פון די הימלען צוריק צו דער ערד... ביסלעכווייז ווערען זיי שווע־רער, ניעדריגער און דונקעלער... די זונן הערשט איבער די בערג און די בערג דרעמלען מיט אַ זיסען מאָרגען־דרעמעל... אַ פרישער אַ מונטערער ווינטעלע קומט צולויפען מיט אַ פריינדליכען גרוס פון די בערג און דער מענש פיהלט זיך מונטערער און שטאַרקער...

אַלבערט דאָרים איז געווען זעהר נערוועז, זיין שטימע איז

געוועז זעהר שוואך און זיינע הענד האָבען געציטערט, ווען ער האָט ענדליך אָנגעפאנגען צו לעזען זיין ערשטע ערצעהלונג:

„ער איז געוועז זעהר א הויכער יונגער מאַן מיט א קליינע שפּיציגע געלע בערדעלע, מיט צוויי קליינינקע געגרייזעלטע פּאה׳קא־לעך, מיט צוויי גרויסע ליכטיגע בלויע אויגען, אין וועלכע די הימ־לען האָבען אָבגעשיינט. זיינע שעהנע גוטע אויגען זיינען געוועז אזוי טיעף אָפען, אז איהר האָט געקענט אין זיי אריינקוקען ביז אין דער נשמה אריין. א גוטמוטהיגער, א לעבעדיגער, א פריילּיכער, מיט פלינקע בעוועגונגען, ראַשע טריט און א הויכען, הילכיגען גע־לעכטער. צו יעדער צייט האָט ער געהאַט אין רעזערוו א שעהנעם און אונבעדינגט א ריינעם וויטץ, א גוטען משל, אַן אינטערעסאַנטען גלייכווערטעל, א בעדייטענדען אנעקדאָט פון עפּעס א גרויסען גאון אָדער א בעוואוסטען רב. און דערצו נאָך איז ער געוועז א גרויסער קינסטלער צו שניצען. מיט זיין ביליגען פעדערמעסער האָט ער אויס־געשניצט א הדס פאר זיין שווער, דעם רב פון׳ם קליינעם שטעטעל אָרעכאָווע, אז אַלע בעל־הבתים זיינען עס געגאַנגען בעוואונדערען... ביי איהם אין דער היים שטעהט אויף׳ן טיש א געשניצטע זאַלץ־פאס, — א מערקווירדיג שעהנער קאָפּ פון א לייב... אַלע זיינע אינטימע פריינד האָבען געהאַט פון איהם געשניצטע מתנות... צו די דאָזיגע אַלע מעלות איז ער נאָך געוועז זעהר א גוטער מנגן מיט א זיסע ווייכע טענאָר־שטימע. ער איז שטענדיג געוועז טהעטיג. קיין איין מינוט ניט געזעסען רוהיג — אָדער ער האָט געלערנט א בלאַט גמרא פלייסיג און מיט חשק, אָדער ער האָט וואָס געשניצט מיט דעם ענטוזיאזם פון א קינסטלער, אָדער ער האָט געזונגען מיט׳ן פייער פון אַן אמת׳ן ארטיסט. געוועז איז ער א שוחט ובודק אין א קליין דערפעל וואסיליעווקע, 40 ווערסט פון׳ם שטעטעל אָרעכאָווע... דערצו נאָך איז ער געוועז דער חזן פון דער קליינער וואסיליעווקער קהילה. און ימים נוראים האָט ער געדאַווענט די מוספים זאָגאר מיט צוויי משוררים, — א באַס, א פועל ביי א שניידער און א סאָפּראַנאָ, א אינגעל פון תלמוד תורה. און ווייל אין וואסיליעווקי איז ניט גע־ווען קיין מורה הוראה, האָט ער אָפט אויך געמוזט פסק׳ענען שאלות... נור ביי זעהר וויכטיגע צופעלע, פלעגט ער זיך ווענדען צו זיין שווער, דעם רב פון דער אָרעכאָווער קהילה קדישא. פון דעם אַלעמען האָט ער

פערדיענט זעהר וועניג און איז געווען א גרויסער קבצן. גערופען האט מען איהם ר׳ שלום אלי.

זיין פאטער איז א שניידער טאקע אין וואסילעווקי גופא. אן אלטער איד מיט א בארד ביז׳ן גארטעל, מיט לעבעדיגע אויגען... א וויצלינג, א זינגער, דער גרעסטער „הוליאקע״ אויף אלע שמחות. ער האט ניט געוואלט, זיין איינציגער זוהן, שלום אלי זאל זיין ניט מעהר ווי א בעל מלאכה. ער האט פאר איהם געדונגען די בעסטע מלמדים, האט געצאהלט דעם טייערסטען שכר לימוד און מיט גע־וואלד, מיט צרות, מיט גוטען און מיט בייזען האט מען שלום אלי׳ן געמאכט פאר א למדן. קיין גוטען קאפ צו גמרא און קיין גרויסען חשק צום לערנען האט שלום אלי ניט געהאט. ער האט בעסער געוואלט זיצען ביים טייך אונטער׳ן בריק ביים וואסער מיהל, זינגען ליעדעלך צוזאמען מיט די פייגעלעך, מאהלען „קארטינקעס״ מיט א בלייפעדער אויף שטיקלעך פאפיר און קוקען אויף די וואלקענס, אין וועלכע ער האט געזעהען אנשי חיל מיט שפיזען, רייטענדיג אויף פערד, גאנצע מחנות מיט מענשען און קאמעלען, גרויסע עלעפאנטען און אנדערע אונגעוועהנליכע חיות, דעם בארג סני מיט׳ן הר הכרמל... מען האט איהם אבגעריסען פון דער פאעטישער וועלט און געמאכט פאר זעהר א פרומען אידען און א לערנער א מתמיד. אלס א הייסער ענטוזיאסט, האט ער זיך אבגעגעבען צו דער הייליגער תורה און צו דעם אלמעכטיגען גאט מיט זיין גאנצער זעלע און מיט׳ן גאנצען הארצען. ווען ער האט ביים גרעסטען מלמד אין וואסיליעווקי געענדיגט קורס, האט איהם דער פאטער געשיקט לערנען צום ארעבאווער רב. דארט האט ער אויסגעשטודירט אויף שוחט ובודק און מיט זיין סימ־פאטישען כאראקטער אזוי נושא חן געווען, אז ער האט פערדיענט אזא כבוד חתונה צו האבען מיט׳ן רב׳ס עלטערע טאכטער... קענט איהר זיך פארשטעלען די שמחה, דאס גליק, די פרייד פונ׳ם אלטען שניידער? זיין זוהן א שוחט ובודק און א שליח צבור און ער אליין א מחותן פון א רב! ר׳ שלום אלי אליין איז אויך געווען צופריעדען. אמת, דעם רב׳ס עלטערע טאכטער איז שוין געווען א בתולה פון א יאהר עטליכע און צוואנציג און ער איז געווען אלט אכטצעהן... אמת, דעם רב׳ס צווייטע טאכטער אסתר׳קע, א מיידעל פון א יאהר זעכצעהן, איז געווען שעהן ווי א ראזע, וואס פאנגט ערשט אן צו בליהען. פאר

דער חתונה פלעגט זי איהם זעהר אָפט קומען צו חלום, און דאָס פלעגט איהם זעהר שרעקען און פּלאָגען... אמת, זיין ווייב איז געווען אַ קרענקליכע און איהר פּנים איז געווען צוגראָבען און פערקריפּעלט פון פּאָקען... אָבער ווי האָט ער געקענט זיין אונצופריעדען, ווען ער איז אַן אמת'ער פרומער איד? ווי האָט ער געקענט דענקען פון עטוואָס אַנדערש, ווען ער האָט געדאַרפט דענקען פון מצוות, פון צדקה, פון תורה, פון עולם הבא? און דערצו טאָקע דאגות פּרנסה. און דאגות האָט ער געהאַט גענוג. זיין ווייב איז באַלד נאָכ'ן ערשטען קימפּעט קראַנק געוואָרען און איז זעלטען אויפגעשטאַנען פון בעט. דאָקטוירים, רופאים, צרות און דערצו שטענדיג אריינקוקען אין די הלכות שחיטה, וויסען צו פּסק'ענען אַ דין, זיין פערטיג צו קריאת התורה, פּאַרבערייטען זיך צו מוסף, האָבען אַ נייעם „יעלה", קאָמפּאָ־נירען פון קאָפּ אַן אייגענעם „המאיר לארץ ולדרים"... אָבער די אַרבייט, די דאגות, די צרות, די נויטה האָבען זיין לוסטיגען גייסט ניט געקענט אונטערדריקען... ער איז געווען טהעטיג, לעבעדיג, פריי־לעך... האָט זיך ניט בעקלאָגט, האָט ניט געזינדיגט געגען זיין בורא יתברך, האָט געזונגען, געלערענט און אויפריכטיג און היים געדאַנקט און געלויבט דעם גרויסען פּאַטער אין הימעל פאַר אַלע זיינע חסדים.

אַ גאַנץ ווינטער איז ר' שלום אלי'ס ווייב געלעגען קראַנק אין בעט און אַ גאַנץ ווינטער כמעט, דאָס הייסט, ביז ראש חודש אדר איז ביי זיי אין שטוב געווען זיין ווייב'ס יונגערע שוועסטער אסתר'קע...זי איז געווען אַ כלה פאַר אַ גרויסען נגיד'ס אַ זוהן פון יעקאַטערינאָסלאוו און שבת נאָך שבועות האָט געדאַרפט זיין ביי איהר די חתונה... אסתר'קע האָט אַכטונג געגעבען אויפ'ן קינד, אַ מיידעלע פון עטליכע יאָהר, האָט געראַמט, געקאָכט און געבאַקט. אָבער וואָס זי האָט ניט געטאָן, פלעגט זי ניט אַראָפּלאָזען איהרע אוי־גען פון דעם זעלטענעם מענשען, — איהר שוואָגער. דאָס פלעגט זי ריהרען ביז טרעהרען זיין צערטליכקייט צו דער קראַנקער שוועס־טער, דאָס פלעגט זי און זאָגאַר די קראַנקע שוועסטער לאַבען פון זיי־נעם אַ מערקווירדיגען וויץ, דאָס פלעגט זי ענטציקט ווערען פון זיין קינסטלערישע שניצעריי, דאָס פלעגט זי בעצויבערט ווערען פון זיין זיסען געזאַנג... יעדע וואָך, וואָס נעהענטער עס פלעגט קומען צו שבת, דאָס עפּטער האָט ער געזונגען... ער האָט אימפּראָוויזירט,

אויסגעטראכט נייע „שטיקלעך" פאר יעדען שבת... נייע קאמפא־זיציאנען... יעדען שבת האט ער געזאגט גאנץ „המאיר לארץ ולדרים" מיט א נייע ווארואציע, אויף א נאך ניט געהערטען „שטיי־גער"... אפט ביי די דאזיגע רעפעטיציעס, אין מיטען זינגען, פלעגט איהם קומען עפיס א אונבעקאנטער אונ־ערקלעהרליכער געדאנק און ער פלעגט דעם געדאנק טרייבען, ווי ער האט שוין פון לאנג געהאט די געוואהנהייט צו טרייבען פון זיך זינדיגע געדאנקען. מיט די ווערטער „ענני כי עני ואביון אני... שמרה נפשי כי חסיד אני". (ענטפערט מיר גאט, ווארום איך בין אן ארעמער מענש. היט אב מיין זעעלע וויל איך וויל בלייבען ריין...) מיט זעהר א מעלאנכאלי־שען ניגון, מיט זעהר אומעטיגע טענער, מיט זעהר א צובראכען הארץ, פלעגט ער זינגען, אומגעהענדיג איבער'ן שטוב, דעם דאזיגען געבעט זיינעם צו גאט. אין זיין שטימע האט זיך געהערט א פער־שטיקטער געוויין, אין זיין געזאנג האבען געקלונגען טרערען. ווע־גען וואס האט ער געבעטען גאט? וועלכע געדאנקען האט ער פון זיך געטריבען? דאס האט קיינער ניט געקענט ערקלערען. זיין קראנ־קע פרוי פלעגט צו מאכען איהרע אויגען און פלעגט מיט פרייד הערען דעם פרומען געבעט פון איהר מאן, מיט וועלכע זי וועט זוכה זיין צו זיין צוזאמען אין גן עדן. אסתר'קע אבער פלעגט ארויפלעגען איהר קאפ אויפ'ן רוקען פון שטוהל, אויף וועלכען זי איז געזעסען און פלעגט קוקען אויף איהם ניט ריהרענדיג זיך פון ארט.... זיין טרויעריגער געזאנג האט געגאסען א זיסען וועהטאג אין איהר הארץ, אין איהר נשמה. אין איהרע אויגען האט געשיינט א געפיהל פון פער־געטערונג, און א טיפע שמערצליכע בענקעניש.

ער פלעגט אנשוויגען ווערען און פלעגט אומגעהן שטיל איבער'ן שטוב. און אסתר'קע פלעגט פערדעקען מיט איהרע ווייסע הענד איהר יונגען, שעהנעם פנים. און אויף די פליגלען פון איהר קינדער־שער פאנטאזיע פלעגט זי זיך אוועקטראגען ווייט אין א וועלט פון ריינע אונשולדיגע חלומות... אין שטוב פלעגט ווערען שטיל... עס האט זיך נור געהערט דאס שווערע אטהעמען פון דער קראנקער און דער הייזעריגער גאנג פון דעם אלטען וואנד זייגער. די דריי מענשען אין שטוב זיינען געבליבען שטיל, אבער זייערע נשמות האבען גערעדט. די נשמה פון דער קראנקער האט געשטרעבט אין די הימלען און האט

גערעדט צו די מלאכים. די נשמות פון די צוויי געזונדע מענשען האָבען גערעדט איינע צו דער אַנדערער מיט אַ געהיימניספאָלער נשמה־שפּראַך. ביידע נשמות האָבען געשטרעבט אין אַ ווייטע, אונבעקאַנטע וועלט פון פרייד און פון גליק... אין שטוב איז געווען שטיל".

מיין שוואַכער פריינד איז געוואָרען מיעד פון אויפרעגונג. ער האָט ניט געקענט לעזען מעהר און איך בין פערבליבען ביז מאָרגען צו הערען די ענדע פון זיין ערצעהלונג. די זונן האָט זיך אויפגעהויבען הויך, און גרויסע שוואַרצע שאָטענס זיינען געפאַלען פון די בערג אויף די טהאָלען... די בערג אליין זיינען געלעגען פערטראַכטע...

צווייטער טאָג.

די גרושה

מיר זיצען ביידע בײ'ם טײפעל'ס טהראָן.

אַלבערט דאָרים איז אויפגעשטאַנען היינט אַ נערוועזער. ער וועט ניט לעזען מעהר אויף דער טעראַסע. די ווירטהין פון האָטעל האָט זיך נעכטען אונטערגעהערט, וואָס ער לעזט. די קעכין איז עטליכע מאָל ווי אונמיסטען ארויס אויף דער טעראַסע און האָט געקלאַפּט פרעך מיט איהרע פאַנטאָפעל. דאָס איז אַ בעליידיגונג און אַן ערנידעריגונג פאַר אַ דיכטער... מיר מוזען אַוועקגעהן אין וואַלד ווייט... דאָרט אויף דעם שויס פון דער נאַטור, אַרומגערינגעלט מיט ביימער, וועלכע שעפּטשען צווישען זיך שטיל, מיט דרך ארץ, פערשירעמט מיט בערג, וועלכע הערען זיך צו, שווייגענדיג און אונבעוועגליך, — דאָרט וועט ער מיר לעזען די פאָרטזעצונג פון זיין ערצעהלונג. אָרעמער און נאַאיווער אַלבערט דאָרים, ער ווייסט ניט, אַז גרעסערע דיכטער פון איהם געבען אָב זייערע דיכטונגען פאַר

ווירטהען פון שענק-הייזער און פערלאָזען זיך אויף די מבינות פון קעבינס... גרויסע פּאָטישע ליעדער ווערען זעהר אָפט איבערגעריסען מיט דער קלאפעריי פון פאנטאָפעל...

מיר זיצען ביידע ביי'ם טייוועל'ס טהראָן. דאָרט ערגיץ אין דער הויך באקט די ליכטיגע זונן, און דאָ אונטען איז דונקעל און קיהל. מיט א קליינע שמאָלע שטעגעלע האָבען מיר זיך אויף נאטירליכע שטיינערנע טרעפ אראבגעלאָזט טיעף, טיעף אין א טיעפען, ענגען, שטיינערנעם זאק, אזוי ווי א קאזעמאט, געמאכט פון גרויסע פעלזען און איבערגעפלאָכטען פון אלטע צווייגעדיגע בוימער... א הויכער, מעכטיגער פעלז, וועלכער שטייגט ארויף ביז די וואָלקענס, רופט זיך „טייוועלס טהראָן"... קיין פרעבע מענשליכע פוס האָט נאָך דעם טראָהן ניט בעטראָטען.... פראָמעטעאוס איז אפשר געווען צו-געשמידט צו אזא מעכטיגען פעלז; די היינטיגע מענשעלעך קענען נור פון אונטען בעוואונדערען דעם גרוי-דונקעלען טהראָן, אויף וועל-כען דער דונקעלער גייסט זיצט אפשר אמאָל פערזונקען אין זיינע גרויסע דונקעלע געדאנקען... און אפשר איז נור דער טהראָן געבלי-בען און „ער" אליין איז שוין פערטריבען פון דאנען אויף אייביג?

עטליכע מינוטען זיינען מיר געזעסען שטיל... אלעס האָט געשוויגען. דער גרויסער פעלז האָט געשוויגען, די אלטע צוקרומטע בוימער מיט צווייגען, וועלכע צייגען זיך ווי שווארצע, צוקארבטע און צודרעהטע הענד פון „ניט דאָ געדאכטען", האָבען געשוויגען. דער פרייער ווינט האָט ניט געוואגט צו קומען אהער און צושטערען די שטילקייט. זאָגאר קיין פויגעל געזאנג האָט זיך דאָ ניט געהערט. און ווען, ענדליך, דאָרים האָט שטיל געפרעגט: זאָל איך לעזען? האָט פּלוצלונג עפּעס צווישען די בוימער א שטארקען פּאטש געטאָן און איז ערגיץ אראָב-געפאלען מיט אזא גערויש, גלייך ווי עטוואָס וואָלט זיך צושאָטען.... איז דאָס א נאכט פויגעל? אָדער א דערשראָקענער בערג-גייסט?

„ראש חודש אדר איז געשטאָרבען ר' שלום אלי'ס פרוי און שבת נאָך שבועות האָט אסתר'קע חתונה געהאט מיט'ן גביר'ס זוהן פון יעקאטערינאָסלאוו, — האָט אָנגעפאנגען דאָרים צו לעזען, אויס-ציהענדיג זיך אויפ'ן ווייכען גראָז און אוועקלעגענדיג לעבען זיך זיין בעשריעבענע העפט מיט ערצעהלונגען.

א שעהנער, ווארעמער פריהלינג איז געשטאנען אין דרויסען און

אסתר׳קע איז געזעסען אין שטוב און האט זיך געגרייט צו דער חתונה. די בליהענדע בוימער, די פרייליכע בלומען, די זינגענדע פייגעלעך, — אלעס אין דער נאטור האט גערעדט צו איהר יונגער נשמה פון ליעבע און פרייד, און זי איז געזעסען און האט זיך גענעהט „פאוואלע״ צו דער חתונה... זי האט געוואלט טראכטען וועגען חתן מיט זיין קרענקליכען, ווייסען געזיכט, מיט די גרויסע בלויע פאסען אונטער די אויגען, מיט זיין פרעכען, ניט אנשטענדיגען בליק און געגען איהר איז געשטאנען די געשטאלט פון שלום אלי מיט זיין שלאנקע, קרעפטיגע פיגור, מיט זיינע פלינקע בעוועגונגען, מיט זיין ליעבליכען שמייכעלע, מיט זיין קלינגענדע שטימע, מיט זיין גוטען, שטראהלענדען, ריינעם, אונשולדיגען בליק... אבער תנאים איז קיין קלייניגקייט ניט.. און דערצו איז דער חתן נאך א יתום אהן מאמע. אבלאזען מיט איהם דעם שידוך איז א גרויסע עבירה... געוויס, ווען דער טאטע זאל פערשטעהן וואס זי פיהלט, ווען זאל מיט איהר רעדען דערפון, ווען ער זאל איהר זאגען, אז זי מעג... ווארום איז דען א קלייניגקייט, וואס איהר שוועסטער׳ס קליינע טעכטעריל וועט אריינפאלען ווען עס איז אין די הענד פון א פרעמדער שטיף־מאמע?... אויך א יתומה׳לע נעבעך... און אויסער אלעמען, איז דען אויף שלום אלי קיין רחמנות ניט? זיצט אליין נעבעך מיט׳ן קינד אין א לעער הויז... האט ניט צו ווען א ווארט אויסצורעדען. אבער דער טאטע, דער ארעכאוועס רב האט זעהר וועניג גערענקט פון די אלע נארישקייטען... ער איז געווען גליקליך זיך מתחתן צו זיין מיט אזא גרויסען גביר פון אזא כרך ווי יעקאטערינאסלאוו. און דער טאג פון דער חתונה איז אלץ געקומען נעהענטער און נעהענטער...

„שלום אלי האט זיך אויך געגרייט צו אסתר׳קעס חתונה... קיין געלד צו קויפען איהר א שעהנעם דרשה געשאנק האט ער ניט געהאט, האט ער פון איהר׳ט וועגען געשניצט א „מזרח״ א וואונדער: צוויי שרעקליכע לייבען האלטען א מגן דוד. ער האט געטראכט וועגען דעם, ווי דער „מזרח״ זיינער וועט הענגען ביי אסתר׳קען אין הויז און האט, שניצענדיג, שטיל און טרויעריג געזונגען: ענני, ענטפער מיר גאט, ווארום איך בין אן ארעמער און אן עלענדער מענש... היט אב מיין זעעלע, ווארום איך וויל בלייבען ריין.

„אלע אידישע כלות וויינען פאר דער חופה, אבער זעלטען ווען

א כלה ווײנט אזוי פיעל, ווי אסתר'קע האָט געווײנט, און אַלע ווײבער האָבען געזאָגט, עס איז אַ סמן מזל... שלום אלי איז דעם ערשטען מאָל אין זײן לעבען געווען שיכור... און ווען ער האָט שיכור'ערהײד זיך פּלוצלונג צו־ווײנט, האָבען אַלע מאַנזבילען געלאַכט. און זײן פאָ־טער, דער אַלטער שנײדער האָט מיט פערלאַכטונג בעמערקט: אויך מיר אַ מאַנזביל, האָט אויסגעטרונקען פינף קעלישקעלעך בראַנפען און ווײנט שוין!... בײ'ם טיש האָבען אַלע אָנגעהויבען בעטען ר' שלום אלי ער זאָל ,,זאָגען'' עפּיס אַ שטיקעל. ער האָט זיך זעהר לאַנג געלאָזט בעטען און ענדליך האָט ער אָנגעהויבען זינגען אַ שטיקעלע פּיוט, פריהער זעהר שטיל און נאָכדעם מיט אַ געשריי פון פערצווייפ־לונג, מיט אַ ביטערען קלאַנג, מיט אַ האַרצרײסענדען געוויין... עס איז געווען אַן עלעגיע, אַ יאָמער געזאַנג, אַ טרויער מאַרש פון אײנעם וואָס האָט פערלוירען און איז מקבר זײן גליק אויף אײביג. אַלע זײ־נען געווען ענטציקט: אי גוט! גוט! אמת אידיש! עס צופּט! עס צובריכט דאָס האַרץ! אַ מחיה נפשות! און די כלה האָט זיך אזוי צו־ווײנט, אַז מע האָט זי געמוזט צונעהמען פון דער לײווענטענער פּאַלאַטקע, וואו אַלע זײנען געזעסען בײם טיש. אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען מע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, וואו איז ר' שלום אלי, האָט מען איהם ניט געקענט געפינען... עס האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען, ווען דער עולם איז זיך צוגאַנגען פון דער חתונה. ר' שלום אלי האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן ווײסען הימעל, אויפ'ן רב'ס שטוב, וועלכע האָט געדרעמעלט, פערוויקעלט אין שאָטענס, האָט גענומען אַ שטעקען אין האַנד און איז צופוס אוועק אַהײם... פערציג ווערסט איז ער געגאַנגען און שטיל געזונגען: ענני, כי עני ואביון אני...

,,עס איז אוועק נאָך דער חתונה אַ יאָהר מיט עטליכע מאָנאַטען, און שלום אלי איז נאָך ניט געווען אין אָרעכאָווע. אפילו אז ער האָט געדאַרפט זײן נויטיג דאָרטען, פלעגט ער אויך בעסער זעהן אויספּיה־רען דורך אַן אַנדערען. געוויס, ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט אז אסתר'־קע איז ווידער אין דער הײם בײט טאַטען אין שטוב, אַ יונגע גרושה, האָט נור אַ האַלב יאָהר געלעבט מיט'ן יונגען גביר און איז געקומען צוריק. מע האָט דערצעהלט פערשיעדענע געשיכטען וועגען אסתר'־קעס גט, ר' שלום אלי האָט גאָר גישט ניט געפרעגט, ניט געזאָגט קײן מײנונגען. אכט חדשים איז שוין די יונגע גרושה אין אָרעכאָווע

און קיינער האָט ניט געוואוסט, דענקט נאָך אַמאָל ר׳ שלום אלי פון איהר? ווייל ער זי זעהן? אין די ערשטע טעג פון חודש אלול איז פּלוצלונג צו ר׳ שלום אלי׳ס אָרעמע שטוב צוגעפאָהרען אַ וואָגען, און די יונגע, שעהנע, בליהענדע אסתר׳קע איז אריין אין שטוב מיט אַ קליינעם סאקוואיאזש אין האנד. זי האָט שטיל און פערשעמט געזאָגט: גאָט העלף, שלום אלי! זי האָט היים אומארעמט די קליינינקע רבקה׳לע, האָט זי בעדעקט מיט הייסע קושען און ווארעמע טרערען... לאַנג האָט זי געוויינט, האַלטענדיג דאָס קינד אין איהרע ארעמס. ווען זי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט זי ערקלערט, ווייל עס איז אלול איז זיא געקומען בעזוכען דעם קבר פון איהר שוועסטער און אויסער דעם טאָקע זעהן, וואָס מאַכט, נעבעך, דאָס קינד. זי דענקט דאָ, אין וואסיליעווקי, ביים מחותן, דאָס הייסט ביי ר׳ שלום אלי׳ס פאָטער צו פערבלייבען איבער שבת און דערפאַר האָט זי מיט זיך געבראַכט אַ שבת׳דיגע קלייד. זי האָט אָנגעצייגט אויף׳ן סאקוואיאזש. און שבת ווייל זי דאָ זיין פּשוט דערפאַר, ווייל זי וויל הערען ווי ר׳ שלום אלי וועט מתפלל זיין פאַר׳ן עמוד... ביי די ווערטער זיינען זיי ביידע פערשעמט געוואָרען. אין סאקוואיאזש, האָט זי געוויזען, איז דאָ אַ שעהנע מתנה פאַר רבקה׳לען, אַ נייע קליידעלע, פאַר ר׳ שלום אלי אַ גוטער טלית קטן... און זי האָט אין סאקוואיאזש פערוויקעלט אין פּאַפּיר עפּעס אַ טייערע זאַך, נור דאָס וועט זי ווייזען שפּעטער... עס איז געוואָרען לעבעדיג ביי ר׳ שלום אלי אין שטוב... דער אלטער מחותן איז געקומען מיט דער מחותנת׳טע... ר׳ שלום אלי האָט אליין געשטעלט דעם סאַמאָוואר און מע האָט געטרונקען טהעע, פון אַ סאַמאָוואר, וואָס מען פלעגט געוועהנליך טאָן נור שבת צו נאַכט... שבת האָט ר׳ שלום אלי „געזאָגט״ אַ גאַנץ נייען „המאיר לארץ ולדרים״, פון וועלכען אַלע מנגנים און מבינים פון וואסיליעווקי האָבען פּשוט געלעקט די פינגער. זונטאָג ביי נאַכט איז לכבוד אסתר׳קען, ביי׳ם אַלטען מחותן געוועזן אַ גאַנצער באַל, מע האָט געגעסען קאַלטען באָרשט מיט גרינע אוגערקעס און מע האָט ווידער געטרונקען טהעע פון אַ סאַמאָוואר. מאָנטאָג האָט ר׳ שלום אלי אָבגעפיהרט אסתר׳קען קיין אָרעכאָווע. דער קצב האָט געגעבען זיין פערד און וואָגען, די קליינע רבקה׳לע, וועלכע אַלע האָבען אנערקענט אַלס, קיין עין הרע, אַ מענש שוין, אַ בר דעת איז מיט־געפאָהרען

אלס א שומר. זי האָט נאָך דעם זיידען, דעם רב ניט געקענט...

א זייגער עלף אין דער פריה זיינען זיי ארויסגעפאָהרען. הויך אויסגעבעט אויף פרישע היי זיינען געזעסען שלום אלי און אסתר׳קע, און צווישען זיי אלס א שומר, אלס א מחיצה איז געזעסען רבקה׳לע. עס איז געווען א שעהנער טאָג. די ווייטע ברייטע סטעפּען ארום זיינען געווען פערגאָסען מיט ליכט, און דיביידע עלטערע פּאסאזשירען זיינען געזעסען שטיל אונטער דעם דרוק פון שווערע דונקעלע געדאנקען. קיין איין וואָרט האָבען זיי איינעם צום אנדערן ניט אויסגערעדט. נור דאָס קינד, וועלכעס האָט צום ערשטען מאָל אין לעבען געמאַכט אַזאַ ווייטע נסיעה, נור דאָס קינד האָט געברומט ווי א טייבעלע... דאָס האָט זי דערזעהן ווייט א מיהל, דאָס איז זי ענטציקט געוואָרען פון גראף קאַנגרינס שלאָס — א גרויסע שטוב מיט אַזוי פיעל פענס־טער, געדעקט מיט גרינעם אייזען. ענדליך, ווען זי האָט דערזעהן א גאַנצע הערדע וויסינקע, לעבעדיגע שעפּעלעך איז איהר שמחה און התלהבות געוואָרען אַזוי גרויס, אז זאָגאָר ר׳ שלום אלי מיט אסתר׳קען האָבען אויך אָנגעהויבען לאַכען...

„ערשט ארום צוויי א זייגער האָט אסתר׳קע צום ערשטען מאָל אויסגערעדט א וואָרט צו ר׳ שלום אלי׳ן. ער האָט פּלוצלונג אראָב־געקעהרט דעם פערד פונ׳ם גרויסען וועג. אסתר׳קע האָט שטיל גע־פרעגט: וואָהין, ר׳ שלום אלי? מיר דאַכט איהר ווייסט ניט דעם וועג... ער האָט געענטפערט ניט קוקענדיג אויף איהר: איך וויים דעם וועג צו גוט... איך האָב אמאָל בעגאַסען דעם גאַנצען וועג פון אָרעכאָווע ביז וואסיליעווקי מיט מיינע טרערען... זי האָט פער־שטאַנען וואָס ער מיינט און זיי זיינען ביידע אנשוויגען געוואָרען. ר׳ שלום אלי האָט זיך באלד געכאפּט, אז ער האָט געזאָגט, וואָס מען דארף ניט, און האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט אַן אנדער טאָן. „מיר פאָהרען יעצט אראָב פון וועג.... דאָ באַלד אין דער באַלקע איז דאָ א קרעניצע... מיר זיינען שוין אָבגעפאָהרען האַלב וועג און דער קצב האָט מיך געבעטען, איך זאָל דאָ אָנפּוטערען דאָס פערד, לאָזען איהם אויסרוהען זיך און אָנטרינקען איהם... מיר וועלען קומען קיין אָרעכאָווע שפּעט נאָך מעריב. זיי האָבען זיך אראָבגעלאָזט אין א טהאָל, וואו דריי אַלטע הויכע ווערבעס האָבען זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע אום צו בעשיצען א לעבעדיגען קוואַל, וועלכער אין

געווען אַרומגעבויט מיט שטיינער. שלום אלי האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד און האָט זיך אַוועקגעזעצט פון דער ווייטען אויף אַ טרוי־קענעם שטיק האָלץ. די קליינע רבקה'לע איז אַנשלאָפען געוואָרען ביי אסתר'ן אויפ'ן שויס, און זי איז געזעסען שטיל, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט. לאַנג האָבען זיי ביידע געשוויגען. ענדליך האָט אסתר'קע געמאַכט אַן ענערגישע בעוועגונג מיט איהר האַנד און האָט מיט בעשלאָסענהייט אָנגעפאַנגען צו רעדען. מען האָט געזעהן, אַז זי וויל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסזאָגען, דאָס, וואָס האָט געמוזט ווען עס איז ארויסגעזאָגט ווערען.

— שלום אלי, האָט זי געזאָגט, מיט אַ שטילער ריהרענדער שטי־מע, פאַר וואָס זיצסט דו אַזוי ווייט פון מיר? איהר האַרץ איז פער־קיהלט געוואָרען, ווען זי האָט געזאָגט דאָס וואָרט „דו". אַז זי איז געווען אַ מיידעל האָט זי איהם געזאָגט דו, ווי צו אַ ברודער. אָבער איצט?...

שלום אלי איז געבליבען זיצען אויף זיין פּלאַץ. ער האָט אַראָב־געלאָזט דעם קאָפּ און האָט געזאָגט: דאָס קינד שלאָפט און מיר זיינען כמעט ווי אָהן אַ שומר דאָ...

— מיר זיינען ניט קיין פרעמדע, שלום אלי... און... איך דאַרף מיט דיר... מיט אייך רעדען... ער איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום וואָגען. זי האָט מיט ציטערענדע הענד געפּעגט דעם סאַקוואַיאַזש, האָט פון דאָרטען ארויסגענומען עפּעס אַ זאַך, פערוויקעלט אין פּאַפּיר און האָט שטיל געזאָגט: איהר זעהט? דאָס איז אייער דרשה גע־שאַנק... דאָס איז אייער „מזרח", ניט איין מאָל האָב איך איהם בע־גאָסען מיט טרערען נאָך דאָרט... אין יעקאַטערינאָסלאוו און ניט איין מאָל האָב איך איהם געדריקט צו מיין האַרץ און געקושט... און איהר זייט ניט געקומען צו מיר... איך האָב אַכט חדשים גע־וואַרט און דו ביסט ניט געקומען.

— איך האָב ניט געקענט קומען, אסתר'קע...

— ווייל דו האָסט ניט געטראַכט וועגען מיר...

— איך האָב ניט געטראַכט? גאָט ווייס דעם אמת און נאָך וואָס זאָל איך לייקענען? איך האָב געטראַכט פון דיר נאָך איידער איך בין געוואָרען אַ חתן פאַר דיין שוועסטער, עליה השלום... איך

האָב געטראַכט פון דיר, ווען איך האָב ניט געטאָרט טראַכטען, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען דערפאר...

איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ פייער פון גליק און פרייד און זי האָט לוסטיג אויסגעשריען: פאר וואָס־זשע ביסט דו ניט געקומען צו מיר, נאַררעלע?

— ווייל דו ביסט אַ גרושה!

זי האָט זיך צולאַכט מיט אַן אונשולדיגען קינדערשען געלעכ־טער. „נו, און אַז איך בין אַ גרושה, איז דאָס אַזאַ גרויסער אונ־גליק?"

— יאָ, עס איז אַ גרויסער אונגליק... אסתר'קע, איך בין אַ כהן, און אַ כהן טאָר ניט חתונה האָבען מיט אַ גרושה.

— אַזוי? אַי, גאָטעניו פאָטער! האָט זי אויסגעשריען אַ טויט דערשראָקענע, אָבער זי האָט זיך באַלד בערוהיגט. אָבער, שלום אלי, מיר וועלען זאָגען דעם טאַטען... אפשר איז דאָ עפּעס אַ דין?.. פאר וואָס זאָלען מיר ביידע זיין אונגליקליך אונזער לעבען לאַנג? און דאָס קינד נעבעך, די אָרעמע יתומה'לע? זי האָט אָנגעהויבען שטיל צו וויינען... נאָכדעם האָט זי זיך צוגעבויגען צו איהם ניעדריגער און האָט געזאָגט: מיין טאַטען האָב איך זיך געשעמט דאָס צו זאָגען, דער רביצין, מיין שטיפמוטער איז מיר געווען מיאוס צו זאָגען, אָבער דו ביסט ווי איך אליין און איך וועל דיר זאָגען... איך בין אַ גרושה... דאָס הייסט, יאָ אַ גרושה, אָבער ניט ווי אַנדערע... ער איז געווען אַ קראַנקער... דו וועסט זעהן, דער טאַטע וועט געפינען אַ דין אַז מען מעג... דו וועסט זעהן, טייערער... כשר'ער, ליעבער מענש!

„די צווייטע העלפט פון זייער רייזע איז געגאַנגען גאָר אַנדערש. אלע האָבען געוואָרן פריילעך, געמאַכט אַ סעודה פון קיכלעך מיט גע־באַקטע אייער, געלאַכט הויך... שלום אלי האָט דערצעהלט אַ פּאָר שעהנע גלייכווערטלעך... און ווען עס איז ניט געווען פון וואָס צו רעדען, האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבען צו זינגען אַ גאַנץ נייעם „המאיר לארץ ולדרים". אַזאַ „המאיר לארץ" זינגט אַ מענש איין מאָל אין זיין לעבען. ער האָט געזונגען מיט אַ ליידענשאַפטליכען פייער און מיט טיעפע געפיהלע, אין זיין געזאַנג האָט זיך געהערט דאָס טרויעריגע פערטראַכטע ליעד פון אַ ווילדען בערואין, וואָס רייטעט

ווייט אין דעם מדבר, עס האָט זיך געהערט דאָס הייסע געבעט פון א פאַנאַטיקער צו גאָט, עס איז אין דער זעלבער צייט אויך געווען א ליי־דענשאַפטליכער ראָמאַנס פון א פערליעבטען, א הערליכע הימנע צו דער מעכטיגער נאַטור...

„ווען עס איז געוואָרען פינסטער און דאָס קינד איז ווידער אנשלאָפען געוואָרען ביי אסתר'קען אויף די הענד זיינען זיי געבליבען אָהן א מחיצה, זעהר נאָהענט איינער צום אַנדערען... ער האָט גע־פיהלט איהר וואַרעמען אָטהעם, זי האָט געהערט דאָס צירקולירען פון זיין בלוט. פּלוצלונג איז אסתר'קע צוגעפאַלען מיט איהר הייסען קאָפּ צו זיין ארעם און האָט שטיל און לײדענשאַפטליך עטליכע מאָל ווי־דערהאָלט: „איך האָב דיך ליעב, שלום אלי! איך האָב דיך ליעב!''... ער איז פערקיהלט געוואָרען אויף זיין אָרט. ער האָט מורא געהאַט, זיין הארץ וועט צוריסען ווערען פון צופיעל גליק.

''שפּעט האָט די נאַכט געברענט פייער ביי'ם רב אין שטוב. דער רב האָט געזוכט, געטראַכט, פערגלייכט פיעלע פּלעצער פון פערשיע־דענע אווטאָריטעטען און האָט ענדליך געגעבען זיין אורטהייל: ביי אַן אַנדערען וואָלט ער אפשר ניט געווען אזא מחמיר... ער וואָלט אפשר אַנגעפרעגט ביי א גרויסען רב, מישב געווען זיך... אָבער ביי זיך אליין פּאַסט ניט... ניין! א כהן דארף ניט חתונה האָבען מיט א גרושה...

„אסתר'קע האָט א גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען. די קישען אונ־טער איהר ארעמען קאָפּ איז געווען אויסגעווייקט אין טרערען. קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, האָט זי דערהערט א גערויש אין הויף... זי איז צוגעלאָפען צום פענסטער. שלום אלי, א בלאַסער ווי דער טויט, האָט לאַנגזאַם געשפּאַנט דעם פערד, נאָכדעם האָט זי געזעהן, ווי ער האָט ארויסגעטראָגען אויף די הענד די שלאָפענדיגע רבקה'לע, נאָכדעם האָט ער, ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ, גענומען דעם פערד פאַר'ן צוים און ארויסגעפיהרט שטיל פונ'ם טויער. זי האָט געהערט, ווי די רעדער פון וואָגען האָבען אָנגעהויבען צו קלאַ־פּען... זי האָט געהערט די טריט פונ'ם פערד. אלץ ווייטער און ווייטער ,ביז עס איז געוואָרען שטיל. דאַן ערשט איז אסתר'קע צו־געפאַלען מיט איהר קאָפּ צום פענסטער און פון איהר פערדריקטער ברוסט האָט זיך ארויסגעריסען א שטילער פערשטיקטער יאָמער....

„היינט אין דער פריה האָט זי איהם געזעהן צום לעצטען מאָל אין איהר לעבען"....

דריטער טאָג.

מע טאָר ניט.

עס האָט גערעגענט אין די בערג.

פריהער האָט גערעגענט ווייט ערגיץ אונטען. אין דער צושפּאָל־טונג פון צוויי הויכע בערג, וואו מיר פלעגען אין א ליכטיגען טאָג זעהן טיעף אין דער נידער שטעטעלעך, דערפער, הייזלעך איינגעוויקעלטע אין גרינע מאַנטלען, — זיינען געלעגען איצט אונטער אונז געדיכטע וואָלקענס און עס האָט גערעגענט דאָרט. מיר, קליינע מענשעלעך זיינען געשטאַנען איבער די וואָלקענס. אויף די בערג איז געווען ליכטיג און רוהיג. די שטאָלצע בערג־גיגאַנטען האָבען גלייכגילטיג געקוקט אראָפּ, וואו עס האָט געדונערט און געבליצט, און דער רעגען האָט מיט לאַנגע וואסערנע פּאַסען געשמיסען די ערד. דאן איז געקומען א ווינד, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו שטורעמען און צו רוישען אין וואלד. די בערג זיינען געוואָרען אונמוטהיג און פערטרויערט. א דונער האָט זיך צוקייקעלט ווייט איבער די בערג; און דער שטורם איז אויך געקומען צו די, וואָס זיינען אין דער הויך... ווען עס איז געווען ליכטיג זיינען די בערג.געווען אזוי הויך און אזוי ווייט פון אונז. אָבער וואָס דונקעלער עס איז געוואָרען, זיינען די בערג אַלץ קלענער און נידריגער געוואָרען און אַלץ נעהענטער און נעהענטער האָבען זיי זיך גערוקט צו די פענסטער פון אונזער האָטעל... ענדליך האָבען זיך די וואָלקענס מיט די בערג צונויפגעגאָסען אין איין דונקעלע פינסטערע מאססע און דער רעגען האָט אָנגעהויבען צו רוישען, ווי די וועללען פון אָקעאַן.

מיר זיינען געזעסען אין פראָנט־צימער פון האָטעל אויף צוויי

גרויסע שטרויענע שאָקעל־שטוהלען און מיר האָבען לאנג בעוואונ־דערט דיזע וואונדערליכע ערשיינונג פון דער נאטור. די בליצען, וועלכע פלעגען מיט לאנגע, געבראָכענע, בלוטיג־ווייסע ליניען אויף איין אויגענבליק בעלייכטען די וועלדער און די בערג, — די דונערן, וועלכע די שויבען פון די פענסטער האָבען פאָנאָגראַפירט און פון וועלכע די גאנצע געביידע פונ׳ם האָטעל האָט געציטערט, — דאָס אַלעס האָט געווירקט אויף די שוואכע נערווען פון מיין פריינד דאָ־רים אקוראט ווי שאמפאניער. ער איז געוואָרען ווי בעטרונקען, לעב־האַפט און פריילוך. אויף א קליין טישעלע לעבען זיך האָט ער אָני־דערגעלעגט דעם העפט מיט ערצעהלונגען און האָט מיט א הילכיגע שטימע אויסגעשריען: „איך, שוואכער מענשעלע, וועל אייך לעזען מיין צווייטע ערצעהלונג, און די מעכטיגע נאטור וועט מיר אקאָמ־פאַנירען!

זעלבסטפערשטענדליך, אין א ליעבעס־ערצעהלונג מוז זיין אַן „ער" מיט א „זי". ער איז זעהר א געבילדעטער, זאָגאר א געלעהרטער מענש, א כעמיקער. ער וואוינט אליין שטענדיג אין דער גרויסער שטאָדט אדעס און געקומען איז ער אהער אין קליין שטעטעל קרי־וואָי ראָג וועגען געשעפט. מע האָט דאמאלס אין קריוואָי ראָג און אין דער גאנצער געגענד־ארום ערשט געפונען פיעל אייזען־ערץ (רודא) און פערשיעדענע אנדערע מעטאַלען, מינעראַלען, און מינעראַלע פאַר־בען. און וויל ער, אלס איד האָט זיך ניט געקענט געפינען קיין שטעלע, איז ער געקומען זעהן, אויב עס איז ניט מעגליך אין קריוואָי ראָג צו עפענען א געשעפט פון מינעראַלע פארבען. דער רייכער שווער זיינער האָט פערשפּראָכען צו געבען געלד וויפיעל מען וועט דארפען. אין גאַנצען שטעטיל איז דאן געווען איין אכסניה ביי לייזער זלאָטעס און ער האָט זיך געמוזט אין דער אכסניה אָבשטעלען. א שעהנער יונגער מאַן, אן אדעסיט, רייך און עלעגאנט געקליידעט, מיט א מאָד־נעם שטרויענעם הוט, וועלכער האָט אויסגעוויזען ווי א קיווער מיט א קאזיראָק פון הינטען און א קאזיראָק פון פאָרענט, מיט א שוואַרצען זיידענעם מאַנטעל אָהן ארבעל, מיט צוויי גרויסע לעדערנע טשעמאָדאַ־נען, — אזא גאַסט האָט, זעלבסטפערשטענדליך, מיט זיין ערשיי־נונג געמאכט א גרויסען איינדרוק. ר׳ לייזער זלאָטעס, א געלער, ניעדריגער, קרענקליכער, דארער אידעל מיט ווייסע אויגען, זיין ווייב,

א מעוברת׳ע הויכע אידענע מיט א לאנגען בלייכען פנים, עפּיס א יונג מיידעל, וועלכע ער האט קיין צייט ניט געהאט גוט צו בעמערקען, א יונגע גוי׳קע, א דיענסט מיט׳ן נאמען הארפּינע, מיט צוקארבטע, בארויעסע פיס, עפּיס אן אלטער גוי, א ראבאטניק מיט צוויי אויסגע־קרימטע פיס און פערשלאפענע אויגען, — מיט איין ווארט די גאנצע בעפעלקערונג פון דער אכסניה האט אנגעהויבען לויפען אין א ווילדען אימפּעט, שטופּען זיך, שרייען, שלעפּען די זאכען. פון דער גרויסער אלטער שטוב האט איהם אליין דער בעל־הבית ארייגעפיהרט אין א פליגעל, וואס איז געשטאנען אין הויף. „אין דער אלטער שטוב, האט געזאגט ר׳ לייזער זלאטעס, איז אונרוהיג. ערשטענס דער שענק מיט די שיכורים, און דאן די קינדערלעך, קיין עין הרע, מיר האבען זעקס, וואקסען זאלען זיי. דארטען שטעהען ביי אונז ניט קיין וואזשנע געסט. דער פליגעל איז פאר אזעלכע געסט ווי איהר״. שפּעטער האט האר־פּינע געבראכט א סאמאוואר און האט געקוקט אויף איהם מיט פערוואונדערטע שאפענע אויגען. „אין הויז״ אדער פארדער־צימער האט ער געהערט, ווי זי האט א געשריי געטאן אויף מאלאראסיש: „ליובא, וואו בעהאלסט דו זיך? געה, די מאמע רופט דיך!״ נאכ־דעם איז געקומען מאדאם זלאטעס מיט קעז, סמעטענע און אייער, און האט געפרעגט: זאל זי איהם אויף גיך מאכען א „קאווערמא״, אדער ער וועט ווארטען ביז זי וועט שיקען צום שוחט קוילען א הון? ווען זי איז ארוים פון זיין צימער, האט זי א קלאפּ געטאן מיט דער טהיר און האט אנגעהויבען בייז צו שרייען: „ליעבע! ליעבע! וואו ביזט דו דארט? פער׳שרף׳עט זאלסט דו ווערען! דער שענק איז פול מיט גוים. דער טאטע צורייסט זיך דארט!...״ ענדליך איז ער גע־בליבען אליין. ער האט אנגעהויבען פערקאכען טהעע, און האט אונ־ווילינדיג א טראכט געטאן: ווער קען דאס זיין די פערזאן, וועלכע רופט זיך מיט אזא שעהנעם, אמת ליעבליכען נאמען — ליובא אין גויש, און ליעבע אין אידיש? פּלוצלונג האט אזוי ווי אליין פון זיך, אזוי ווי פון א געהיימע צויבערמאכט אויפגעעפענט זיך די טהיר פון זיין צימער, לאנגזאם און שטיל. ער האט אויפגעהויבען דעם קאפּ — קיינער ניטא אין „הויז״. געגען דער טהיר פון זיין צימער איז געווען אפען די טהיר „זאל״. ער האט געזעהן א גרויסען צימער, מיט נייע וויענער שטוהלען, מיט אן אלטען גרויסען שפּיעגעל פונקט געגען איהם

ביי'ם וואנד. ער האָט לאנג געווארט. קיינער איז ניט ערשיענען. דאן איז ער א בייזער אויפגעשטאַנען א קוק צו טאָן, ווער איז דאָרט. הינ־טער דער וויט־געעפענטער טהיר אין א ווינקעלע האָט ער דערזעהן א יונג מיידעל פון א יאָהר זיעבצעהן. זי האָט זיך צוגעטוליעט נאָ־הענט צום וואנד אביסעלע דערשראָקען און פערשעמט, אָבער שטארק פערזאָרגט איז זי ניט געווען. איהרע שווארצע סאַמעטענע אויגען, איהרע רויטע פולע ליפּלעך האָבען געלאכט... מיט איהר קליינע פוכקע הענטיל האָט זי געפּלאָכטען איהרע לאנגע שווארצע צעפּ, וועל־כע האָבען אזוי ווי צוויי שלענג ארומגעוויקעלט איהר האַלז און אי־בער דער פּלייצע־אראָב איבער איהר יונגען ביוסט געפאלען כמעט צו דער ערד. איהרע אויגען און איהרע ליפּען האָבען געלאכט, און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן... זאָל ער אויך לאכען? זאָל ער זי א כאַפּ טאָן און צוציהען צו זיך? אָדער זאָל ער איהר עטוואָס גוטעס זאָגען? זאָל ער זי אָנרופען „ליעבע שטיפעריןֿ?" אין דעם אויגענבליק האָט זיך דערהערט מאדאם זלאטעס שניידענדע שטימע: ליעבע, אהער געה!... און די שטיפערין, ניט קענענדיג איהם, ניט זייענדיג פאָרגעשטעלט, האָט גאנץ פאַמעלאך איהם א כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענד און, מען קען זאָגען, פּשוט אריינגעוואָרפען אין זיין צימער אריין, און פלינק צוגעמאכט די טהיר...

ער איז געווען א פערהייראַטהער מאַן, זיין ווייב, א רייכען ווייץ־הענדלערס א טאָכטער, איז ניט געווען שעהן, ניט געווען קלוג, ניט געווען געבילדעט, האָט ניט געהאַט קיין אנדערע מעלות, אויסער א רייכען טאַטען. ער איז ניט געווען פערליעבט אין איהר פאר דער חתונה, ער האָט ניט געפיהלט קיין ליעבע צו איהר נאָך דער חתונה. און זיי האָבען זיך גערעכענט פאר זעהר א גליקליך פּאָאר פּאָלק. ער האָט זיך גערעכענט פאר אן אנשטענדיגען, עהרליכען מענשען און האָט זעהר מורא געהאַט פאר די זאכען, וואָס פאסען ניט, אָדער וואָס מען טאָר ניט. ער איז א פערהייראַטהער, דאַרף ער זיך פיהרען סאָליד, מעשה מענש. ראָמאַנען מיט ליעבעס זיינען געשאפען פאר ניט סאָלידע מענשען. און ווירקליך, נאָך וואָס דאַרף מען ליעבע, ליידענשאפטען, ווען מען האָט אן אייגענע פרוי? ער איז געווען גוט, פריינדליך, אויפמערקזאַם, העפליך צו זיין ווייב, איז געזעסען ווי א בעל־הבית'ישער מענש אין דער היים, ווען ער איז ניט געווען

בעשעפטיגט, און איז געווען שטאָלץ צו הערען, ווי די שוויגער און אַלע בעקאַנטע אידינעס שטעלען איהם אלס א מוסטער פון פאמיליען־לעבען... אנשטאט א בעגעהר פון ליעבע, האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט א שוואכקייט צו זיין א מוסטער פון א פאמיליען מאַן. איהם איז ניט געווען באַנג צו שיידען זיך פון זיין פרוי, פון דעסטוועגען האָט ער זיך מיט איהר זעהר ערנסט געזעגענט און האָט זי זעהר פלייסיג געקושט און האָט עטליכע מאָל צוגעזאָגט אונבעדינגט יעדען טאָג צו שרייבען ניט וועניגער ווי איין מאָל. פון וועג האָט ער געשיקט א פּאָסט־קארט מיט הונדערט קושען, וועלכע ער האָט פון איהר'ט וועגען גאָר ניט געהאט, ווארום ווען ער האָט זי זאָגאר געקושט, איז דאָס געווען ניט מעהר ווי א קאַלטער אקט פון פאמיליען־עטיקעט. דעם ערשטען טאָג פון קריוואַי ראָג האָט ער געשריבען, אז ער בענקט שוין א היים זעהר שטארק, אָבוואָהל ווען ער האָט עס געשריבען, איז פאר זיינע אויגען געשטאַנען די אונבעקאַנטע שטיפערין, א צוגעטוליעטע צום וואנד הינטער'ן טהיר אין א ווינקעלע... היינט, אויפ'ן צווייטען טאָג האָט ער זיך געזעצט שרייבען א לאַנגען, ערנסטען בריעף צו זיין ווייב און צו זיין שווער וועגען די היגע מינעראַלע פארבען. צו'ם ערשטען מאָל, זינד ער איז פערהייראטעט איז איהם געווען אזוי שווער אָנצופאנגען דעם בריעף צו זיין ווייב מיט די געוועהנליכע ווערטער: „מיין טייערע סאָניטשקע!" און צו'ם ערשטען מאָל אין זיין לעבען, אנשטאָט צו ווערען בייז, איז ער געווען אזוי צופריעדען, וואָס מע האָט איהם געשטערט צו שרייבען אזא וויכטיגען בריעף. און געשטערט האָט מען איהם היינט עטליכע מאָל... קוים האָט ער אויפגעשריבען עטליכע שורות, האָט ער דערהערט, ווי „זי" לויפט מיט איהרע לייכטע שריט און זינגט... מיט'ן זינגען האָט זי איהם היינט שוין עטליכע מאָל געגעבען סיגנאַלען וועגען איהר קומען אין פליגעל אריין... ער האָט מיט פערגעניגען אוועקגעלעגט זיין פעדער און האָט מיט אונגעדולד געווארט... ער האָט שוין געוואוסט, אז באַלד וועט זיך שטיל און לאַנגזאַם עפענען די טהיר... זי האָט פיינט, אז עס איז צוגעמאכט . . . זי האָט שוין עטליכע מאָל די טהיר געעפענט, באַלד קומט אָבער די מאמע, רופט זי אוועק פון דאַנען און מאַכט עס צו . . .

ער ווארט איין אויגענבליק. די טהיר עפענט זיך שטיל אויף...

ליובא גיט א ווילדען שפּרונג אין זאַל אריין אַנקעגען, שטעלט זיך געגען שפּיעגעל און פלעכט איהרע צעפּ... זי ווייס אָהן דעם שפּיגעל, אַז זי איז שעהן, זי וויל אָבער דער שפּיגעל זאָל עס איבערצייגען... זי קוקט אין שפּיגעל און זעהט וואָס אַנקעגען, ביי איהם אין שטוב טוט זיך... זי זעהט אַז ער קוקט אויף איהר, אַז ער זעהט זי, און זי זאָגט איהם עפּיס שטיל. זי רעדט נאָך דערוויילע צו זיין שאָטען אין שפּיעגעל, אָבער ער פּיהלט, אַז איהרע ליפּען שעפּטשען איהם עטוואָס אנגענעהמעס. און ער ווייסט, אַז זי וועט זעהר גיך אָנפאַנגען צו רעדען צו איהם אליין. מיט שרעק און מיט אונגעדולד ערווארטעט ער די מינוט. מאַדאַם זלאָטעס קומט מיט איהרע שווערע טריט, פער־האקט מיט כעס די טהיר פון זיין צימער. ער הערט, ווי זי קלאָגט זיך, אַז די פיס זיינען איהר געשוואָלען פון לויפען יעדע מינוט אין פליגעל אריין, זאָל, שונאי ישראל, דער פּליגעל בעסער אין גאַנ־צען פערברענט ווערען... וואָס ציהט דיך אהער, דו קליפּה? פרעגט די מוטער מיט כעס... די טאָכטער ענטפערט ניט, זי זינגט זיך שטיל א מאַלאָראָסישע ליעדעלע און לויפט צוריק אין דער אַלטער שטוב מיט איהרע לייכטע שריט, גלייך ווי זי גליטשט זיך.

ער ענדיגט שנעל דעם בריעף און געהט אין דער אַלטער שטוב אום צו פרעגען, וואו די פּאָסט איז. ער ווייסט עס שוין זעהר גוט, נאָר איהם ציהט צו זעהן וואָס זי טוט. „זי” בעל־הבית'עוועט אין שענק. שוועבט, אַזוי ווי זי גליטשט זיך פון בופעט צו די טישען. אַלע ווענדען זיך נור צו איהר און ווען זי געהט צו, ווערט יעדער בע־גאָסען מיט שטראַהלען פון פרייד און פערגניגען, גלייך ווי די זונן אליין זאָל אויף זיי שיינען. זי זעהט, אַז „ער” איז דאָ און ווערט נאָך לעבהאַפטער. א געזונטען שיכור'ן גוי, אַן אטלעט גיט זי א פּאטש איבער'ן היטעל, דעם פאַן אוריאַדניק אליין טרעט זי אונמיסטען אָן אויפ'ן קאַזיאָנעם שווערט און אי דער שיכור'ער גוי, אי דער או־ריאַדניק זיינען זעהר צופריעדען.

— די טרפה'נע הויט ברענט אויף איהר, זאָגט צו'ם אדעסער גאַסט די לאַנגע מאַדאַם זלאָטעס. איהר דאַרפט אייך אליין ניט מטריח זיין, זי איז ניט קליין אוועקצוטראָגען דעם בריעף... ליעבע!...

ליעבע נעהמט דעם בריעף, און כלומר'שט אונווילינדיג גיט

זי מיט איהר קליינע הענטעל א גלעט זיין ווייסע האנד. און מיט איהרע שווארצע אויגען גיט זי איהם א ברען פון אונטערן שטערען. זי גיט א שפרונג איבער'ן שוועל און גליטשט זיך אויס. ער ווייסט, אז איהרע עלטערען וועלען געוויס מיט איהם רעדען וועגען איהר. און בלייבט אונמיסטטען אין שענק־הויז.

— איז זי אייערע אן אייגענע טאכטער, אדער א שטיעפקינד? פרעגט ער די לאנגע מעוברת'ע אידענע, וועלכע זיצט אויף א לע־דיגען פעסיל פון בראנפען און גלעט דעם ניט צוקעמטען קאפ פון א קליינעם שמוציגען אינגעלע...

— ניט מיין קינד גאר? חלילה, וואס רעדט איהר! דאס איז מיין ערשטלינג... זי איז שוין זיעבצעהן יאהר און שפרינגט נאך ווי א ווילדע ציעג. מען קען זאגען, זי איז ווי ראשצינע וואס האט אין זיך צופיעל הייוועז. איהר ווייסט דאך, מסתמא, ווען ראשצינע האט אין זיך צופיעל הייוועז, מוז עס אריבערלויפען...

— יא, מע דארף גוט אכטונג געבען די ראשצינע זאל ניט ארי־בערלויפען, זאגט דער פאטער סארקאסטיש, צעהלענדיג געלד פון יענער זייט בופעט.

— נו, יא, זאגט די מוטער, די טריפה'נע בלוט זידט און קאכט אין איהר — גליידך זי וואלט גאר ניט זיין קיין אידישע טאכטער. וואס ליגט איהר אין זינען, וואס מע טאר אדער וואס מע טאר ניט? סמאליעט א וועלט!

— מיר האבען געמיינט, זי וועט א כלה ווערען, וועט זי ווערען א מענש, מישט זיך ווידער אריין דער געלער אידעל מיט די ווייבע אויגען, — וויים איך! עס הויבט זיך גאר ניט אן. א צרה ניט קיין מיידעל!

— זי איז שוין א כלה ביי אייך? אזא יונגע! זאגט דער אדע־סיט מיט פערדרוס.

— א יונגע! א מויד קיין עין הרע... זי זאל ניט זיין אזא געזונטע און אזא שעהנע, וואלט מען ניט געדארפט אזוי היטען זיך און איילען זיך... נו, איז זי דוקא אזוי געזונט און שעהן. דעם ניט גוטען אויף צופוקינעם... און דערצו דא ביי אונזער געשעפט. אזוי פיעל פרעמדע מענשען און אלע מאכען זי משוגע, פון קינדווייז אן. עס ליגט איהר עפעס אין זינען? שפרינגט, ווי א ווילדע ציעג. יעדע

מינוט ביי'ם שפּיעגעל, דאָס פערפלעכט זי די צעפּ ביי'ם שפּיעגעל, דאָס בינדט זי צו אַ רויטע בענדיל ביי'ם שפּיעגעל, דאָס מעסט זי אָן קאָרעלען ביי'ם שפּיעגעל, דאָס טאַנצט זי געגען שפּיעגעל... נור נאַרישקייטען ליגען איהר אין זינען... דער רוח ווייסט וואָס!

— אַ יונגעס מעדכען, ווארום ניט? רעזאָנירט דער גאַסט.

— יאָ, אָבער אַז נור נאַרישקייטען ליגען אין זינען. קען עס אַמאָל, חלילה, ווייט פערפיהרען, איך לאָז פון איהר די אויגען ניט אַראָפּ.

— קיין נאַרר איז זי ניט, זאָגט דער פּאָטער שטאָלץ, נור אַ ווילדע אַביסעל. עס וועט איבערגעהן...

— נו, יאָ, אַ גרויסע חכמה! איהר וועט מיר גלויבען, וואָס איהר, דער משוגענער פאלט איין? איך עפּען אַמאָל די טהיר פון זאַל, זי שטעהט געגען שפּיעגעל מיט אַ נאַקעטע האלז און קלייבט נחת פון איהר אייגענעם יונגען לייב. טפו זאָל זי ווערען!

— בהמה! זאָגט דער מאַן בייז. דארפסט נויטיג דערצעהלען יעדע נאַרישקייט! אַלטער פערד! נו, און ווי שטעהט איצט די פּרייז אויף ווייץ ביי אייך אין אדעס?

— נו, וואָס איז דאָרטען? זאָגט רוהיג די לאַנגע בלאַסע אידענע. זי איז נאָך גאָר אַ נאַרישע מיידעל. גאָטעניו, מען זאָל נור איבערלעבען די עטליכע חדשים ביז דער חתונה. אַז מע וועט איהר פערבינדען דעם קאָפּ וועט זי שוין מוזען ווערען אַ מענש. זי האָט חתונה מיט מיין מאַנ'ס אַ יונגערן ברודער. ער איז אַן אַלמן מיט דריי קינדער. אָבער זעהר אַ גרויסער גביר... קיין בייז אויג!

— איהר האָט געמוזט הערען פון מיין ברודער אין אדעס. ער וואָהנט דאָך אין אייער געגענד אין לעפּעטיכע ביי'ם דניעפּער, ברוך זלאַטעס...

מיט אַ שווער הארץ און צובראָכען געמיטה איז ער ארויסגעגאַנגען גלייך פון דער שענק־טהיר אויף דער ברייטער מאַרק־גאַס. שוין אַ כלה? חתונה האָבען מיט אַן אלמן? דריי קינדער! ער האָט געהאַט אין זינען צו געהן אהין, וואו די פּאָסט איז. אָבער אויף דער טהיר איז שוין געשטאַנען די לאַנגע בלאַסע אידענע און האָט געשריען: וואו איז זי דאָרט פערפאַלען געוואָרען? ער האָט אַראָבגעקעהרט אין אַ קרומע ענגע געסעל און איז פערשוואונדען

געוואָרען. לאַנג איז ער אומגעגאַנגען צוועקלאָז. ער האָט פון קיין זאַך ניט געקענט דענקען, נור פון דער נאָך גאָר נאַרישע מיידעל. ער האָט קיין זאַך ניט געזעהען — זי איז געשטאַנען לעבען שפּיגעל... דיעזע אונפּאַסענדע געדאַנקען האָבען ענדליך געמאַכט איהם אַזוי אונרוהיג און זאָגאַר בייז, אַז ער האָט בעשלאָסען, דאָס דער בעס־טער מיטעל וועט זיין צו געהן אַהיים און שרייבען באַלד אַ הייסען ליעבעס בריעף צו זיין סאָניטשקען. די טהיר פונ'ם זאַל איז געווען אָפּען, ווען ער איז אריין אין „הויז", „זי" און די דיענסט האָרפּינע זיינען געזעסען אויף דר'ערד און האָבען זיך ערנסט געשפּיעלט אין צייכען. האָרפּינע האָט זיך זעהר דערשראָקען און האָט זיך געוואָלט אויפכאַפּען. ליובאַ אָבער האָט זי ניט געלאָזט. ניש־קשה, נאַרר, האָט זי שטיפענדיג און קאָקעטיש געזאָגט, ביי דעם הערר איז קיין פערברעכען ניט, וואָס מיר ווילען זיך שפּיעלען ווי קליינע קינדער און מיר ווילען זיך ליעבען ווי גרויסע מיידלעך... ביידע יונגע פרויען האָבען זיך צולאַכט. איהר ווייסט, מיר רעדען ביידע נור פון אייך . . . מיר האָבען נאָך ביידע אַזאַ שעהנעם מאַן ניט געזעהן, ווער איז דאָ דאָ? שטרוי מיט פּאַלאָווע. חאַ! חאַ! ביי נאַכט שלאָפט האָר־פּינע לעבען מיין בעטעל אויף דער ערד און מיר רעדען זעהר שפּעט פון אייך. זי ראַמט אייער צימער און זי האָט מיר פיעלעס פון אייך צו דערצעהלען... זי איז נאָך אויך אַ יונגע... צוואַנציג יאָהר אַלט... און זי האָט שוין געהאַט אַ קינד און איהר מאַן איז אוועק אין סאָלדאַטען... זי איז פון קיעווער גובערניע... זי האָט אַ פּאַס־פּאָרט, סאָלדאַטקאַ האָרפּינע מיטארענקאַ! חאַ! חאַ! חאַ! איך קען כאַפּען אַלע פינף צייכענס מיט אַמאָל, כאַפּ!"

— כאַפּ, האַ? אַקערשט וואָס מע זעהט ניט ווערסט דו אַ מאַ־מע פון דריי קינדער, און דו זיצט גאָר און שפּיעלסט אין צייכען מיט דער שיקסע? פער'שרפ'עט זאָלסט דו ווערען! האָט אויסגע־שריען פּלוצלונג די לאַנגע בלאַסע אידענע. און דו, האָרפּינע, ביסט עס אַזוי געגאַנגען מעלקען די בהמה, האַ?... אַ דיענסט! פּונקט צום רימפּעל.

האָרפּינע איז ארויסגעלאָפען פון שטוב ווי אַ פער'סם'טע, ליובאַ איז אויפגעשטאַנען לאַנגזאַם און האָט גאַנץ שטיל צו איהם גע־זאָגט: „שבת!" און איז מיט שטילע טריט ארוים פון צימער. ער

האט אליין ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס דאס איינפאכע ווארט „שבת” האט איהם געגעבען א בריה ווי מיט פייער...

די זונן האט זיך געזעצט און אין פליגעל איז געווארען שטיל און דונקעל. ער האט געעפענט דאס פענסטער פון זיין צימער. גענען פענסטער זיינען געשטאנען עטליכע צובראכענע ביימער פון אן אל־טען פערלאזענעם גארטען. ווייט האט זיך געהערט ווי בהמות רעווען רחמנות׳דיג און שאף מעקען... הארפינע האט ערגעץ נאהענט גע־מאלקען א בהמה און האט בייז גערעדט צו איהר... די פינסטערניס האט זיך געלעגט אלץ געדיכטער און געדיכטער אויף דער ערד, און צו די הימלען ארויף האט זיך געצויגען א פייכטער גרויער שטויב פון דער ערד... לעבען פענסטער האט א גרילצע הילכיג געפייפט און געגרילצט. ער האט אונטערגעשפארט זיין קאפ מיטביידע הענד און איז געבליבען זיצען פערטראכט. דער קירכענגלאק האט געקלונ־גען זעהר שלעפעריג, לאנגזאם און טרויעריג... אויף דער גאנצער נאטור ארום איז געווען אויסגעגאסען א שטילע בענקעניש... די נאכט האט גערעדט. א גרויסען סוד האט זי געהאט צו דערצעהלען. איהר שפראך איז געווען ליידענשאפטליך און געהיימניספאל. דאס וועהען פונ׳ם ווינטעלע, דער שארך פון די בלעטער, אלע שטילע שטימען פון דער נאכט, — אלעס האט ליידענשאפטליך געשעפ־טשעט צו איהם: שבת! שבת!...

אלבערט דארים איז פלוצלונג אנשוויגען געווארען. ער האט אויפגעעפענט זיינע גרויסע פערטראכטע אויגען אויף מיר און האט שטיל געפרעגט: אויב איך וועל אייך היינט ניט ענדיגען די ערצעה־לונג, וועט איהר מארגען ניט אוועקפאהרען?..

— ניין האב איך ערנסט געענטפערט... איך וויל הערען די ענדע.

— הייסט עס, אייך געפעלט...

— גוט אדער שלעכט, אין יעדען פאל איז עס דערוויילע ניט דעקאדענטיש, ווי איך האב ערווארטעט... פערקעהרט, עס איז איינ־פאך, געזונד און נאטירליך.

דארים האט צוגערוקט צו מיר זיין שטוהל, האט מיט א ווארעמע פריינדליכקייט געדריקט מיין האנד און מיט׳ן קאפ האט ער מיר

געגעבען א צייכען צו קוקען אויף די בערג... דער רעגען איז שוין לאנג פאַראיבער. גרויסע שווארצע וואָלקענס, געטריבען פון א שטאַרקען ווינד, האָבען זיך געצויגען איבער'ן הימעל גאַנצע אַרמעענווייז... אייניגע פון זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ניעדריג, אַז עס האָט אויסגעוויזען, זיי וועלען זיך פערטשעפּען פאַר די בוימער פון וואַלד און צוריסען ווערען. וואוהין איילען זיי זיך אַזוי און וואָרום ווערען זיי געטריבען?... גרויסע וואָלקען־מאַסען האָבען שטיל און שנעל געשוואומען איבער'ן הימלישען אָקעאַן, ווי גרויסע שווארצע זעגעלשיפען איינע יאָגענדיג די אַנדערע. ווייט האָבען זיך אַנגעהויבען בעווייזען בלויע שטיקלעך הימעל. די בערג זיינען ווידער געשטאַנען הויכע און שטאָלצע... די זונן איז געגאַנגען צוריק צו דער ערד.

פיערטער טאָג.

מ ע ט אָ ר נ י ט.

די בערג זיינען ווידער געוואָרען הויך. די זונן הויבט אַלעס אויף מיט איהרע שטראַהלען פון ליכט. אונטען זיינען די בערג געווען דונקעל ווי די טרויעריגע ערד, אויבען — בלוי ווי די פרייע הימלען. מיר זיינען געזעסען אין וואַלד אויף אַן אומגעפאַלענעם בוים און האָבען לאנג געקוקט אויף די שפּיצען פון די אַרומיגע בערג. לעבען אונז איז געווען א לעבעדיגער קוואַל. ריינע קריסטאַלענע וואַסער האָט זיך געגאָסען פון אונטער א שטיין, געגאָסען שטיל און אָהן אַן אויפהער, רעדענדיג פערביי־וועגס צו די צו וואָרפענע שטיינדלעך צערטליך און ליעבליך.

— נעכטען האָבען מיר אַקאָמפּאַנירט די שטורמישע דונערען, האָט געזאָגט דאָריס, היינט וועל איך אייך לעזען אונטער די שטילע רוהיגע בעגלייטונג פון דעם עוויג־רעדענדען קוואַל... פון וואָס דער־

צעהלט עס אזוי שטיל און שעמעוודיג?

— איך וויל וויסען, וואס טוט דארטען אונזער ארעסיט, האב איך געזאגט אונגעדולדיג.

— אונזער ארעסיט זיצט און טרוימט. אין זיין צימער איז דונקעל און שטיל. די נאכט האט מיט מיסטישע שאטענס איינגעוויקעלט די ווירקליכע וועלט און ער טראגט זיך אום אין א וועלט פון פאנטאזיעס און אונמעגליכקייטען... פלוצלונג הערט ער איהרע שטילע טריט און איהר שטילען געזאנג... איהר זינגען, דאס איז איהר סיגנאל. זיין הארץ גיט א שטארקען קלאפ, און ער ווייס אליין ניט, פאר וואס ער בלייבט אזוי דערשראקען. זי גליטשט זיך אריין אין זיין צימער, מאכט שטיל צו די טהיר, און געהט גלייך צום פענסטער. זי זעהט איהם, איהרע גנב'ישע אויגען זעהען אין דער פינסטער גראדע ווי ביי טאג... עטליכע טריט פון איהם בלייבט זי שטעהן און ווארט... א קליינע שווערע פויזע ציהט זיך אונענדליך לאנג. ענדליך זאגט ער מיט א ציטערענדיגער שטימע: ווארום האט איהר צוגעמאכט די טהיר? ביי איהר רייסט זיך ארוים א שטילער געלעכטער: די מאמע וועט נאך באלד קומען מיך זוכען... ווען זי וועט טאפען פון דרויסען די טהיר, וועל איך ארויסשפרונגען דורכ'ן אפענעם פענסטער... איהר האט מורא? האט זי געפרעגט אביסעלע סארקאסטיש. מען דארף ניט מורא האבען... מען קען ניט ליעב האבען, אז מען האט מורא...

ער איז געווען א ביסעל בייז אויף איהר און אביסעל אונצופריעדען מיט זיך און האט מיט א געררייצטען טאן געזאגט: אויב איהר ווילט דא בלייבען, וועל איך אנצינדען די לאמפ!

— ניין! ניין! מען דארף ניט אנצינדען די לאמפ!... אז עס וועט זיין ליכטיג, וועל איך זיך שעמען צו זאגען אייך עפעס. איך דארף אייך עפעס זאגען. זי איז ווידער אנשווייגען געווארען און האט געווארט. ער איז געזעסען ווי א פערשטיינערטער אויף זיין שטוהל.

— די מאמע וועט באלד קומען און איהר שווייגט... ער האט ניט געענטפערט... איהר ווייסט? זומער־צייט ביי נאכט ווילט זיך אזוי מען זאל דיך ליעב האבען... אפט, שפעט, הארפינע ווערט אנשלאפען און איך זיץ און ווארט. איך ווייס אליין ניט אויף ועמען... אלע מאל שבת ביי נאכט הער איך, וויט זינגען שיקסעס מיט

שקצים, זיי שטיפען, זיי האבען זיך ליעב... און איך בין זיי אזוי מקנא... אייער ווייב איז א שעהנע?

— יא, זי איז זעהר א שעהנע און איך בין זעהר שטארק פער־ליעבט אין איהר. ער האט אומיסטען געזאגט אזא ליגען, אום צו אי־בערצייגען דעם יצר הרע ווי עהרליך ער קעמפפט מיט איהם...

— יא, איך האב פערשטאנען, אז אזא מאן ווי איהר דארפט זעהר שטארק ליעב האבען... ניט ווי ביי אונז דא... זייט איהר ווירקליך א געפעהרליכער מענש? איך האב ליעב געפעהרליכע מענ־שען. זי איז צוגעגאנגען נאך א טריט נעהענטער צו איהם. ער האט זיך אביסעל אנגעבויגען און האט שטיל געפרעגט: וואס האט איהר געמיינט דערמיט, וואס איהר האט פריהער געזאגט „שבת"?

— וואס איך האב געמיינט? איצט קען איך מיט אייך רע־דען נור איין מינוט. שבת אבער וועלען דער טאטע מיט דיר מאמען אוועקגעהן אין שוהל און איך וועל זיין אליין גאנצע דריי שעה... זי האט פלוצלונג אנגעהויבען שטיל צו לאכען... איהר ווייסט, די מאמע האט זעהר מורא פאר אייך. זי זאגט, דאס אדעסער זיינען גי־פעהרליכע חברה. זי האט פלוצלונג בעשלאסען דעם שבת אין שוהל ניט צו געהן, דאס וואלט געווען זעהר שלעכט פאר מיר. נו, האב איך זיי ביידען איינגערעדט, אז היינטיגען שבת בענשט מען ראש חודש... דער טאטע האט ניט געוואלט גלויבען און האט געהייסען דערלאנגען דעם אלטען מחזור, וואו זיין לוח ליגט בעהאלטען צווי־שען די בלעטער... חא! חא! האב איך, געהענדיג, דעם לוח ארויסגע'גנב'עט... אט איז דער לוח!... וואו איז אייער בוזעם קעשענע? איך וועל דעם לוח בעהאלטען ביי אייך.

איידער ער האט געקענט מאכען א בעוועגונג, איז זי שוין געווען לעבען איהם. זי האט אבגעזוכט זיין בוזעם קעשענע און האט א שטופ געטאן אהין דעם לוח. איהרע גריבלענדע הענד און איהר הייסער אטהעם האבען געמאכט זיין קאפ צו שווינדלען. איין אויגענבליק האט זי איהם געהאלטען פאר ביידע לאצען פון זיין לייבטען רעקיל, און דאן האט זי איהם לאנגזאם צוגעצויגען צו זיך און זייערע ליפען האבען זיך בעגעגענט... מיט א ווילדע לײדענשאפט האט זי געקושט זיינע אויגען, זיין שטערן, זיין האלז, זיינע ווייסע הענט... ער האט דעם ערשטען מאל אין זיין לעבען דורכגעלעבט איצט אויגענבליקען

פון אמת'ע ליעבע און אמת'ע ליידענשאפט... אזא הייליגער פייער האָט נאָך אויף זיינע ליפּען קיין מאָל ניט געברענט. ער האָט זיך געוואָלט האַלטען ווי א סאָלידער, אנשטענדיגער מענש, אָבער ענדליך האָבען זיך זיינע אָרעמס געעפענט און זיי זיינען ביידע געבליבען ווי פער'חלש'טע איינער אין די אָרעמס פונ'ם צווייטען... אין דעם אויגענבליק האָבען זיי ביידע דערהערט די שניידינדע שטימע פון דער לאַנגער בלאַסער אידענע: „ליעבע! וואו ביסט דו? פער־שרפ'עט זאָלסט דו ווירען! אַי! אז איך וועל די מיידעל אראָפּ'פּטר'ן פון קאָפּ בשלום, וועל איך יא מעגען גומל מענשען!...” נאָך איידער זי איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר, איז שוין דער „געפּעהרליכער מענש” געזעסען אין צימער אליין...

אויף מאָרגען, פרייטאָג, האָט ליובא א גאַנצען טאָג געזונגען ווי א פערליעבטער קאַנאַריקעל... איהר פּנים האָט געשיינט מיט גליק, איהרע אויגען האָבען געברענט מיט ליעבעס פייער. זי האָט געשטיפּט און געלאַכט ווי א וואהנזיניגע. אָבער וואָס פרייליכער און לוסטיגער זי איז געווען, דעסטאָ מעהר טרויעריג און ערשראָקען האָט ער זיך געפיהלט... איהר שטיפערייע איז פערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט איהם אין שענק ביי זיי, אין דער געגענוואַרט פון איהרע עלטערען און פיעלע פרעמדע מענשען א קוש געטאָן אין האַנד. אמת, זי האָט עס געמאַכט אַזוי פלינק און אַזוי גנב'יש, אַז קיינער האָט ניט בע־מערקט, ער אָבער האָט זיך דערשראָקען אויף טויט און איז אמת בייז געוואָרען. דאָס מיידעל וועט סוף כל סוף איהם קאָמפּראָמענטירען, ברענגען צו א סקאַנדאַל... וואָהין קען עס פיהרען? און וואָס קען זיין די ענדע פון אזא לייכטזינניגקייט? ער איז אוועק באַלד אין זיין צימער און אום צו בעשטראָפען זיך אליין פאר זיין אונאַנשטענדיגקייט האָט ער אָנגעשריבען א „פערליעבטען” בריעף זיין סאָניטשקען. ער האָט זי פיעל מאָל גערופען „ליעבע” און „טהייערע” און האָט גע־רעדט צו איהר דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען מיט דער וואַרימ־קייט פון א פערליעבטען... ער איז געווען פערליעבט. ליובא האָט אַזוי לאַנג אינטריגירט, ביז ר' לייזער זלאַטעס אליין איז געגאַנגען אין פליגעל איינלאַדען דעם אדעסער גוי און טריפהנעם אפּיקורס עסען שבת מיט זיי אַלעמען ביים טיש. מיט א סאַרקאַסטישען שמייכעל האָט דער אפּיקורס אָבגעדאַנקט פאר דער „עהרע”, מיט א סאַרקאַס־

טישען שמייכעל איז ער אבענדס געגאנגען הערען קידוש און עסען געפילטע פיש. זיין סארקאזם איז אבער באלד פערשוואונדען געווארען. דאס גרויסע צימער אין דער אלטער שטוב איז, ווי דורך א כישוף, גאנץ פערענדערט געווארען. אין שטוב איז ניט נור געווען ריין, עס איז געווען צוגאסען אין אלע ווינקעלעך א הייליגע ציכטיגקייט. דער טיש איז געווען בעדעקט מיט שנע ווייסען טישטוך, סטערינעווע ליכט האבען געברענט אין אלטע זילבערנע לייכטער. א ווארעמער פריינדליכער געפיהל און א גוטע רוהיגקייט האט געשיינט אויף אלע פנים'ער... אלעס וואכעדיגעס איז פערשוואונדען געווארען. יעדע זאך אין שטוב, יעדער געגענשטאנד האט שטיל געשעפטשעט: עס איז שבת קודש! עס איז שבת קודש! אין דער ארעמער שטוב האט גערוהט די שכינה... ר' לייזער זלאטעס האט געקראגען א גאנץ אנדער יום טוב'דיגען פנים. מאדאם זלאטעס אין א ריינע בלוזע האט אויסגעזעהן מאיעסטעטיש, אלע קינדערלעך מיט אויסגעצוואגטע פערקעמטע קעפלעך זיינען געווען ליעב ווי מלאכים'לעך. און ליובא איז א שעה־נעם קלייד — די פרינצעסין פון שבת. ביים טיש זיינען אלע געזעסען ווי ביי א גרויסען פאמיליין־פעסט. אלע זיינען געווען צארט און מילד ווי פערליעבטע. ר' לייזער איז געווען פערליעבט אין די קינדער. וועלכע ער האט א גאנצע וואך איגנארירט. די לאנגע בלאסע אידינע איז געווען דער סימבאל פון ליעבע אליין. זי האט זאגאר דער גרוי־סער מויד „ליובא" עטליכע מאל געגלעט איבער'ן קאפ. זאגאר מיט הארפינען, וועלכע האט לכבוד שבת ארויפגעצויגען „באטינקעס" אויף איהרע צוקארבטע פיס, האט די בעל הבית'טע גערעדט מיט אן אנדער טאן... אפילו דעם אלטען „ראבאטניק" מיט די פערשלאפענע אוי־גען האט מען געשיקט א פולען קעלישעק מיט בראנפען, א שטיק ווייסע חלה מיט א גרויסען שטיק געפילטע פיש... די שטילע רוה, די ווארימע פריינדליכקייט און די ריינע שבת'דיגע הייליגקייט האט אויף דעם אדעסיט דערוואראעמט און ערהויבען מיט א געפיהל פון רעספעקט האט ער בעקוקט אלע זיצענדע ביים טיש... און ווען זיי־נע אויגען האבען זיך בעגעגענט מיט די ברענענדע אויגען פון דער ליעבער ליובא, האט ער אויפריכטיג א טראכט געטאן: ווי גליקליך ער וואלט געווען, אז ער וואלט זיין אן אנדערער דא... ניט קיין פרעמדער... ער האט זיך פערטראכט... זיינע קינדער יאהרען,

בילדער פון דער לאַנג פערשוואונדענער צייט זיינען ארויסגעשוואו־מען אין זיין זכרון... א פונק פון דעם אמאָליגען איד האָט פלוצלונג ערוואכט אין איהם און ער האָט אָנגעהויבען צו בענקען נאָך דער פערלאָרענער פערגאַנגענהייט. ווען ער איז געזעסען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, איז ביי ליובאַ'ן אקוראט דאן אראָבגעפאלען דער גאָפּיל פון טיש. זי האָט זיך אראָבגעלאָזט אונטער'ן טיש און האָט דעם גאָפּעל אויפגעהויבען. אין דעם אויגענבליק אָבער האָט זי געהאַט צייט אַנידערצולעגען איהר קאָפּ אויף זיין קניע און אַן אטהעם טאָן אויף איהם מיט'ן פייער פון א וואולקאַן...

ער האָט די נאכט זעהר שלעכט געשלאָפען, און איז אויף מאָר־גען אויפגעשטאַנען אין זעהר א שלעכטער שטימונג. ער האָט גע־וואוסט, אז ווי באַלד די „אַלטע" וועלען אוועקגעהן אין שוהל וועט „זי" קומען... עס געהט צו ווייט, און ער, אלס סאָלידער מענש און געלעהרטער כימיקער, איז פערפּליכטעט צו מאכען אַן ענדע פון דעם אַלעמען. מעהר פעהלט איהם ניט ווי האָבען צו טאָן מיט אַן אונענטוויקעלטע נאַאיווע דאָרפס־מיידעל... און דאן ר' לייזער מיט די ווייסע אויגען... די לאַנגע בלאַסע מעוברתע אידינע... ניין!

ער האָט נאָך געגוג פערשטאַנד צו קאָנטראָלירען זיך און צו בערע־כענען די פאָלגען... די טהיר האָט זיך געעפענט שטיל און זי איז אריין אַ בלאַסע, אַ שטילע, אַ פערשעמטע, אַן ערשראָקענע, גאָר ניט די ליובאַ, ווי געוועהנליך. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט פון דער ווייטענס און האָט געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטע שטימע: „זיי זיינען אוועקגעגאַנגען!... און איך האָב געמיינט, איך וועל די מינוט ניט דערלעבען"... ער האָט געמאַכט אַ בייז פּנים און האָט געשוויגען. ער איז געווען אַזוי דערשראָקען, אַז די הענד האָבען איהם געציטערט. זי האָט עס באַלד בעמערקט און האָט עס מיט אַ שמייכעלע געזאָגט: מישע, אייך פרעהט גאָרניט וואָס מיר זיינען אליין?

— מישע? פון וואַנען ווייסט איהר אז מען רופט מיך מי־שע?...

— איך האָב איירע אַ וויזיטנע קאַרטע... האָרפינע האָט מיר געבראַכט, מיכאַאיל איז מישע... אייער ווייב רופט אייך מישע?... ווען איך וועל אַמאָל וועלען פערציהען אייער נאָמען אויפ'ן אידישען שטייגער, וועל איך אייך רופען „מישעניו"... איהר זעהט, איך

האלט אייער קארטע ביי זיך אין בוזעם... דא איז אייער אדרעס. איך וועל אפשר אמאל דארפען שרייבען צו אייך א בריעף. איהר וועט מיר ענטפערען, אז איך וועל אייך שרייבען? ער האט געשוויגען. זי האט א שווערען זיפץ געטאן און האט געפרעגט: איהר וועט דא נאך לאנג פערבלייבען?

— א פיער — פינף טעג.

— ניט מעהר?... מישע, איהר קענט מיך ניט נעהמען מיט זיך אין אדעס?... איך וויים, דארט איז אייער מאדאם... איך וועל זיין א דיענסט ביי אייך...

— א דיענסט גאר? וואס רעדט איהר דאס פאר א דומהייטען! איהר זייט א בעל הבתיש קינד, איהר האט א רייכען חתן...

— ניין! ניין! דערמאנט מיר ניט מיין חתן... הארפינע לאכט פון איהם... איך האב איהם ניט ליעב. איך וויל מען זאל מיך ליע־בען... מיין בלוט ווערט אין מיר פערקיהלט, אז איך דערמאן זיך, אז איך וועל דארפען באלד חתונה האבען... זי איז אויפגעשטאנען, האט פלוצלינג א שפרונג געטאן צו איהם ווי א ווילדע, האט ארומ־געכאפט זיין קאפ און האט ליידענשאפטליך אנגעהויבען שעפטשען: האב מיך ליעב, מישא! האב מיך ליעב!...

— וואס קען דערפון זיין?

— מיך ארט ניט... איך וויל ניט קלערען דערפון...

— דו האסט א חתן.

— דער רוח וועט איהם ניט נעהמען, דעם אלטען... נישקשה, ער וועט זיך נאכדעם איבערבעטין און אויב ניט, ארט מיך אויך ניט. זאל נאכדעם זיין וואס עס וויל... איצט וויל איך דיך ליעבען!

— דאס קען זיך זעהר שלעכט ענדיגען. מען קען ניט ליעבען דעם, וואס דאס הארץ געלוסט...

— מען קען ניט ליעבען דעם, וואס דאס הארץ געלוסט ניט.

— יא, אבער וואס וועט זיין שפעטער!

— שפעטער? וואס גאט וועט געבען, דאס וועט זיין!...

— ניין, ניין! מען טאר ניט! מען טאר ניט! דו רעדסט ווי א ווילדע... דו האסט גאר קיין בעגריף פון דעם וואס מען טאר, און וואס מען טאר ניט!

— מען טאר ניט? זי האט אבגעטרעטען פון איהם עטליכע

טריט און האָט מיט פעראכטונג געזאָגט: איך האָב מורא, איהר זייט גאָר ניט קיין אדעסער... איהר זייט פונקט ווי מיין טאַטע ר' לייזער און מיין חתן ר' ברוך. חאַ! חאַ!

ער האָט זיך זעהר בעלעדיגט און איז געבליבען זיצען אַ ברוגז'ער. זי האָט לאַנג געשוויגען, דאַן האָט זי בייז און גיפטיג, מיט פערביסענע ליפּען בעמערקט: און איך, נארר האָב מיט אַזאַ אונגעדולד ערוואַר־טעט דעם שבת... האָט אַ גוטען שבת, ר' איד!... ביי די ווערטער איז זי ראַש ארויס פון זיין צימער און האָט צוגעמאַכט די טהיר. ער איז געבליבען זיצען אַ פערשעמטער, אַן ערנידריגטער, אַ געער־גערטער, און זאָגאַר דער געדאַנק, אַז ער האָט געהאַנדעלט אַלס סאָ־לידער מענש, האָט איהם ווייניג געטרייסט. ער איז זיך דורכגעגאַנ־גען עטליכע מאָל איבער'ן שטוב און דאַן האָט ער געעפענט די טהיר... אַנטקעגען אין זאַל איז געזעסען ליובאַ אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אויפ'ן רוקען פון אַ שטוהל און האָט שטיל געוויינט. ער איז צוגע־גאַנגען אַ שולדיגער צו איהר, און האָט מיט צערטליכקייט ארויפ־געלייגט זיין האַנד אויף איהר קאָפּ... אַן עלעקטרישער שטראָם איז איבערגעלאָפען איבער זייערע ביידע קערפּערס און ער האָט זיך ווידער הינגעריסען און זיך פערגעסען ווי אין יענעם אָבענד ביים פענסטער. ווען ער איז געלעגען ווי אַ גע'חלש'טער איז איהרע, יונגע שטאַרקע אַרעמס, האָט זי זיך אָנגעבויגען צו זיין אויער און האָט איהם מיט ברענענדע ליפּען און פייערדיגע ווערטער געזאָגט: איך וועל היינט ביינאַכט... זעהר שפּעט קומען צו דיר... איך וויל זיין דייי־נע, אין גאַנצען דיינע!... דו וועסט זעהן, איך וועל קומען... און דאַן וועסט דו מיך ליעב האָבען... שטאַרק ליעב האָבען, איך וויל, דו זאָלסט מיך שטאַרק ליעב האָבען!

פאַרנאַכט איז ער געוואָרען זעהר אונרוהיג און צושראָקען. וואָס האָט איהם די משוגענע געזאָגט? אַ קשיה אויף איהר? זי וועט קו־מען. וואָס איז דאָס מיט איהם? וואָהין וועט איהם זיין אונזינן פער־פיהרען? צו וואָס פאַר אַ שרעקליכען סקאַנדאַל קען דיעזע אונציווי־ליזירטע, ווילדע מיידעל ברייננגען? אכט אַ זייגער נעהט אַ צוג... ער האָט זיך אָנידערגעזעצט און האָט איילענדיג אויפגעשריבען פאָל־גענדע טעלעגראַמע קיין אדעס: „סאָניטשקע, איך קען דאָ ניט בליי־בען אָהן דיר מעהר! איך וואַרף אוועק אַלעס און פאָהר היינט אַכט

אוהר אַבענדס ארוים. איך וויל צו דיר! דיין מישא״. ער איז ארויס־געגאַנגען נור אָוועקצושיקען די טעלעגראַמע און אָנזאָגען, מען זאָל איהם פאַרבערייטען אַ וואָגען, און האָט זיך אומגעקעהרט איינצופאַ־קען די זאַכען. ער האָט מורא געהאַט זי זאָל ניט קומען צו איהם. זי איז ניט געקומען. ער האָט מורא געהאַט זי זאָל ניט מאַכען קיין סצענע ביי זיין אָוועקפאָהרען — זי האָט זיך אפילו ניט בעוויזען. דער אַלטער ראַבאָטניק מיט די פערשלאָפענע אויגען האָט ארויסגעטראָגען זיינע זאַכען, הערר און מאַדאַם זלאַטעס האָבען איהם געוואונשען אַ גליקליכע רייזע, נור האָרפּינע האָט אויף איהם געקוקט בייז, און ווען ער האָט זיך ארייגעזעצט אין וואָגען האָט זי אָבגעווישט אַ טרער מיט איהר פאַרטוך. די ווייסע לאַנגע אידינע האָט מיט אַ טריאומפּי־רינדען שמייכעלע בעמערקט: וואָס זאָגט איהר צו ליובאַ׳ן? זי איז אָוועק צו גאַסט און האָט פערגעסען צו קומען געזעגנען זיך, און איך האָב געמיינט, זי האַלט פון אייך אזוי שטאַרק. פאָהרט געזונטע־רייד און גריסט אייערע...

די סטאַנציע איז דאַן געווען עטליכע ווערסט פון שטעטיל. ער איז געקומען צו פריה און האָט געדאַרפט זעהר לאַנג וואַרטען. ער האָט געפיהלט, אז ער האָט געהאַנדעלט גערעכט, ווי אַ העלד, ווי אַן עכטער סאָלידער מענש. פון דעסטוועגען האָט זיך איהם עט־ליכע מאָל געוואָלט וויינען... ווען ער איז שוין ענדליך געזעסען אין וואָגאָן, האָט ער דערזעהן, ווי ליובאַ איז ארויסגעלאָפען אויף דער פּלאַטפאָרמע. זי האָט געקוקט מיט פערווירטע אויגען אין די פענס־טער פון אַלע וואַגאָנען. זי האָט איהם געזוכט און דאָס האָט איהם געפרייט, אָבער איז זי געקומען נור געזעגנען זיך מיט איהם?.... אפשר וויל זי מיט איהם מיטפאָהרען?... ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון פענסטער. דער סטאַנציאָנער גלאָק האָט אָנגעהויבען צו קלינ־גען צום דריטען מאָל, און דער צוג האָט זיך אָנגעהויבען לאַנגזאַם צו בעוועגען. זי איז געבליבען איינע אליין — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז אָוועק פינף יאָהר. ער האָט נור איין מאָל געהערט פון איהר. באַלד נאָך זיין קומען קיין אָדעס האָט ער ערהאַלטען פון איהר אַ נאַאיווען, אויפריכטיגען, ליעבעס־בריעף. זי האָט געשריבען, אז **דער טאָג פון איהר חתונה קומט נעהנטער און זי האָט מורא, זי וועט**

„די הענט אויף זיך לעגען”. זי האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהר ערלויבען צו קומען קיין אַדעס. אויב ער וויל זי ניט פאַר אַ דיענסט, וועט זי דיענען ביי פרעמדע מענשען, אַבי זיין מיט איהם אין איין שטאָט... אַ פּאַספּאָרט וועט זי אויך האָבען. האָרפּינע גיט איהר איהר פּאַספּאָרט, און זי וועט זיין אין אדעס סאָלדאַטקאַ האָרפּינאַ מיטאַרענקאַ... אין פיעלע פלעצער פון איהר בריעף איז די טינט געוועז אויסגעשמירט מיט טרערען. ער האָט דעם בריעף צוריסען און איהר קיין וואָרט ניט געענטפערט... איין זאַך נור האָט ער געהיט — אין אַ קאָנווערט איז ביי איהם געלעגען אַן אַלטער אידישער לוח, וועלכער איז געווען דער איינציגער עדות, אַז אַמאָל איז זיין לעבען האָט אַ יונגעס וועזען געוואָלט איהם שיינקען ליעבע, פרייד און גליק, האָט געוואָלט לעגען צו זיינע פיס איהר לעבען, איהר הארץ, איהר נשמה, און ער האָט איהר געענטפערט דערויף מיט'ן גרויסען וואָרט: מען טאָר ניט!...

פינף יאָהר איז אַוועק פון יענער צייט. ער איז געווען צוויי סטאַנציעס פון קריוואָי ראָג און עס האָט איהם זעהר שטאַרק אָנגעהויבען צו ציהען אַהין, וואו ער האָט איבערגעלעבט עטליכע מערקווירדיגע אויגענבליקען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס זעלבע דערפעל, דיזעלבע אומשטענדען, דיעזעלבע ליעבע „ליובאַ”, און אַ פערבאָרגענער פערלאַנג האָט אויפגעבליהט ביי איהם אין האַרצען פאָרטצוזעצען דאָס, וואָס עס איז דאַמאָלס אַזוי גרויזאַם איבערגעריסען געוואָרען.... יאַ! אויב איצט וועט איהם ליובאַ זאָגען: לאָמיר זיין גליקליך איצט, און ניט טראַכטען פון דעם וואָס שפּעטער וועט זיין, וועט ער גאָר נישט האָבען דאַגעגען... און אויב זאָגאַר מען וועט דאַרפען צורייסען די קעטען פון פאַלשקייט און ליגען, וועלכע בינדען איהם יעצט, וועט ער צורייסען. וואַרום דער עיקר איז זיין גליקליך, זיין געליעבט...

עס איז געווען שווער די שטעטעל צו דערקענען. אַ נייע סטאַנציע אין שטאָט... פיעלע נייע געביידעס ... זאָגאַר אַ „האָטעל” מיט 12 צימערען. ער איז צוגעפאָהרען צו ר' לייזער זלאַטעס. דאָס זעלבע אַלטע הויז. ר' לייזער דערזעלבער געלער איד מיט ווייסע אויגען, נור ער איז אַביסעל פעטער געוואָרען, און אין מיטען באָרד האָט איהם די צייט אריינגעשטעלט אַ ווייסען פּאַסיקעל פון גרויע האָר... ר' לאַנגע בלאַסע אידענע איז נאָך ווייסער געוואָרען, איהר לאַנגער פּנים

האט זיך נאך מעהר אויסגעצויגען, אבער בעוברת איז זי געווען פונקט ווי מיט פינף יאהר צוריק. אבוואהל זי האט דעם אדעסער באלד דערקענט, איז זי דאך געווען צו איהם זעהר קאלט. אויף זיין פראגע, אויב ער קען ביי זיי האבען א צימער, האט זי געענטפערט: „לייד'ער, נײן, ווארום דער פליגעל איז פערנומען. איהר טאכטער האט פערנומען דעם גאנצען פליגעל. זי איז געקומען אהער צו דער מאמע געלעגען ווערען אין א גוטע שעה. ווען זי דארף געלעגען ווערען קומט זי צו דער מאמע... דאס וועט שוין זיין צום דריטען מאל, קיין עין הרע". ער האט שוין געמאכט עטליכע טריט אוועקצוגעהן, האט זיך אומגעקעהרט און געפרעגט: קען איך אייער טאכטער זעהן?

— אך, פאר וואס ניט? זי איז איצט, דאנקען גאט, א מענש, ווי א אידישע טאכטער דארף זיין... אויב זי וועט אי"ה האבען איצט א אינגעל, האט איהר ברוך צוגעזאגט א בראנזילעט פאר 120 רובעל... אין דעם צימער, וואס ער האט אמאל פערנומען, איז געזעסען א יונגע אידישע פרוי און האט געגעסען הערינג מיט גרויס אפעטיט. עס איז געווען שווער צו דערקענען די אמאליגע שעהנע בליהענדע ליובא. זי איז געווען שווער שוואנגער. איהר בלאסעס געזיכט איז געווען געשוואלען, איהר נאז איז געווארען דיק. איהרע אויגען זיינען געווען טויט. קיין איין פונק פייער איז אין זיי ניט פערבליבען. לעבען איהר פוןביידע זייטען זיינען געשטאנען צוויי שעהנע קליינע מיידעלעך, איינע פון א יאהר דריי און איינע פון א יאהר צוויי. ווען די מוטער האט איהר געזאגט, ווער עס איז געקומען זי זעהען, איז זי געבליבען זיצען רוהיג און גלייכגילטיג. קיין איין מוסקול אויף איהר געזיכט האט זיך ניט קיין ריהר געטאן. זי האט זיך צוגעבויגען אפאטיש צו איהר עלטערע מיידעלע און האט זי א פאטש געטאן איבערן הענטיל: מען טאר ניט בעטען אלעס, וואס די מאמע עסט!... דאס קינד האט אנגעהויבען צו וויינען...

ער איז געגאנגען צוריק. „מען טאר ניט?..." איז דאס ניט דאס ווארט, האט ער געטראכט, וואס האט צובראכען און צוקאליעטשעט זיין לעבען? ביי דער טהיר האט ער זיך אומגעווענדעט און האט געזאגט שטיל: א גוטע נאכט! די אלטע פרוי האט איהם גור געענטפערט מיט א טריאומפירינדען בליק פון א זיגער. די יונגערע האט א כאפ געטאן דאס וויינענדיגע קינד אויף די קניע און האט

עס שטאַרק, שטאַרק צוגעדריקט צו איהר ברוסט... און מיט איהר׳ע ליפּען האָט זי אַראָבגעקושט ביים קינד די טרערען פון די אויגעלעך און פון די בעקעלעך...

ער איז געבליבען אין דרויסען אַליין, האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ טרויעריגען בליק אויף דעם זעלבען פליגעל, וואו אַמאָל מיט פינף יאָהר צוריק איז אַלעס געווען אַזוי אַנדערש. איין אויגענבליק איז ער געשטאַנען, דאַן האָט ער אַראָבגעלאָזט זיין קאָפּ און האָט זיך געלאָזט געהן... ער האָט געטראָגען מיט זיך אַ שאַרפע בענקעניש אין האַר־צען און אַן אַלטען פאַר פינף־יעהריגען לוח אין ב ו ז ע ם ־ ק ע ש ע נ ע.

דאָרים איז געבליבען שטיל. נור דער לעבעדיגער קוואַל ביי אונ־זערע פיס האָט געדעדט אָהן אַן אויפהער. צערטליך און ליעבליך האָט ער דערצעהלט וואָס צו די ווייסע שטיינדעלעך, איבער וועלכע ער האָט זיך געגאָסען... וואָס האָט ער זיי דערצעהלט אַזוי שטיל און אַזוי שעמעוודיג? די בערג זיינען געלעגען ווי גרויסע שוואַרצע בערען ביי די טויערן פון הימעל.

פינפטער טאָג.

אויף ניין האָט מען קיין חרטה ניט.

אַ געשריי פון פרייד, בעוואונדערונג און ערשטוינונג האָט זיך אַרויסגעריסען פון מיין ברוסט, ווען מיר זיינען ענדליך אַרויף אויף׳ן העכסטען באַרג, וועלכען מען רופט „דער וואָלקענס בריק״... יאָ, עס איז אַ בריק פאַר די וואָלקענס! דאָ, געוויס, רוהען זיך די וואָל־קענס אויס, איידער זיי ציהען ווייטער אין דער וועלט אַריין אויף די פליגלען פון ווינד. פאַר מיינע אויגען האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרויסער שטח, בעדעקט מיט בערג, וועלדער, שטעט, און דערפער. דער גרויסער טייך האָדסאָן האָט זיך געצווייגען ווייט אונטען, ווי אַ קליינער

ווייסער שנירעל, דאס איז עס געלאפען גלייך אין א הויכע שטיינערנע וואנד, דאס האט ער זיך אומגעדרעהט ווי א שלענגעל און איז פער־שוואונדען געווארען אונטער א שירם פון גרינע געוואוקס. פון א גרויען טומאן ארויס האבען ארויסגעקוקט צו ווארפענע פאלאצען, טורמס פון קירכען, הויכע קוימענעס פון פאבריקען. א וואונדערבארע, געטליכע פאנאראמע פאר דאס אויג פון דעם, וואס רופט זיך מענש!... איך האב זיך ניט געקענט אנזעטיגען מיט דיעזען וואונדער־שעהנעם בילד... איך האב ניט געקענט אפרייסען מיינע אויגען פון דיעזער מאיעסטעטישער געמעלדע, מיט אזוי פיעל רוים און ווייטקייט, מיט אזוי פיעל לופט און הימלען, מיט אזוי פיעל ליכט און שאטענס, מיט אזוי פיעל פארבען און טאנען, מיט אזוי פיעל קאלירען און שאטירונגען! גרוים און שעהן, אבער צו ווייט... גרויסע שאטענס זיינען אפט גע־לאפען פון די הימלען איבער די בערג צו די שטעט, און פלעגען פער־שוואונדען ווערען אין דער ווייטקייט. ווער ווייס? די שאטענס פא־לען אפשר פון די גרויסע פליגלען פונ'ם צייט גייסט, וועלכער טראגט זיך און שוועבט איבער דעם מענשען'ס וועלט פון דער אייביגקייט אין דער אונענדליכקייט. געהיימניספאלע, מיסטישע שאטענס!

פון אנפאנג איז דארים געווען זעהר צופריעדען, וואס איך בין אזוי ענטציקט פון „זיינע בערג״. ווען אבער ער האט דערזעהן, אז צוליעב די בערג האב איך פערגעסען זיינע דיכטונגען, איז ער געווארען אייפערזיכטיג, און האט מיט א בעלעדיגטען טאן געפרעגט: איך אינטערעסיר אייך שוין גאר ניט מעהר? מיר האבען זיך באלד אני־דערגעזעצט אויף א גרויסען שטיין, און ער האט אנגעהויבען צו לע־זען:

„אבוואהל ער האט אין דעם טאג פון זיין צווייטער חתונה גע־שווארען, אז ער איז ניט עלטער פון 46 יאהר, איז ער אין דער ווירקליכ־קייט געווען אלט 53. דער בארבער פארבט זעהר אפט די וואנצעס און ער אליין ווענדעט אן אלע מיטלען צו האלטען זיך יונג. געקליידעט איז ער שטענדיג זעהר ריין און גאנץ אנשטענדיג. קיין פינטעלע, קיין שטויבעלע קען מען ניט געפינען אויף זיינע קליידער, אבוואהל א קאסטיום האלט זיך ביי איהם צעהנדליגע יאהרען. ניט אכטענדיג דערויף וואס ער איז זעהר רייך, איז ער זעהר קארג, און היט אב יעדע זאך זעהר אויפמערקזאם. מעהר פון אלעם היט ער אב זיין געזונד. ער

רעדט שטיל, ווייל ער ווייס, אז אויפרעגען זיך איז זעהר שעדליך. ער רויכערט ניט, ווייל דאָס קען חלילה שאַדען... ער לעגט זיך שלאָ־פען יעדען טאָג צעהן אַ זייגער, ווייל זיצען שפּעט איז אונגעזונד. ער שלאָפט יעדען טאָג נאָך מיטאָג אַ צוויי שעה, דאָס איז גוט פאר׳ן מאָגען. ער גיט קיין מאָל קיין נדבות ניט און האסט די „פילאַנטראָפּי״, ווייל עס איז שעדליך מיט פרעמדע צרות צו פערוואונדען זיך דאָס הארץ און די קעשענע. נור אויף צוויי זאכען שפּאָרט ער ניט קיין געלד: אויף פּאַטענטירטע מעדיצין, וועלכע מאַכט אַ מענשען שטארק און פערמעהרט די כחות, און אויף שעהנע קליידער און טהייערע ציערונג פאר זיין יונגע ווייב.

זיין יונגע ווייב איז געוועזן כמעט אַ קינד ווען זיי האָבען חתונה געהאַט. זי איז געוועזן צעהן יאָהר אַלט ווען זי איז געקומען פון רוס־לאַנד, אַ יתומה, צו איהר עלטערע שוועסטער, וועלכע איז געוועזן די ערשטע פרוי פון איהר איצטיגען מאַן. איהר שוואָגער איז אפילו גע־ווען זעהר אונצופריעדען מיט אזא נייע „הוצאה״, נור ווייל קיין איי־גענע קינדער האָבען זיי ניט געהאַט און דאָס מיידעלע איז געוועזן אַ שעהנע און אַ שטילע, איז זי געבליבען ביי זיי. איהר שוואָגערס שטוב איז געוועזן פאר איהר ניט נור גאַנץ אַמעריקאַ, נור די גאַנצע וועלט. קיינע פריינדע, קיינע חבר׳טעס, קיינע בעקאַנטע, קיינע געסט און קיינע בעזוכער, קיינער איז צו זיי ניט געגאַנגען, און זיי זיינען צו קיינעם ניט געגאַנגען. קיין טהעאַטער, קיינע קאָנצערטען, קיינע פערזאַמלונגען — צעהן אַזייגער איז מען געגאַנגען שלאָפען... זי איז קוים אַלט געוואָרען 17 יאָהר איז איהר שוועסטער געשטאָרבען. דאַן האָט ער איהר געזאָגט: וואָהין אין דער וועלט קענסט דו געהן און וואָס קענסט דו איצט אָנפאַנגען צו טאָן? איך בין רייך, דו גע־פעלסט מיר, פערנעהם דיין שוועסטער׳ס פּלאַץ און ווער אַ בעל־הבית׳טע פון אַ שטוב וואָס איז פול מיט כל טוב, און אויסער דעם, איך האָב דיך ערצויגען און געמאַכט פאר אַ מענשען און דו דאַרפסט טאָן וואָס איך הייס דיר. פון קיין ליעבעס מיט קיין ראָמאַנען האָט זי ניט געוואוסט, געהן ארבייטען האָט זי ניט געוואָלט, אַז ער פער־דיענט דאַנקבאַרקייט איז ביי איהר צווייפעל ניט געוועזן און אַז זי געפעלט איהם האָט זי נאָך געפיהלט זאָגאַר, ווען די שוועסטער האָט געלעבט... זיי האָבען חתונה געהאַט.

לאנגזאם און מאַנאַטאָן האָבען זיך געצויגען די יאָהרען, קיין קינדער האָט זי אויך ניט געהאַט, און ער איז געווען זעהר צופריעדען. קינדער קאָסטען געלד און שטערען דאָס לעבען. זי אליין האָט געמיינט, אַז זי לעבט גאַנץ גוט. זי האָט, ווי איהר עלטערע שוועסטער, ערנסט געגלויבט, אַז אויף אַזאַ מאַן טאָר מען זיך ניט בעקלאָגען — מע זיצט אין שטוב ביי איהם אויף אַלעם גרייטען. — ער איז געלעגען ווי אַ שפּין אין זיין שעהנע אויסגעוועבטע נעץ, און דיביידע שוועסטער זיינען געווען ווי די געפאַנגענע פליעגען. ער איז זיך געלעגען בעקוועם און רוהיג אין זיין ווינקעלע. ווען ער האָט געדאַרפט, האָט ער געזויגען דער פליעגס בלוט... איז ער ניט געווען דורשטיג, האָט ער זיך אַמוזירט... איין פליעג איז לאַנגזאַם אָבגעשטאָרבען, האָט ער געקראָגען אַן אַנדערע. די פליעגען זיינען געווען „פערוועבט" אין זייער שעהנער היים, פער'כישוף'ט, פערהיפּנאָטיזירט פון זיין מאַכט און זיינען געבליבען רוהיג און צופריעדען. ער איז אוודאי געווען צופריעדען. די פליעגען האָבען אפילו ניט געפּרובט צו רייסען דאָס „געוועבס" פון זיין נעץ. ער איז אַזוי געווען פערזיכערט אין דער טרייהייט, אונטערטהעניגקייט, און אויפריכטיגע איבערגעבענהייט פון זיין יונגע פרוי, אַז ער איז זאָגאַר ניט געווען אייפערזיכטיג אויף איהר, און עס איז טאַקע ניט געווען אויף וועמען צו זיין אייפערזיכטיג — זיי זיינען געווען אָבגעשניטען פון דער גאַנצער לעבעדיגער וועלט.

וואָס צו טאָן האָט זי ניט געהאַט און זי האָט אָנגעהויבען זעהר פיעל און זעהר פלייסיג צו לעזען. זי האָט געהאַט גרויס פערגניגען פון די שילדערונגען פון ליעבע און גליק אין די ביכער, זי האָט סימפּאַטיזירט מיט די, וועלכע האָבען אין די געשריבענע ראָמאַנען געקעמפּפט פאַר זייער פרייהייט. אָבער דאָס אַלעס איז געווען פאַר איהר נור אַ פיקטיווע, אַן אויסגעטראַכטע, אַ פאַנטאַסטישע וועלט, אין דער ווירקליכער וועלט האָט זי געמיינט, דאַרף זיין און בלייבען אַלעס, ווי עס איז. ווען דאָס לעזען האָט זי מיעד געמאַכט, איז איהר איינגעפאַלען אַ געדאַנק„ פאַר וואָס זאָל זי זיך ניט לערנען שפּילען פּיאַנאָ? וואָס צו טאָן האָט זי ניט און אין שטוב שטעהט אַ נייע פּיאַנאָ. ער האָט ניט געהאַט דאַגעגען. מען וועט נור דאַרפען געפינען אַ לעהרער, ביי וועלכען מען זאָל קענען פיעל לערנען און וועמען מען זאָל דאַרפען ווייניג צאָהלען. אַז מען זוכט, געפינט מען. אַ יונגער רוסישער פּיאַניסט,

וועלכער האָט געענדיגט מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע מיט אַ גאָלדע־נעם מעדאַל און וועלכער איז נאָך געווען גאַנץ „גרין” אין אַמעריקאַ, האָט איהר אָנגעהויבען צו געבען שטונדען גאַנץ ביליג. קיין בעזונדע־רען רעספּעקט האָט דער יונגער מוזיקער ניט געפיהלט צו גאַנץ אַמע־ריקאַ, און אויף דער יונגער רייכער „מעשצאַנקע”, וועלכער עס איז פּלוצלונג איינגעפאַלען צו לערנען זיך צימבלען אויף דער פּיאַנאָ, האָט ער געקוקט פון אָנפאַנג מיט פעראַכטונג. זי איז אָבער געווען זעהר אַ פלייסיגע שילערין און האָט געצייגט גרויסע מוזיקאַלישע פעהיג־קייטען, און טאָקע דערצו אַ יונגע און זעהר אַ שעהנע פרוי, — ער איז זעהר גיך ארוים פון דעם אָפּיציעלען פּראָפעסאָרישען טאָן. ער איז געווען אַ פרעמדער אין לאַנד, קיינע פריינדע און קיינע בעקאַנטע. זיין שוועסטער, וועלכע האָט איהם געבראַכט אהער, האָט געוואָהנט אין אָלבאַני, און ער איז זעהר גיך געוואָרען אַן אייגענער מענש ביי'ם אַלטען אַמעריקאַנער אין שטוב. נאָכ'ן לעסאָן פלעגט ער אָפט בלייבען זיצען און שמועסען אביסעל. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, ווי ליעב זי האָט מוזיק, פלעגט ער אָפט שפּילען גאַנצע שטונדען ווייז. דעם אַלטען איז אפילו ניט זעהר שטאַרק געפעלען געווען, וואָס ער באַראַבאַנעט אַזוי שטאַרק אויף זיין טייערער פּיאַנאָ, אָבער ווייל פאַר שפּילען „קאָנצערטען” האָט ער ניט געפאָדערט קיין געצאָהלט, האָט דער אַלטער ניט פּראָטעסטירט. צווישען דעם מוזיקער און זיין שעהנע שילערין איז גיך אויסגעוואַקסען אַ געפיהל פון סימפּאַטהיע, וועלכעס איז אריבער אין אַ וואַרעמע פריינדשאַפט און לאַנגזאַם פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שטילע, פערבאָרגענע ליעבע. ביידע שטי־לע, עהרליכע, אונשולדיגע און נאַאיווע מענשען — ביידע האָבען בע־האַלטען טיעף אין זייערע הערצער דאָס נייע געפיהל. מאַנכעס מאָל אָבער ווען זייערע אויגען פלעגען זיך בעגעגענען, אָדער זיינע הענד פלעגען בעריהרען איהרע ביי די נאָטען, פלעגט ביידען די פאַרב זיך וואַרפען אין פנים אריין. ער פלעגט זיך באַלד זעצען צו דער פּיאַנאָ און רעדען אויף זיין מוזיקאַלישער שפּראַך, זי האָט געהערט, פערשטאַ־נען און איז געווען גליקליך. דער אַלטער בעל הבית איז אויך זעהר גיך געוואָרען פאַמיליאַר מיט'ן „יאַלדשען” פּראָפעסאָר. ער איז געווען ציניש גראָב און ציניש אָפען אין זיין געגענוואַרט, און דער „רוסישער יאַלד” האָט זעהר גיך דעם אַלטען קענען געלערענט דורך און דורך.

דער אַלטער פלעגט זעהר אָפט בעלעדיגען זי און זי פלעגט עס גאָר ניט מערקען. ער פלעגט זיך זעהר אָפט ווענדען צו'ם פּראָפעסאָר מיט אַזעלכע בעמערקונגען: „איהר זעהט מיין ליידי, ווי אויסגעפּוצט און בעהאַנגען מיט דזשועלערי? איהר האָט זי געדאַרפט זעהן ווען זי איז געקומען פון רוסלאַנד. דו געדענקסט דיין גרינעם מאַנטעל מיט די אויסגעריסענע שיך און צוריסענע זאָקען? אַ חיה געווען, חאַ! חאַ! חאַ! אָדער ער פלעגט זיך אָנהויבען בייזערען, פאַר וואָס זי האָט פערפלעקט איהר ווייסע קלייד, וועלכע האָט ערשט פאַר צוויי יאָהרען געקאָסט 60 דאָלאַר. אָדער, פּונקט ווען דער פערליעבטער יונגער אַרטיסט פלעגט עפּיס שפּילען פון ליסט אָדער בראהמס, פלעגט ער אָנהויבען שרייען פון שלאָף־צימער: „עי, גענוג צימבלען! עס איז שוין אַ פערטיל צו צעהן!...”

די ליעבע קען ניט איביג שטום בלייבען. זי האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט הונדערט צונגען, זי האָט אָנגעהויבען צו זינגען מיט טויזענדער שטימען. דער יונגער מאַן האָט זיך ניט געוואָלט מעהר בענגיגענען מיט פּלאַטאָנישע ליעבע, — זי האָט געגען דעם פּראָטעסטירט מיט איהר גאַנצער זעעלע. דער יונגער מוזיקער האָט גאַנץ אָפען אָנגעהויבען צו איבערצייגען, אַז לעבען מיט אַזאַ מאַן איז טויזענד מאָל געמיינער ווי דאָס לעבען פון אַ גאַסען־פרוי. זי האָט זיך דערשראָקען פאַר זיינע פרייע רייד. אמת, זי האָט איהר מאַן ניט ליעב, אָבער פאַר דאָס ביסעלע וואָס ער האָט פון איהר'ט וועגען געטאָן, האָט זי איהם געאָפּפערט איהר לעבען, איהר יוגענד, איהר זעעלע, איהר גליק,, די פּאָעזי און די פרייד פון ליעבע... זי איז געווען שטאָלץ צו וויסען, אַז זי ברענגט איהם אַזעלכע גרויסע קרבנות, אַז זי צאָהלט מיט אַזאַ יד רחבה פיר זיינע טובות. זאָל זי די גרויסע ווערטה פון דיעזע קרבנות מאַכען צו נישט מיט איין ליגען? ווען ער אָבער האָט אָנגעהויבען צו איבערצייגען, אַז פערקעהרט, ער וויל ניט קיין ליגען. זי דאַרף ארויס אָפען. זי מוז זיך שיידען פון דעם, וועמען זי ליעבט ניט און פעראייניגען זיך מיט דעם, וואָס זי ליעבט, — האָט זי זיך נאָך מעהר דערשראָקען... אין איהר שוואַכע זעעלע האָט זי ניט געקענט געפינען גענוג בעשלאָסענהייט ארויסצוטרעטען געגען איהר מאַן. זיין ווילען האָט געהערשט איבער איהר פון קינדווייז אָן, און זי האָט זיך ניט געקענט איצט בעפרייען פון זיין הערשענדע מאַכט. עס איז געווען

פיעל טרערען, און הארצווייטאָג, און טענות, און ארגומענטען, און פּאָרווירפע... עס איז געווען א לאַנגער, שווערער פלאַגענדער קאַמפף. ענדליך, איין מאָל האָט זי שוין זאָגאר צוגעזאָגט צו געהן מיט איהם. א פּלאַן איז געווען פּאָרזיכטיג אויסגעארבייט. זי וועט לאָזען אלע איהרע ברילליאַנטען און קליידער, נעהמען נור וואָס נויטיג און ביי נאַכט, ווען „איהרער" וועט שלאָפען, פערלאָזען דאָס הויז. צעהן א זייגער האָט „ער" שוין געשלאָפען און זי האָט כלומר'שט געלעזען אַן אינטערעסאַנטען ראָמאַן, וועלכען זי האָט געוואָלט היינט ענדיגען... איהר געליעבטער האָט געוואַרט אויף איהר אויף א בעשטימטען פלאַץ... זי האָט געוואוסט, ווי טריי, ווי היים, ווי פּאָעטיש ער האָט זי ליעב, מיט וואָס פאר אונגעדולד ער ערוואַרטעט זי, און דאָ „איהרער" האָט רוהיג געכראָפּעט... א קעלט איז איבערגעגאַנגען איבער איהר גאַנ־ צען יונגען קערפּער... זי איז אויפגעשטאַנען ווי אין א פיעבער, איז זיך דורכגעגאַנגען עטליכע מאָל איבער'ן שטוב מיט פערבראָכענע הענט, האָט זיך זעהר ביטער אויסגעוויינט... זי האָט לאַנג געקוקט דורכ'ן פענסטער אהין, וואו מען ערוואַרטעט זי... א שווערער, א שרעקליכער קאַמפף איז פערגאַנגען אין איהר יונגע זעעלע. דאַן האָט זי א טיעפען זיפץ געטאָן און האָט געזאָגט: „ניין! אויף ניין האָט מען קיין חרטה ניט". און, ווי א שאָף געהט שטיל צום שלאַכט, איז זי געגאַנגען אין שלאָף־צימער צו דעם, וועמען עס האָבען בעלאַנגט איהר זעעלע און איהר קערפּער...

דער יונגער פּיאַניסט האָט פערלאָזט אמעריקא, ערשטענס, ער האָט געהאַסט דאָס לאַנד, וואו דער דאָלאַר שטעהט העכער פון קונסט, פון פּאָעזיע, פון מוזיק. צווייטענס, זיין אונגליקליכע ליעבע... זי איז געקומען צום שיף איהם בעגלייטען, זי האָט געבראַכט מיט זיך א בור־ קעט בלומען און איהר אַלטען מאַן. דער אַלטער האָט זיך זעהר גע־ בייזערט, פאר וואָס זי האָט אויסגעגעבען געלד אויף אזא נאַרישקייט ווי בלומען. דער יונגער מאַן איז געווען זעהר טרויעריג. ביי איהר זיינען די טרערען געשטאַנען אין האַלז. ווען זיי זיינען אויף איין אויגענ־ בליק געבליבען אליין, האָט זי צום לעצטען מאָל א קוק געטאָן לאַנג אין די צוויי שעהנע, גוטע אויגען פון דעם, וועמען זי וועט ניט פער־ געסען ביז איהר טויט, דאַן האָט זי לאַנגזאַם און צאַרט דיזעס ביידע

אויגען געקושט און האט שטיל געזאגט: „איך האב מיינעם אונמיס־טען געבראכט מיט זיך, ווארום, איך האב געוואוסט, איך וועל עס ניט קענען אויסהאלטען... אדער איך וועל דיך מוזען פערהאלטען, אדער איך וועל געהן מיט דיר... טייערער, דו ווייסט ניט, ווי שווער מיר איז... אבער אזוי איז בעסער... אויף ניין האט מען קיין חרטה ניט".

ענדליך איז געקומען די לעצטע מינוט, די מינוט פון שיידען זיך. מיט א רעליגיעזען געפיהל האט ער אראבגענומען פונ'ם קאפ זיין הוט, האט זיך צוגעבויגען מיט זיינע ציטערנדיגע ליפען צו איהר האנד און האט אנגעהויבען וויינען מיט ביטערע, יאמערליכע טרערען. זי איז געשטאנען בלאס ווי די וואנד... דאן איז זי מיט „איהרען" אראב פון שיף, און ער איז געבליבען דארט אליין. דאן האט די מוזיק אנגע־הויבען צו שפילען און די גרויסע שיף האט זיך אנגעהויבען שטיל צו בעוועגען...

ביי די לעצטע ווערטער האט ביי דארים'ן אנגעהויבען צו ציטערען די שטימע און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז ער וויינט... האט דא מיין פריינד ניט פערצייכענט דאס, וואס ער אליין האט אמאל איבער־געלעבט? ער האט געשוויגען. עס איז געוועזן שטיל אין די בערג.

זעקסטער טאג.

ער און זי.

א גאנצע נאכט האט געבלאזען א שטארקער ווינד און דער טאג איז געוועזן א קאלטער און פערוואלקענטער. קיין רעגען איז ניט געגאנ־גען און קיין זונן איז ניט געוועזן. דער וואלד האט גערוישט, ווי דער אקעאן אין דער צייט פון א שטורעם. די בוימער האבען געוויינט און געציטערט. אפט האבען זיי זיך געטוליעט איינע צו די אנדערע און

געשעפּטשעט זיך, גלייך ווי זיי וואָלטען איילענדיג, געהאַלטען אַ „מיטינג“ וועגען דעם בייזען ווינד, דאַן האָבען זיי זיך געבויגען צו דער ערד, און מיט אַגעשריי גלאָפּען איינע פון די אַנדערע. די בערג האָבען געקוקט אַראָב בייז און פערזאָרגט. דער בערג גייסט איז געווען אין אַ שלעכטע שטימונג. אויף אַלעס און אַלעמען איז געווען צוגאָסען אַ מעלאַנכאָלישע דונקעלהייט.

מיין פריינד דאַריס איז אויך געווען ניט אויפגעלעגט. ער האָט געלעזען זיין ערצעהלונג מיט אַ טרויעריגער שטימע און אַ סך שטילער ווי געוועהנליך.

ער און זי! זיי האָבען פריהערביידע געוואָהנט זעהר הויך אויפ׳ן בארג „מאָנטעסאַנטאָ“. ער איז געווען לאַנג אַן אונטערטהעניגער קנעכט ביי איהר פאָטער. זי איז געווען זעהר אַ צאַרטע, אַן עדעלע, אַ נאָבעלע און אַ שטילע. ער איז געווען זעהר אַ שטאַרקער און געזונטער. איהר ווייסט דאָך, קאָנטראַסטען פעראייניגען זיך, — זיי ביידע האָט די ליעבע פעראייניגט. איהר פאָטער איז געווען זעהר אַ שטרענגער און זעהר אַ האַרטער בעל הבית. דער קנעכט זיינער האָט ניט געטאָרט האָבען קיין אייגענעם ווילען, האָט געדאַרפט דערשטיקען אין זיך יעדען פערלאַנג, האָט געמוזט טויטען אין זיך יעדען געדאַנק פון פרייהייט, — ער האָט ניט געדאַרפט פרעגען קיינע פראַגען, נור טאָן וואָס מע הייסט איהם, דיענען טריי און ארבייטען פלייסיג. לאַנג האָט דער קנעכט געדיענט און געדולדעט, ענדליך האָט ער אָנגעהויבען בענקען נאָך אַן אַנדער וועלט און אַנדער לעבען. ער האָט זיך בעשלאָסען צו פערלאָזען דעם ווייט־פערוואָרפענעם, לאַנגווייליגען, הויכען בארג „מאָנטעסאַנטאָ“, און געהן אַראָפּ, אַהין אין די גרינע טהאָלען מיט די שעהנע גערטנער און בליהענדע בלומען. זי האָט ניט געקענט בלייבען אליין דאָ, פאַר איהם איז געווען אונמעגליך צו געהן אָהן איהר אַהין. זיי האָבען געמוזט געהן ביידע צוזאַמען. איהר איז געווען שווער צו שיידען זיך פון איהר אַלטען שטרענגען פאָטער, זי האָט זיך געשראָקען פאַר זיין צאָרן. אָבער איהר געליעבטער איז געווען אַזוי שטאַרק און ענטשלאָסען און עס האָט זי אַזוי שטאַרק געצויגען צו איהם, — זיי האָבען ביידע פערלאָזען דעם הויכען „מאָנטעסאַנטאָ“ און זיינען געגאַנגען אַראָפּ צו די טהאָלען.

ווי שוואַך און צאַרט זי איז געווען האָט זי דאָך ניט מורא געהאַט צו געהן מיט איהם — זי האָט געוואוסט, ער איז גענוג שטאַרק און געזונד צו זאָרגען פאַר איהר. ער האָט געלעבט אין דער הויף אַזוי לאַנג, האָט פערשטאַנען איהר שפּראַך, די שפּראַך פון איהר פּאָטער, וועלכער האָט ניט געדולדעט אַלעס שרייענדעס און שטאַרקעס, און האָט געפּאָדערט די אונטערדריקונג פון אַלע פיזישע קולות. איהר שפּראַך איז געווען די שטילע, געהיימע שפּראַך פון זעעלענבעוועגונג און שטימונג. איין בעדינגונג נור האָט זי געשטעלט: זי וועט זיין די ווירטהין פון זיין הויז, וועט וואָהנען מיט איהם אין איין שטוב, וועט פאַר דער גאַנצער וועלט פּאָרגעשטעלט ווערען, אַלס זיין געזעצליכע פרוי, אין דער ווירקליכקייט אָבער וועלען זיי בלייבען פרעמדע, ביז ער וועט מיט זיין לעבען, אויפפיהרונג און בענעהמען זיך פערדיענען צו זיין איהר געליעבטער. און זיי האָבען זיך בעזעצטביידע אונטען אויפ׳ן פּלאַץ, וועלכער איז בעקאַנט מיט׳ן נאָמען „לעבענטהאַל״.

נייע קרעפטע, נייע פערלאַנגען האָבען ערוואַכט אין איהם, ווען ער האָט זיך בעפרייט פון זיין שטרענגען, פרומען בעל הבית. ער האָט געוואָלט לעבען, זיין גליקליך, האָבען פרייד און געניסען, — זי אָבער איז געווען דאַגעגען, ווייל אין דעם הויז פון איהר פּאָטער האָט זי געלערענט דאָס אַלעס צו האַסען. מיט יעדען טאָג איז ער געוואָרען לוסטיגער און פרייליכער, און זי, פערקעהרט, שוואַכער און טרויעריגער. פיעלע מאָל האָט ער געוויינט און געבעטען זי: „גענוג אונז צו בלייבען פרעמדע. ווער מיין געליעבטע! זיי ניט אַזוי שטיל, זינג אַ פרייליכעס ליעד, ערוועק אין זיך לעבענסלוסט. עס און טרינק, האָב ליעב און געניס די פרייד פון לעבען, אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבען איז ביי אונז אין די הענד״. זי פלעגט איהם אָבער ענטפערען: איך וואָלט דיך ליעב געהאַט, ווען דו וואָלסט ניט געווען דער, וואָס דו ביסט איצט...

— ניין! דיין פּאָטער האָט גענוג געטאָן צו פערניכטען מיין „איך״, צו מאַכען פון מיר אַ קראַנקען ווילענלאָזען מענשען, פער־שרעקען מיך און טויטען אין מיר יעדען בעגעהר און יעדען פערלאַנג. איך האָב פערלאָזען מאָנטעסאַנטאַ, ווייל איך האָב געוואָלט רעטען מיין „איך״ און לעבען ווי אַ מענש.

זי איז געוואָרען זעהר טרויעריג און האָט געזאָגט: אויב אַזוי,

האָב איך מורא, דו וועסט קיין מאָל ניט ווערען מיין געליעבטער. צוויי־שען אונזביידען ליגט אַ תהום, וועלכער ווערט מיט יעדען טאָג ברייטער און טיעפער. דיך אינטערעסירט אַלעם קערפּערליכעס, מיך — נור די זעעלע. דו ביסט אַ זוהן פון דער ערד, איך בין אַ טאָכטער פונ'ם הימעל. דו ביסט דער גראָבער שטאָף פונ'ם לעבען, איך בין ווי אַ אידעע, וועלכע מען קען ניט בעגרייפען. דו ביסט די וואָכיגע ווירקליכקייט, איך בין ווי די פּאָעטישע פאַנטאַזיע, דו ביסט די לוסט, איך — די ציכטיגקייט, דו ביסט בשר ודם, איך בין גייסט און שטרע־בונג, דו אַלם מאַן ביסט דאָס איינפאַכע, איך אַלס ווייב בין דאָס אונפערשטענדליכע, דו ביסט דאָס ווירקליכע, איך בין דער טרוים... דו ביסט די זינדיגע שמוץ פון דער ערד, איך וויל בלייבען אַ ריינע טאָכטער פונ'ם הויכען מאַנטעסאַנטאַ.

ער האָט אליין פערשטאַנען און געפיהלט ווי גרוים זיי אונטער־שיידען זיך איינער פונ'ם צווייטען. ער האָט אָבער ניט געקענט זיך ערקלערען פאַר וואָס ער איז אַזוי צוגעשמידט צו איהר, און ווארום ער קאָן אָהן איהר ניט לעבען. מיט יעדען טאָג איז זי געוואָרען בלאַסער און שוואַכער, מיט יעדען טאָג פלעגט זיך פערגרעסערען איהר בענקע־ניש אַהיים, אַהין אין דער הויך, אין די געגענדען פון איהר פאָטער'ס וואָהנונג.

ניט קענענדיג געווינען איהר ליעבע, האָט ער פון צווייפעל און ערגערניש זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו געגוס און ליידענשאַפט. האָט אָנגעהויבען זינדיגען געגען זיין מענשליכער נאַטור און מיסברוי־כען די פרייהייט, וועלכע ער האָט אַזוי שפּעט ערוואָרבען. ער האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו דעם וואָס איז אירדיש, וואָס שאַפט איהם אליין נור אַ פערגניגען, ווי נידריג און אונזיננינ דאָס פערגניגען זאָל ניט זיין און וואָס פאַר אַ פּרייז מען זאָל פאַר דעם ניט דאַרפען צאָהלען. ער האָט אָנגעהויבען צו פערלירען זיין פיזישע קראַפט און איז ביסלעכווייז געוואָרען אַ שוועכלינג. דאַן איז זי גע־קומען צו איהם, אַ שטילע, אַ טרויעריגע, אַ צאַרטע, און האָט גע־זאָגט: אומקעהרען זיך צוריק אויף מאַנטעסאַנטאַ קען איך ניט, ווייל איך ווייס, אָהן מיר וועסט דו ניט לעבען מעהר. איך בענק שטאַרק נאָך מיין היימאַט, איך וועל אָבער בלייבען דאָ אין לעבענטהאל... ניט ביי דיר, איך וועל געהן צו די אַנדערע מענשען.

א קראנקער, מיט א צו וואונדעטע הארץ האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען מיט ביטערע טרערען: פערלאָז מיך ניט איצט. וואָהין קענסט דו געהן וואנדערען א שוואכע, א צארטע, א פרעמדע, אן אונבע־קאנטע? בלייב מיט מיר! בלייב מיט מיר, מיין איינציגע ריינע פרייד אין לעבען! ווער אין דער וועלט וועט דען קענען פערשטעהן דיין שפראך?

— עס איז וואהר, איך בין א פרעמדע דאָ... געקומען פון וויטע געגענדען... מיין שפראך איז אונפערשטענדליך. מיין שפראך איז די שפראך פון די הויכע מעלאנכאָלישע בערג, וועלכע גרייכען ביז די הימלען, מיין שפראך — דאָס איז דער ריח פון די בליהענדע בלומען, דאָס וועהיספערן פון בלעטער, דאָס זשורזשען פון א ווינטעלע, דער פלעסק פון א קלאָרען קוואל, דער טרוים פון דער נאכט... דער זיל־בערנער שטילער שטראהל פון דער לבנה... מיין שפראך איז דער זיפץ פון דער ערד, דאָס סטעהנען פון׳ם אָקעאן, דער טרויער פון די וואָלקענס, די בענקעניש פון די בלויע הימלען, די געהיימנים פון דער וויטקייט, די בעוועגונג פון שטילקייט... איך טראָג זיך דאָרט וואו די ווייסע וואָלקענדלעך זיינען בעזילבערט פונ׳ם מאָנד, איך שטרעב אהין, וויט אין מעריב, וואו די זונן פערשווינדעט, און די בלויע הימ־לען ווערען דונקעל רויט... די מענשען וועלען מיך ניט פערשטעהן און דאָס אליין וועט זיי פרייען, ווארום זיי איז שוין לאנג מיאוס געוואָרען אלעם וואָס זיי פערשטעהן... זיי וועלען ניט וויסען וואָס איך זאָג זיי, דאָס איז גוט, זיי זיינען איבערזעטיגט מיט דעם וואָס זיי ווייסען. זיי זיינען אָלע קראנקע ווי דו, און מיין געהיימניספאָלע שפראך, וועט זיי געבען א זיסען וועהטאָג, און וועט אויפוועקען אין זיי אונערקלערליכע בענקעניש אהין, אין די אונבעקאנטע בערג פון מאָנטעסאנטאָ... לעבע וואהל! מיר האָבען געלעבט צוזאמען ווי פרעמדע און מיר שיידען זיך ווי פרעמדע... איך געה צו זיי, איך וועל צו זיי רעדען מיט די פארבען פונ׳ם רעגענבויגען, איך וועל צו זיי ערשיינען דורך די טענער פון דער הימלישער לירא... איך וועל וויינען פאר זיי מיט די קריסטאָלענע טראָפּענס פונ׳ם טוי, איך וועל זיי ערקלערען מיין טרויער דורך די בריליאנטען פונ׳ם קאלט־ריינעם און הייליג־ווייסען שנעע, וועלכע שיינען געגען די שטראהלען פון דער טרוימענדער לבנה. איך וועל זיי פערוויקלען אין די שוואַרצע שאָ־

טענס פון דער נאַכט, איך וועל זיי שרעקען מיט דער געהיימע שטיל־קייט פון דער פינסטערניש... שטילקייט... שטילקייט... שטיל־קייט...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם מיט איהרע טרויעריגע, קאַל־טע, ריינע אויגען און האָט איהם פערלאָזט. ער איז געבליבען אליין מיט זיינע טרויעריגע געדאַנקען און טיעפען שמערץ... זיין גע־זונד האָט ר אונזיננינ פערלאָרען, יאָגענדיג זיך נאָך לוסט און פער־גנניגען, זיין קראַפט האָט ער פערשוועגדעט אונערמיעדליך זוכענדיג מיטלען צו בעפרידיגען זיינע פערלאַנגען... אַ קראַנקער, אַ שוואַכער, אַן עלענדער האָט ער אליין אָנגעהויבען צו בענקען נאָך די טעג, ווען ער האָט געלעבט אין מאָנטעסאַנטאָ. דער אַלטער קנעכט האָט ערוואַכט אין איהם. דער אַלטער קנעכט לעבט. ער זיצט אליין און טראַכט. די שטילע נאַכט קומט נעהענטער און נעהענטער... די לבנה שווימט שטיל ארוים אויף די בלויע הימלען... די שטילקייט קומט... ווער קען פערשטעהט, וואָס די שטילקייט זאָגט צו דער דונקעלער ערד? קיין זאַך רעדט ניט אַזוי הויך און דערצעהלט ניט אַזוי פ.על ווי די שטיל־קייט...

ווי דאָריס האָט נור געענדיגט זיין ערצעהלונג, בין איך אויפגע־שטאַנען און האָט ערקלעהרט, אַז איך בלייב דאָ ניט מעהר. איך האָב פיינט, אַז מען שרייבט מיט פערשטעלטע, פערבאָרגענע גע־דאַנקען. האָסט דו עפּעס צו זאָגען! זאָג גלייך, קלאָהר און דייטליך.

— וואָס איז דען ניט קלאָהר? האָט געפרעגט דאָריס. ווער וועט דען ניט פערשטעהן, אַז „ער” איז דער גוף, „זי” די נשמה, איהר פאָטער די רעליגיאָן? ווער וועט דען ניט זעהן, אַז „ער” דאָס איז די ווירקליכקייט, די רעאַליטעט, דער מאַטעריאַליסטישער מענש, און אַז „זי” איז דער ראָמאַנטיזם, דאָס אונבעגרייפליכע, דאָס גייסטיגע, דער מיסטישער עלעמענט פון אונזער לעבען?...

יאָ, אָבער מיט דעם דאָזיגען ארט שרייבען מאַכט איהר נאָך קראַנקער דעם שוואַכען מענשען. מיט אייער זיסען וועהטאָג ערוועקט איהר ביי דעם אמאָליגען קנעכט די שאַרפע בענקעניש נאָך דעם פערגאַנגענעם. אויף דער וועלט זיינען דאָ ניט נור מלאַכבאַלישע

בערג, נור אויך דער רוישענדער איביג לעבענדער אָקעאַן. אונז גיט ליכט ניט נור די קאַלטע, עפּילעפּטישע נאַכט־וואַנדערין — די לבנה, נור אויך די מעכטיגע, שאַפענדע, לעבען־געבענדע זונן. איצט זיינען די הימלען בעדעקט מיט וואָלקענס? מאָרגען אָבער וועט קומען די הייסע זונן און וועט אָנצינדען אין אונזער בלוט דעם פייער פון לע־בען, לוסט און ענערגיע! איבערהויפּט דעם אידען לאָזט צו רוה! שרעקט איהם ניט מיט שווארצע וואָלקענס פון דער נאַכט און מאַכט איהם ניט נאָך מעהר היסטעריש מיט דער שפּראַך פון דער שטילקייט. זיין גוף איז אָהן איין געווען קראַנק טויזענדער יאָהרען. לאָזט איהם ווערען געזונד, לאָזט איהם קריגען לעבענס לוסט־ און אַ שטרעבונג צו דער פרייד פונ׳ם לעבען. צום טייוועל מיט אייער דעקאַדענטישע זעעלען־קראַנקהייט! לאָזט פריהער דעם אָמאָליגען קנעכט ווערען גע־זונד און שטאַרק!... איך בלייב דאָ ניט מעהר! היינט נאָך פאָהר איך צוריק! — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען מיינע זאַכען זיינען שוין געווען געפּאַקט און איך בין בערייט געווען צו פאָהרען, איז צו מיר אין צימער געקומען דאָרים. ער האָט ניט געוואָלט, איך זאָל אוועקפאָהרען אַ בייזער. איך האָב זיך ניט גע־וואָלט איבערבעטען, ביז ער האָט מיר ענדליך געגעבען זיין העפט מיט די ערצעהלונגען, און זיין ערלויבנים צו דרוקען זיי. די זאַכען האָבען מיר אָבגעשיקט מיט אַ פוהר, און אליין זיינען מיר צו דער סטאַנציאָן געגאַנגען צו פוס דורכ׳ן וואַלד. דאָרים איז געגאַנגען שטיל, זיין געזיכט איז געווען זעהר טרויעריג. איך האָב איהם גענומען פאַר׳ן אָרם און געזאָגט: מיין פריינד, זיי געזונד! די הויפּטזאַך איז צו זיין גייסטיג און קערפּערליך געזונד. די פּאָעזיע פון אַ קראַנקער זעעלע, איז ווי די אילוזיאָן, וואָס קומט פון אָפּיום. די אילוזיאָן איז טאַקע שעהן, אָבער דער אָפּיום איז גיפטיג. אַ שרעקליכער, שענדליכער גיפט!

מיר זיינען ביידע אנשוויגען געוואָרען. אַ קאַלטער ווינד האָט געיאָמערט אין וואַלד. די הימלען זיינען געווען פערצויגען מיט דונקעלע וואָלקענס. די בערג האָבען געקוקט אראָב בייז, פערזאָרגט און מעלאַנ־כאָליש. איך האָב פּלוצים אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם שטאַרקען, מעכ־

טיגען, קיין מאָל ניט טרויערענדען אָקעאַן און מיר האָט זיך פערגלוסט אויסצושרייען: עס לעבע דער אייביג־רוישענדער, קיין מאָל ניט שטיל־שווייגענדער, אייביג רעדענדער, אייביג דערצעהלענדער, אייביג לעבענדער אָקעאַן!

אויפ'ן ים

עס איז א קאלטע אקטאבער־נאכט. לאנגזאם בעוועגט זיך די גרויסע שיף איבער די קאלטע, רוישענדע וועללען. דער ווינד רייסט און ברעכט די מאסטען און די זעגלען. די פייערלעך אויפ'ן דעק פונ'ם שיף פלימערן אונרוהיג און די שטערענדלעך זיינען אוועק טיעף אין דונקעלען הימעל אריין און בעלייכטען זעהר שוואך די שווארצע, אונ־בעגרענעצטע סטעפע, וועלכע רופט זיך אקעאן.

אויפ'ן דעק זיינען דא זעהר ווייניג פאסאזשירען. די „גליקליכע" זיצען אין די גרויסע ווארימע זאלען, וועלכע זיינען בעגאסען מיט עלעקטרישע ליכט, — שפילען פיאנא, זינגען, אמוזירען זיך... די „אונגליקליכע" ליגען צונויפגעקארטשעטע אויף זייערע בעטלעך און ווארטען, ווען וועט קומען דער טאג, אויב דער שלאף וויל ניט קומען. מאטראזען, שלעפעריגע און מידע, געהן ארום לאנגזאם פון איין בארט צום אנדערען און בעהאלטען זיך ערגעץ אין א ווארימען ווינקע־לע... נור ער שטעהט אליין און קוקט אויפ'ן וואסער, קוקט צוריק אויף יענעם ברעג, וועלכער איז שוין לאנג, לאנג פערשוואונדען גע־ווארען און פון וועלכען די שיף טראגט איהם אוועק ווייטער און ווייטער.

רייהען־וויז טראגען זיך פערשיעדענע בילדער פאר זיינע אויי־גען. ער לעבט ווידער איבער אלעס, וואס ער האט איבערגעלעבט אין די לעצטע עטליכע יאהר אין דעם לאנד, וועלכע ער האט הייגט אין דער פריה פערלאזען. מיט גרויסע פלענער און מיט רייכע האפנונגען איז ער געקומען אין „אנקעל סעם'ס" לאנד. ער האט געהאט פעהיג־קייטען, מען האט פון איהם אין דער היים ערווארטעט פיעלעס. די פראזא פון דעם אמעריקאנער לעבען האט באלד א תל געמאכט פון

זייַנע פּלענער! און האָפנונגען און זיין טאַלענט און פעהיגקייט זיינען גענוצט געוואָרען נור אויף אַזוי פיעל, ער זאָל קענען לעבען און זאָל כח האָבען צו ארבייטען. מאַנאָטאָן און לאַנגווייליג האָבען זיך געצויגען די טעג — איין טאָג עהנליך צום אַנדערען. אַלע מענשען ארום איהם האָבען געלעבט ווי מאַשינען און ער האָט אויך שוין אָנגעפאַנגען צו לעבען אַ מאַשינען־לעבען — אָהן גערדאַנקען, אָהן געפיהלען, אָהן אינטערעסען, אָהן שטרעבונגען... אָבער דאָ האָט דער שיקזאָל זיי צוזאַמענגעבראַכט. און דאָס האָט איהם אויף אַ צייט ארויסגערופען פון זיין מאַשינען־לעבען און האָט איהם אויפגעמונטערט.

פון אָנפאַנג איז זי איהם געפעלען געוואָרען נור דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געהאַלטען אַזוי נאַטירליך און האָט גערעדט אויפריכטיג. איין שעה האָט ער פערבראַכט אין איהר געגענוואַרט און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, זיי זיינען שוין אַלטע גוטע בעקאַנטע. נאָכדעם האָט ער ענטדעקט, אַז זי האָט אַ גוטע ערדעלע הארץ, אַ געזונטען פערשטאַנד און פון דער נאַטור געגעבענעם שכל הישר... שפּעטער, ווען ער האָט שוין געקוקט אויף איהר מיט די אויגען פון אַ פערליעבטען, האָט ער אין איהר געפונען אַ גאַנצען אוצר מיט זעלטענע מעלות און שאַצבאַרע אייגענשאַפטען.

זייער ראָמאַן איז געגאַנגען מיט'ן אַלטען, לאַנג אויסגעטראָטענעם וועג. פריהער שטילע בליקען, דערנאָך אויסדריקליכע זיפצען, דערנאָך שטומע צייכענס פון האַנד־דרוק, ענדליך האָט די ליעבע אראָבגעריסען פון זייערע ליפּען דעם ערשטען פייערדיגען און לייִדענשאַפטליכען קוס און דאַן האָבען זיך באַלד אָנגעפאַנגען טרערען און פּלענער וועגען דעם, ווי אַזוי מען זאָל זיך צושיידען.

טרערען און פּלענער וועגען שיידען זיך? ווארום, פערקעהרט, האָבען זיי ניט געפּלאַנעוועט וועגען פעראייניגונג, וועלכע זאָל פיהרען צו גליק און פרייד? האָבען זיי זיך דען ניט ערנסט און טריי געליעבט? עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגען, דאָס אין דיזען פּראַקטישען לאַנד האָט זייער ליעבע צו זיך קיין צווייטע ניט געהאַט, — אַזוי טיעף, אַזוי ריין, אַזוי אויפרעכטיג, אַזוי איבערגעגעבען און טריי האָבען זיי זיך געליעבט, אָבער זי האָט געהאַט אַ מאַן מיט צוויי קינדער, ווען דער ראָמאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען. זי האָט איהר מאַן ניט געליעבט ווען זי איז צוויי מאָל מוטער געוואָרען, און האָט מיט איהר גאַנצער

זעלע געליעבט אַן אַנדערען, ווען זי האָט דאָס דריטע קינד אויף דער וועלט געבראַכט. דאָס איז קיין נייעס פיר די, וועלכע האָבען בע־אָבאַכטעט אונזער פאַמיליען־לעבען. עס איז נור געווען אַ ביטערע נייעס פיר דעם נאַאיווען פערליעבטען און אַ טיפער האַרצווייטאָג מיט אַ שאַנדע פאַר דער פרוי . . .

אָבער וואָס מעהר זיי האָבען געדענקט פון צושיידען זיך, דאָס שטאַרקער האָבען זיי געמאַכט איינער צום צווייטען זייערע געפיהלען... עס האָבען זיך אָנגעהויבען סצענען פון אייפערזוכט, פון אונבפריע־דיגטע ליעבע מיט טרערען, מיט היסטעריקעס, מיט שלאָפלאָזע נעכט, מיט טרויעריגע טעג. און דאַן איז געקומען דער מאַן מיט זיינע רעכטע אַלס איהר בעל גוף און מיט זיין אַווטאָריטעט אַלס בעל הבית. אַ קליין מענשעלע איז דאָס געווען, מיט ליליפּוטאַנישע שטרעבונגען, מיט אַ געמיינעם עגאָאיסטישען כאַראַקטער, מיט אַ קראַנקע פסיכאָ־פּאַטישע זעעלע, מיט לאַנגווייליגע און אונערטרעגליכע געוואָהנהיי־טען, אָבער פאַר איהם איז געווען די גרויסע וועלט, די עפענטליכע מיינונג, די מאָראַל, די צונגען פון אַלע צוויי פיסיגע חיות. ווי ער־שטוינט איז ער געוואָרען, ווען זי, זיין שקלאַפין, האָט איהם אָפען ערקלעהרט, דאָס זי ליעבט אַן אַנדערען, דאָס זי וויל נעהמען אַלע קינדער און געהן צו איהר געליעבטען, דאָס זי קימערט ווייניג, וואָס מען וועט רעדען און וואָס מען וועט זאָגען, ווער עס וועט פון איהר לאַכען, ווער עס וועט אויף איהר טייטלען מיט די פינגער. זי איז בערייט צו אַרבייטען, צו ליידען פעראַכטונג, צו טראָגען אויף זיך די שווערסטע לאַסט און זיין מיט דעם, וועמען זי האָט ליעב.

דאָ אָבער האָט זיך דער געליעבטער איבערגעשראָקען. ארויס־געהן אָפען? דער מאַן וויינט, זיין לעבען איז איצט צובראָכען. די קינדער בלייבען אָהן אַ פאָטער. אַלע פריינד, אַלע בעקאַנטע וועלען זיך פון איהם אָבקעהרען . . . זיין נאָמען וועט ער מוזען פערלירען . . . ניין! ער וועט בעסער אָפּפערען מיט זיך . . . ער וועט זיך ענטזאַגען פון זיין גליק . . . ער וועט זיך אומקעהרען אליין צוריק אין זיין אַלטע היימאַטה . . . אַם וועניגסטען, וועט ער פיהלען, דאָס ער האָט געהאַנ־דעלט ווי אַ מענש, די דאַנקבאַרקייט פון איהרע קינדערס פאָטערס . . .

ער שטעהט אליין און קוקט אויפ׳ן וואַסער, בליקט צוריק אויף יענעם ברעג, וועלכער איז שוין לאַנג פערשוואונדען געוואָרען און פון

וועלכען די שיף טראָגט איהם אוועק אלץ ווייטער און ווייטער.

וועמען האָב איך געבראַכט דעם קרבן? פרעגט ער איצט זיך אליין, און א שאַרפער ווייטאָג דרינגט דורך זיין הארץ. וועמעס גליק וועט גרעסער ווערען דערמיט, וואָס איך האָב צובראָכען צוויי לע־בענס און צו טראָטען מיט די פיס מיין אייגען גליק? ווער איז דער גאָט, וועמען איך האָב אזא בלוטיגען קרבן געבראַכט? א סטאַדע פערד, וועלכע הירזשעט און בריקעט און קייט שטרוי... דעם גאָט האָב איך געאָפּפערט מיט מיין לעבען, מיט מיין גליק. מיט מיינע הייליגסטע געפיהלען?

דער דונקעלער ים רוישט און שטורעמט ארום איהם און ער ליגט מיט'ן ברוסט אויפ'ן באָרט און קוקט אלץ צוריק. ער זעהט ווייט ווינקט צו איהם א שטערענדיל און טראַכט אפשר בעלייכט דאָס זעלבע שטערענדיל יענע הויז, וואו ער האָט אזוי פיעל געליטען און געפיהלט, — יענע הויז, וואו זי זיצט איצט אליין א פערלאָזענע, דענקט פון איהם, און בעוויינט איהר פערלאָרענעם גליק און איהר פערלאָרענע יוגענד...

דער ערשטער וואלקען.

עס איז ערשט געוועזן איינס אַ זייגער און זיי פאָהרען שוין מיט'ן עלעווייטעד אַהיים. דער לאָקאָמאָטיוו רוישט, די רעדער קלאַפּען. יעדע צוויי־דריי מינוט עפענען זיך די טהירען פון וואַגאָן, נייע מענשען מיט נייע קעלט רייסען זיך אריין. דער ווינד שניידט דורך און דורך, די מענשען קוקען אויף איהר מיט גוטע אויגען. און זי זיצט, נעבעך פערזאָרגט, צוטראָגען, און ער זיצט אַנטקעגען אַ בייזער, די אויגען צוגעמאַכט, גלייך ווי ער שלאָפט.

איינס אַ זייגער! זי האָט זיך ערשט צוטאַנצט. עס איז ערשט געוואָרען לעבעדיג, פריילין! דער באַלל וועט געוויס זיך פערציהען ביז פינף. דעם צווייטען וואַלץ האָט מען געטאַנצט ווען זי האָט אין גאַרדעראָב אָנגעטאָן איהר אָווערקאָוט. און אין שפּיגעל האָט זי געזעהן איהר אייגען טרויעריג געזיכט. און אויף דער פּראָגראַם איז נאָך געווען געצייכענט: פּאָלקאַ, קאַדריל, פּאָלקאַ מאַזורקאַ און נאָך... און נאָך...

אַך! זי האָט זיך אַזוי גוט געפיהלט. די אויגען האָבען געשיינט און געבליצט, די בעקעלעך האָבען געברענט... איהר פּאַסט אַזוי דאָס ווייסע קלייד... אין דעם זעלבען קלייד איז זי געגאַנגען צו דער חופּה ערשט מיט דריי מאָנאַט צוריק. אַלע האָבען איהר געמאַכט קאָמפּלימענטען, יעדער האָט געוואָלט מיט איהר טאַנצען, און זי האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך. זי איז געפלויגען ווי אַ פייגעלע אין דער לופטען, גלייך ווי דאָס גליק פון איהר לעבען וואָלט צוגעגעבען איהר יונגען קערפּער אַ פּאָאָר שטאַרקע פליגלען... פּלוצלונג איז ער בייז געוואָרען און האָט זיך אָנגעבלאָזען... איהם איז געווען אומעטיג, אָבער וואָס איז זי שולדיג? איינער פון איהרע אַלטע בעקאַנטע האָט

איהר צו שטאַרק געדריקט די האַנד. אָבער זי האָט גאָר ניט געמיינט, זי האָט נור געוואָלט זיין לוסטיג און פרייליך, ווייל זי האָט זיך געדעבענט גליקליך... פאַר'ן באַל, ווען זי האָט אָנגעטאָן דאָס קלייד איז ער געווען אַזוי ענטציקט, אַזוי פערליעבט.

און פּלוצלונג, זי האָט זיך שוין געשטעלט וואַלסירען מיט איהר קאַוואַליער און ער איז צוגעגאַנגען, האָט אַ בליץ געטאָן אויף איהר מיט אַ בייזען בליק און האָט געזאָגט: לינע, איך געה אַהיים! — אַהיים? אָ! שלעכטער, האַר אויס, איך וועל ענדיגען דעם וואַלס... „קענסט בלייבען, אַז דו ווילסט — איך געה".

און זיי פאָהרעןביידע אַהיים, ער זיצט אָנטקעגען און מאַכט זיך ווי ער שלאָפט, און זי זיצט אַ טרויעריגע און וויים ניט וואָס צו זאָגען... זי זעהט ניט וואָסערע פייערדיגע בליקען איהר שכן מיט זיידענע בלאָנדע וואָנסיעס וואַרפט אויף איהר... זי הערט ניט ווי פון דער אַנדערער זייט בעוואונדערען פּאַסאַזשירען איהר יונגע שעהנהייט — איהר ליגט קיין זאַך ניט אין זינען — ער, איהר מאַקס איז ברוגז! — מאַקס, וואָס איז מיט דיר? פרעגט זי מיט אַ ציטערענדע שטימע און טרערען גלאַנצען אין איהרע שווארצע אויגען און ער גיט בייז אַ שנאָרך מיט זיין האָרבאַטע אידישען נאָז און שווייגט.

דער שכן מיט דעם בלאָנדען שנור־באָרד געהט אַרוים פון וואַגאָן און דער שלעכטער מאַקס זעצט זיך ניט לעבען איהר. — „זעטץ דיך אַהער, מאַקס!" זאָגט זי בעטענדיג. — ער שווייגט און ריהרט זיך ניט. ענדליך זיינען זיי שוין ביי זייער סטאַנציאָן. ער הויבט זיך אויף פריהער און לויפט... ער נעהמט זי ניט ווי שטענדיג ביים האַנד, וואַרט ניט אויף איהר... אַזוי ווי אַ פרעמדער, און זי מוז מאַכען גיכע טריט, פרעמדע זאָלען ניט בעמערקען.

צום ערשטען מאָל האָבען זיך איהר אויסגעוויזען איהרע צוויי ציכטיגע צימערלעך ווי צוויי פוסטע קברים. זי האָט זיך ביים שפּיעגעל לאַנגזאַם אויסגעטאָן. און ער האָט זיך, ווי ער איז געגאַנגען מיט די שטיוועל און מיט'ן פּרינץ־אַלבערט, אַ וואַרף געטאָן אויפ'ן קושעטקע און האָט צוגעמאַכט די אויגען... אומזיסט האָט זי אַ קלאַפּ געטאָן מיט'ן שטוהל, ווען זי האָט אַראָבגעצויגען די שיכלעך פון איהרע פיס, אומזיסט האָט זי עטליכע מאָל צוקאַמט און פערקאַמט איהרע לאַנגע

שווארצע האָר, ער האָט ניט געקוקט. דאָ איז זי אויך בייז געוואָ־
רען און איז אוועק אין איהר צימער... אויפ׳ן שוועל האָט זי זיך
אָבגעשטעלט און האָט איהם געזאָגט: מאקס, טהו זיך אויס און געה
שלאָפען!

ער האָט ניט געענטפערט, דאָס בלוט האָט געקאָכט אין איהם,
דער צאָרן, האָט געברענט, דאָס הארץ האָט וועה געטאָן. ער האָט אליין
ניט געוואוסט וואָס איז דאָס: א קראנקהייט, א משוגעת, אייפער־
זוכט, ליעבע? ער איז געוועזן שטארק בייז און דאָך האָט ער ערווארט־
טעט, אז זי וועט צוגעהן צו איהם, שטעלען זיך אויף די קניע, ארומנעה־
מען איהם, וויינען, בעטען, און זי!... זי שלאָפט זיך יעצט גאנץ רו־
היג! שלעכטע, אונבארמהערציגע פרוי.

אָבער זי שלאָפט ניט. מאקס, נעבעך, ליגט אליין אין די שטיי־
וועל... אויף דער קושעטקע איז אזוי הארט צו שלאָפען... און
שפעטער וועט ווערען אזוי קאלט אין שטוב און ער איז ניט צוגע־
דעקט... זי שטעלט אראָפּ איהר באָרוויסע פיסעל אויפ׳ן קאלטען
פלאָר און געהט לאנגזאם און ציטערט... און ער דער גנב, מאכט נאָך
שטארקער צו די אויגען און ציטערט אויך.

„מאקס, דו שלאָפסט?״ פרעגט זי מיט א זאנפטע שטימע —
ער שווייגט. זי שטעהט א מינוט און דאן ציהט זי אראָב שטיל פון
איהם די שטיוועל, זי זאָל איהם ניט אויפוועקען חלילה... נעהמט
אויף גיך די איינציגע ווארעמע קאָלדרע און דעקט איהם צו, ווי א
מוטער איהר קינד... דאָ אָבער שטרעקען זיך פלוצלונג אויס א פּאָר
שטארקע הענד פון אונטער דער קאָלדרע און א פּאָר פערטייפעלטע
גנב׳שע אויגען קוקען אויף איהר און ברענען... דער ערשטער
וואָלקען ציהט אָב אין הינטערגרונד און די זונן שיינט ווידער...

לינאָ! פיעל וואָלקענס וועלען נאָך... אָבער שש! איך וויל
זי ניט שרעקען יעצט מיט טרויעריגע בילדער.

צוויי טויטע.

.1

וואָס האָט איהר געפעהלט? האָט געפרעגט דער מאַן מיט טרערען און פערדרוס. וואָס האָט איהר געפעהלט? האָבען געפרעגט אַלע ווייבער און אַלע יונגע פרייליינס פון דער נאַכבאַרשאַפט.

זי איז געווען איין איינציגע טאָכטער ביי איהרע גוטע און ניט ארעמע עלטערן. זי איז געווען שעהן, לוסטיג, פרייליך... גאַנץ פריה האָט שוין איהר זיסע שטימע געהילכט איבער'ן גאַנצען טענעמענט הויז... איהרע לידעלעך און איהר זילבערנער געלעכטער האָבען געקלונגען אָהן אַן אויפהער. אימער ליעבהאפט, מונטער, זאָרגלאָז ווי אַ פויגעלע... זי איז נאָך געווען זעהר יונג און נאַאיוו, די עלטערן האָבען געפונען פאַר איהר אַ שעהנעם, פּאַסענדען שידוך... אַ שעהנער יונגער מאַן מיט געלד... אַן אייגענע דזשולערי סטאָר מיט אַ ניט אָפּיציעלען קליינעם „לאָון אָפיס"... „אַ סאָלידער מאַן, ניט פון היינטיגע שאַרלאַטאַנעם", האָט געזאָגט דער פאָטער... „ביי אַזאַ מאַן וועסט דו לעבען ווי גאָט אין פראַנקרייך", האָבען איהר געזאָגט אַלע פריינד און בעקאַנטע. זי האָט חתונה געהאַט.

אַשעהנע רייכע וואוינונג, גוטע מעבעל, טהייערע קאַרפּעט, אָבער קיין לעבען: שטיל און קאַלט ווי אין אַ קבר, גאַנץ פריה רייבט ער די צייהן מיט אַ פּראָשאָק, שווייגט דעם גאָרגעל, פּוצט דעם קאָסטיום און געהט אין סטאָר... פאַרנאַכט קומט ער עסען... עסט אָב... רעכענט ווי פיעל איז היינט אריינגעפאלען... גענעצט און צעהן אַ זייגער געהט ער שלאָפען... מאָרגען דאָס זעלבע, איבערמאָרגע ווידער די אייגענע זאַך... זונטאג פּוצט ער ניט דעם ראָק, געהט אום אין אַלטע צוריסענע הויזען, גענעצט און שווייגט... ווען זי בעט מען

זאָל געהן ערגעץ, טוט ער אָן אַ רייכען קאָסטיום מיט אַ צילינדער־הוט און געהט מיט איהר ביז דער 8־טער שטראַסע... דאָ זעצען זיי זיך אויף אַ באַנק; ער גענעצט און שווייגט אָדער דרעמעלט און זי זעהט הונדערטער מענשען בעוועגען זיך... קינדער שטיפען און לאַפען, יונגע לייט געהן אום לעבעדיגע, מונטערע, פרייליכע... נאָך ניט לאַנג איז זי אויך אומגעלאָפען, געלאַכט, געפלאַפּעלט, געשטיפט און היינט איז זי אַ סאָלידע מאַדאַם פון אַ סאָלידען מאַן!... זיי געהען צוריק — אין דער היים איז שטיל, קיינער קומט ניט... דער סאָלידער מאַן האָט פיינט בעקאַנטשאַפט, וויזיטען, אונטערהאַלטונגען. ער האָט ליעב זיין ווייב, היט אָב זיין געשעפט און אַטענדעט זיינע קאָסטי־מערס...

— וואָס פעלט דיר, מיין קינד? פרעגט איהר די מוטער, ווען זי בעמערקט טרערען אין איהר טאָכטערס שעהנע אויגען. רייכע קליידער האָסט דו, טייערע ציערונג האָסט דו, שעהנע פאַרניטשור האָסט דו, אה, גנב, איך וויים דו בענקסט נאָך אַ קליינעם פּופּיקעל... עס איז טאַקע אַן עולה פון דיינעם, וואָס ער געהט ניט מיט דיר צו אַ דאָקטאָר... עס איז דאָך שוין צוויי יאָהר נאָך אייער חתונה!...

די יונגע פרוי קעהרט זיך אָב און שווייגט שטיל, די צייט געהט לאַנגזאַם. מען הערט ניט אין שטוב קיין געלעכטער, זי זינגט ניט מעהר... איהרע רויטע בעקעלעך ווערען בלאַס און ער... זי בע־מערקט גאַנץ דייטליך... ביי איהם וואַקסט אַ בייכעל... ער ווערט פעט און גענעצט נאָך אָפטער... זי איז טרויעריג, זי ליידעט, איהר איז שווער און ער בעמערקט קיין זאַך ניט... זי זאָגט צו איהם מיט אַ טרויעריגען שמייכעל: דו ווייסט, מיר איז אָפט אַזוי שלעכט, דאָס איך וויל בעסער שטאַרבען, ווי לעבען... און ער גענעצט אַזוי שטאַרק, אַז דער מויל עפענט זיך ביי איהם פון איין אויער ביז׳ן אַנדערן און זאָגט גאַנץ רוהיג: עס איז שוין נאָך צעהן... קום שלאָפען.

איידער אַזוי צו לעבען, איז בעסער צו שטאַרבען, דענקט די יונגע פרוי אָפטער און אָפטער!... זי פערלירט איהר געזונטען זינן, די נערוועו ווערען שוואַך... די צייטונגען דערצעהלען יעדען טאָג ווי אונגליקליכע בעפרייען זיך פון זייערע צרות...

איין מאָל, ווען דער סאָלידער מאַן איז געקומען צוריק פון סטאָר, איז דער טיש ניט געווען געגרייט, אין שטוב ניט אויפגערעמט און

זיין יונגע פרוי איז געלגען אַ טויטע אין מיטען שטוב.

— וואָס האָט איהר געפעלט, האָט געשריען דער סאָלידער מאַן און האָט פערבראָכען זיינע ווייסע, פעטע פינגער...

— וואָס האָט דיר געפעלט? מיין קינד... מיין אונגליקליך קינד!... האָט געקלאָגט און געיאָמערט איהר מוטער, וועלכע איז געקומען צולויפען ווי אַ פערווירטע. איהר קינד האָט געשוויגען, איה־רע ליפען זיינען געווען פערשלאָסען אויף אייביג, נור אין איהר פער־קיהלטע האנד איז געווען צוגעדריקט אַ פּאַפּירעל אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעשריבען: „איך שטאַרב, ווייל איך וויל לעבען"...

.2

.... ער איז געשטאָרבען שטיל און אונבעריהמט גראַד ווי ער האָט שטיל און אונבעמערקט געלעבט... אַ שטילער, אַ גוטער, אַ וואַהרער פריינד, אַ פלייסיגער ארבייטער, אַן עדעלער כאַראַקטער, אַ צופריעדענער מענש איז ער געווען. ער האָט געלעבט — זיין פרוי און זיין 8 יעהריגער זוהן זאָלען גליקליך און צופריעדען זיין, ער האָט געאַרבייט שווער איבער זיינע כוחות, נור זיי זאָל קיין זאַך אין דער וועלט פעלען.

זי דאַרף פּראָנטירען, זי דאַרף שפּאַצירען, זי דאַרף פערגעניגען האָבען און ער דאַרף אַרבייטען. ווען זי לאַכט איז ער גליקליך... גע־פעלט איהר עטוואָס — מוז זי דאָס האָבען, וויל זי ניט וואָהנען אין דער שטראָסע, האָט זי בעלעדיגט דעם הויז־קיפּער — מופּט מען באַלד, עס מעג זיין נאָך ווייטער צו געהן אין דער טאַבאַק פּאַבריק, וואו ער איז דער פלייסיגסטער סיגאַר מאַכער. ער איז אַ קראַנקער, אָבער זי דענקט דערפון ניט. ער הוסט בייגאַכט — זי שלאָפט גע־שמאַק... ער קומט מיעד פון דער ארבייט און זי איז געגאַנגען „שלאָפען"... ער מאַכט זיך אליין עסען... ער דאַרף אָברוהען — זי שפּילט מיט בעקאַנטע אין פינאַקל... זיי שרייען, זי געווינט און איז גליקליך און ער איז צופריעדען און שווייגט... גאַנץ פריה איז ער שוין אויף די פיס... זי שלאָפט און ער קאָכט קאַפע — „קלאַפּ ניט מיט די פיס, אייבי! זאָגט ער שטיל צו זיין באָיטשיק, אונזער מאַמע שלאָפט!"...

ניט זי האָט איהם צוגעמאַכט זיינע אויגען, ניט זי האָט געהערט

דעם לעצטען זיפץ, וואס האט זיך ארויסגעריסען פון זיין קראנקע ברוסט. אויף א פיק־ניק איז זי געווען, זי האט געטאנצט, געלאכט, „געמעטשט" און ער איז געקומען פון פאבריק זעהר א שוואכער, האט זיך שטיל צוגעלעגט אויפ'ן סאפא און איז שטיל אנשלאפען געווארען אין אייביגען שלאף...

שפעט ביי נאכט איז זי געקומען מיט צוויי קאוואליערען א היים, אין קארידאר נאך האט זי הויך געדעט און געלאכט... זי האט מיט א געוויש געעפענט די טהיר... אין פראנט רום ברענט א ליכט אויפ'ן טיש... פרעמדע מענשען זיצען... אין ערשטען צימער זיצט איהר אייבי אזוי שפעט; זיינע אויגען פערוויינט און זיין קעפיל צו־געבויגען צום טיש... זי בלייבט שטעהן ביי דער טהיר און איהר קלייד מיט איהר אפענעם האלז און נאקעטע הענד, וועלכע זיינען האלב בעדעקט מיט לאנגע שוועדישע האנדשוה... איהרע פים מיט די ווייסע סליפערס ציטערען, איהרע פינגער מיט די דיאמאנטענע רינגען לויפען איהר איבער'ן קאפ... און ער ליגט שטיל בעדעקט מיט א שווארצען געוואנט, און אייבי הויבט אויף זיין פערזארגטע קע־פעלע, קוקט אויף איהר מיט זיינע פערוויינטע אויגען און זאגט מיט טרעהרען: „מאמא! מאמא!... אונזער פאפא, אונזער טייערער פאפא איז געשטארבען".

צוויי וועראנדעס.

(אן עטיוד)

אנטלאנטיק סיטי. אכט אוהר אבענד, יולי דעם 28־טען.

א שעהנער אבענד. ער האט ערשט אבגעגעסען זיין סאפער, וועל־כער האט גענומען אנדערטהאלבען שעה צייט. לאקעען אין פול דרעם האבען איהם דערלאנגט איין געריכט נאך דעם אנדערען. מוזיק האט געשפילט און גערייצט זיין אפעטיט. אלעס האט איהם גוט געשמעקט. ארום איהם זיינען געזעסען שעהנע דאמען אין רייכע קאסטיומען. עס האט זיך געהערט א לעבעדיגער געשפרעך און א פרייליכער געלעכטער. די זילבערנע מעסער האבען געקלונגען מוזיקאליש... איצט זיצט ער אויף א ברייטען ראקען טשער אויף דער וועראנדע מיט א גוטען סיגאר אין האנד. ער רויכערט, שאקעלט זיך און העלפט דעם מאגען צו פערדייען דאס גוטע עסען. די טהירען און די פענסטער פון דעם רייך איליומינירטען האטעל זיינען אפען. אין א שעהנעם זאל שפילט מוזיק דעם מארטש פון לאנגרין און אנקעגען איהם רוישט, ברומט און רעדט דער גרויסער אקעאן מיט זיין אייביגע און מעכטיגע שפראך. די זילבערנע לבנה און א גרויסע מאסע גלענצענדע שטערנד־לעך שיינען זיך אב אין דעם גרויסען, אונענדליכען וואסער־שפיגעל. ער זיצט, וויעגט זיך און רוהט. ער וויל ניט און קען ניט דענקען פון קיין זאך, ער טרייבט פון זיך יעדעס געפיהל, וועלכעס קען, חלילה, פערדונקלען זיין פרייליכען געמיטה און זיין בעקוועמע רוה.

אבער אויף צו להכעיס דערמאנט ער זיך עטוואס, וואס היינט האט מיט איהם פאסירט און זיין רויטער פנים בערעקט זיך מיט א וואלקען... היינט האט א בעקאנטע „פילאנטראפישע” דאמע געבע־טען ביי איהם א נדבה פיר אן ארעמען מאן, וועלכער ליידעט פון אויסצעהרונג און וועלכען מען האט פון ניו יארק אוועקגעשיקט אויף דער סאוטה.

ער רויכערט בייז, וויגט זיך שטארקער און ברומט... די דאמע האט געבעטען ביי איהם א נדבה, ווען ער איז געזעסען און האט גע־שפילט אין פאוקער מיט זעהר פראמינענטע מענער. ער האט פריהער געוואלט זיך אויסדרעהען מיט א וויץ, נאכדעם האט ער געגעבען א צוויי דאלאר ביל. די דאמע האט אבער אנידער געלעגט זיין ביל צוריק און האט פרעך בעמערקט, אז פון אזא רייכען מאן נעהמט זי אזא קליינע נדבה ניט און ער האט געמוזט געבען צעהן דאלאר... צעהן דאלאר געגעבען און נאך בעליידיגט געווארען!... צוליעב וועמען? וואס האט עס צו איהם, וואס א יונגער מאן, א פרעמדער, ליידעט פון קאנסאמפשאן?

א שעהנע נאכט. ער וויגט זיך בייז אויף זיין שטוהל און קוקט אויפ'ן אקעאן. די וועלען רעדען און רוישען. די לבנה און די שטערען שווימען אינ'ם וואסער, וויגען זיך און וויגען דעם גאנצען בלויען הימעל... זיינע אויגען קוקען אין דער ווייט און ער זעהט פלוצלונג אן אנדער בילד, אן אנדערע נאטור און אן אנדער ווראנדע:

דענווער, קאלאראדא, אכט אוהר אבענד, יולי דעם 28־טען.

א שעהנע נאכט. די לבנה בעגיסט מיט א זויבערשע ליכט גרויסע אויפ'ן אקעאן. די וועלען רעדען און רוישען. די לבנה און די שטערען פער'חלום'טער ערד. און ער זיצט אויף דער ווראנדע איינגעוויקעלט אין א ווארימען אויבער־ראק און קוקט אין דער געהיימניספאלער ווייטקייט. קיין סאפער האט ער היינט ניט געגעסען — ער האט ניט קיין אפעטיט און זיין קראנקער מאגען פערלאנגט גאר נישט. ביים טיש איז ער ניט געזעסען, וויל דאס הוסטען און דער זיפצען פון די איבריגע קראנקע האבען איהם זעהר געררייצט און געערגערט. עס איז שטיל ארום איהם... ער זיצט און דענקט... ווייט אין ניו יארק איז געבליבען זיין אלטע מוטער, וועלכע האט אזוי ביטער געוויינט, ווען זיי האבען זיך געשיידעט. דארט ווארט אויף איהם זיין יונגע פרוי און זיין קליינעס איינציגעס קינד. ער קארטשעט זיך צונויף אין זיין ראקען־טשער, גיט א שטארקען הוסט און זיין קאפ בויגט זיך צו צום רוקען פון שטוהל... ער בלייבט שטיל אויף אייביג און די שטילע נאכט... און די לבנה מיט די שטערען שווימען שטיל איבערן בלויען הימעל.

———(—0—)———

אַ שווערע וואָך.

אין שטוב איז ריין און ציכטיג. יעדער צימער איז צוגעקליבען און אויסגעפוצט, אַקוראַט ווי אין דעם גרעסטען יום־טוב. עס איז שטיל. עס הערט זיך נור ווי אין איין צימער מאַכט דער זייגער זיין גלייך־מעסיגען טיק! טאַק! טיק! טאַק! אין דעם אַנדערן צימער צווישערט די קליינע און שעהנע לינאַ, וועלכע שפּילט זיך אויף דעם קאַרפּעט מיט איהר גרויסע לאַלקע... אין דעם זעלבען צימער זידט דער בראַטען אויפ׳ן אויווען שטיל, וואַרם, ליכטיג... גאַנץ איינפאַכע מעבעל, גאַנץ ביליגע בילדער אויף די וואַנד, זעהר אַלטע קאַרפּעט אויף דעם פּלאָאָר. אָבער מיט וואָס פאַר אַ קונסט און גוסט, מיט וואָס פאַר אַ מיהע אַלעס איז צושטעלט און צוגעפּאַסט צו זיין אָרט!

לעבען אויווען שטעהט די ווירטהין, אַ גאַנץ יונגע פרוי, לעבען פייער האָבען זיך איהרע צוויי פּולע באַקען צופלאַמט, אַזוי ווי צוויי רויטע עפּעל. איהרע שוואַרצע זיידענע האָאָר זיינען אַביסעל אין אונ־אָרדנונג, וואָס גיט איהר סימפּאַטישען פּנים צו מעהר חן. איהרע שוואַר־צע אויגען ברענען ווי מיט פייער און אויף די ליפּען שפּילט אַ גוטער שמייכעל... אָפט קעהרט זי זיך אום און קוקט מיט ליעבע אויף איהר שעהנע און קליינע לינאַ... אָבער לינאַ איז פערנומען מיט איהר לאַלקע... זי וויקעלט איהר איין, דריקט זי צו צו איהר הארצען און טענה׳ט מיט איהר אויף איהר קינדערשען לשון... פּלוצלונג האָט זיך דער פּנים פון דער יונגער מוטער פערוואַלקענט. אויף איהרע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרערען, דער גוטער שמייכעל פון איהרע ליפּען איז פערשוואונדען געוואָרען... זי האָט זיך אַנידער געזעצט אויף אַ שטוהל און האָט זיך טיעף, טיעף פערזאָרגט... אַך! ווער האָט גע־קענט וויסען אַז ער, ער, איהר טהייערער און געליעבטער איזאַק, איז

אזא בייזער און אזא שלעכטער?! איזאק! איזאק! דאכט זיך אזא גוטעטשקער און אזא שטילער — ער קען זיין אזוי בייז, אזוי גרויזאם!... און צוויי גרויסע טרערען, ווי צוויי ליכטיגע בריליאנטען, האבען זיך ארויסגעריסען פון איהרע שווארצע אויגען און זיינען צוגעשוואומען צו איהר ווייסע האלז.

אין איין אויגענבליק האט זיך איהר פארגעשטעלט דאס, וואס איז פערגאנגען אין די לעצטע פיער יאהר. דעם ערשטען מאל האבען זיי זיך בעגעגענט אויפ'ן שיף, וועלכע איז געגאנגען קיין אמעריקא. ביידע זיינען זיי געוועזען יונג, ארעם, שעהן, געזונד. ביידע האבען זיי געהאט איינע שטרעבונגען — זיי האבען געוואלט פיהרען אן ארענטליכען און א רוהיגען לעבען אין דעם נייעם לאנד. ביידע האבען ניט געהאט קיין פריינד, זייענן געוועזן עלענד, פרעמד... ניט פיעל האבען זיי גערעדט איינער מיט דעם אנדערן; אבער זייערע יונגע הערצער האבען איינער דעם צווייטען זעהר פיעל ענטדעקט... די וואהרע ליעבע האט ניט פיעל ווערטער, זי שעמט זיך אקוראט ווי די שעהנע זונן אין דעם ערשטען שעהנעם פריהמארגען אין אפריל מאנאט.

די ערשטע צייט איז זיי געוועזן זעהר שווער, נור זיי זיינען ביי זיך ניט ארא בגעפאלען... די נויט האט נאך פערגרעסערט זייער ליעבע און פריינדשאפט. האבען זיי נור געהאט א מינוט צייט — זיינען זיי געוועזען צוזאמען. קיין אנדערע פריינד, קיין אנדערע בעקאנטע האבען זיי ניט געהאט. זיי האבען זיי דאמאלס ניט גערארפט: ער האט אבגעגעבען זיין גאנץ הארץ צו איהר, און איהר הארץ איז געוועזען פערנומען נור מיט איהם... פאר פרעמדע איז ניט געווען אין הארצען קיין פלאטץ... פיעל האבען זיי זיך געפלאגט; נור מיט פליים, ענערגי און ליעבע קען מען בעזיעגען די גאנצע וועלט... יעצט איז איהר איזאק א גוטער צושניידער און פערדיענט פופצעהן דאלאר א וואך. יעצט קען מען פיהרען א שעהן לעבען. זי איז א ווירטהין, — דאס וויים ער, דער בייזער מאן; זי היט אפ יעדען סענט און האט פיינט צופיעל צו פערברענגען. און ער קען נאך האבען אזא בייז הארץ און אויף איהר זיין ברוגז א גאנצע וואך! יא! א גאנצע וואך, היינט איז שוין דער זיעבעטער טאג... אך! דו ליגנער איינער! לאנג האסט דו געקושט מיינע הענד, געוואלגערט זיך ביי מיינע פים, געשריען איין ווארט: איך האב דיך ליעב, עני! עניטשקע, עניושע!... אך! ווא־

רום קלאַפּט אַזוי שטאַרק דאָס האַרץ? וואָרום ציטערן די הענט און די פּיס? שלעכטער איזאַק! ער איז ברוגז... זיעבען טעג כסדר ברוגז און ברוגז... נור מען דאַרף וואָס גיכער אַבווישען די טרערען, לאָז ער ניט וויסען אַז איך האָב געוויינט... עס האַרט מיר זעהר, וואָס ער האָט זיך אָנגעבלאָזען!

די ערשטע צייט האָבען זיי זיך געלעבט ווי צוויי טויבען אין איין נעסט. נאָך דעם איז געקומען צופליהען די דריטע טייבעלע, די שעה־נינקע לינאַ. אין זייער קליינעם נעסטעלע איז געוואָרען נאָך ליבטי־גער און פריילִיכער. זיי זיינען געוועזען אַזוי גליקליך!... פּלוצלונג... אַך! דו שלעכטער מענש!... ער איז גאָר געוואָרען אַ יוניאָן מענש... וואו עס איז גאָר דאָ אַ מיטינג, אַ פערזאַמלונג, אַ לעקטשור — איזאַק איז פון די ערשטע צוהערער. און ענִי, און לינאַ זיצען אליין אין דער היים... און אַז מען זאָגט איהם, ווערט ער נאָך ברוגז...

דעם ערשטען מאָל איז ער ברוגז געוואָרען און האָט זיך באַלד איבערגעבעטען. דעם אַנדערען מאָל האָט ער זיך געבלאָזען 20 מינוט. נאָך דעם לענגער און לענגער. און זיעבען טעג צוריק ווען איך האָב זיך אונמיסטען געמאַכט אַ בייזען פּנים און האָב אָנגעהויבען שרייען און פאָדערען ער זאָל אַ שפּיי טאָן אויף די מיטינגען און זאָל זיצען לעבען זיין ענִי און זיין לינאַ (אַך, איהר וואָלט וויסען ווי אַזוי ער האָט זי ליעב!), איז ער ברוגז געוואָרען אויף אַן אמת... איך האָב געטריבען קאַטאָוועס און ער, דער נאַרר, מיינט ערנסט... אָוי! דו שלעכטער מענש...

צוויי טעג בין איך אויך געווען אויף צו׳ן אמת ברוגז, און אויפ׳ן דריטען טאָג איז מיר געוואָרען אַזוי שווער... איך האָב געוואַרט און געוואַרט, אָט וועט ער צוגעהן, אָט וועט ער נעהמען מיך פאַר אַ האַנד און וועט זאָגען: „ענִיטשקע!” און ער! ער קומט צו געהן ווי אַ גזלן, לאָזט אַראָב זיינע אויגען און זאָגט: גיב עסען!... גרייט מיר צו מיין געלעגער!... צו לינאַ׳ן געהט ער צו, קושט זי, און שפּילט זיך מיט איהר... און איך בין איהם אַקוראַט ווי אַ פרעמדע!...

איהר מיינט איך וואָלט ניט צוגעגאַנגען צו דעם רשע־מרושע? דאָס האַרץ ציהט מיך צו איהם, און אַז ער איז ניטאָ מיין איך: ווי באַלד ער וועט נור אריין געהן, וועל איך זיך אַ וואַרף טאָן צו איהם, וועל איהם אָנהויבען קושען, בייסען, וועל איהם מאַכען אַ נאָז, וועל

איהם אויסשטעלען דעם צונג... און ער וועט באלד אָנהויבען לאכען... און אַז ער קומט, דערשרעק איך מיך ווי אַ נארר... אָבער וויינען וועל איך... איך ניט! ניט דער הארען זאָלען אונזערע שונאים!...

גאַנצע נעכט שלאָף איך ניט... איך הויב אַלע ווײלע אויף דעם קאָפּ און הער מיך צו... ער פּאָפּט!... ער מיינט אַז ער איז אויף מיר ברוגז; ער ווייס גאָר ניט, אַז איך בין אויף איהם ברוגז. און אַז ער וועט מיך שוין וועלען איבערבעטען, וועל איך איהם לערנען! ווארט רב איסאַקעלע! ווארט! אַלע טאָג טו איך אָן דעם ראָזעווען ליף, ער זאָגט מיר פּאַסט אַזוי דער ראָזעווער ליף, און ער קומט, בלאָזט זיך אָן ווי אַן ענדיק און שווייגט... שלעכטער מענש! שטיי־נערנער מענש! גזלן! אַ! איך הער זיינע טריט, לאָז ער ניט מיינען, אַז איך האָב געוויינט... לינאַ! קום צו מיר אויף די הענד!...

* * *

די טהיר האָט זיך אויפגעעפענט מיט אַ גערויש, און ער, דער בייזער איזאַק, דער שלעכטער איזאַק, איז אריינגעגאַנגען... ער האָט אראָבגעלאָזען די אויגען און האָט שטיל אויסגערעדט נור איין וואָרט: „עסען!"

— לינאַ! גיי צום פּאַפּאַ! האָט געזאָגט די יונגע מוטער און איהר קול האָט אונווילענדיג אָנגעהויבען ציטערען און דאָס הארץ האָט זיך אָנגעהויבען ווארפען ווי אַ פיש אין נעץ.

— לינאַ! בעבי! האָט שטיל געזאָגט דער בייזער איזאַק, און האָט נאָך נידעריגער אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ... אָבער די יונגע מו־טער האָט ניט געלאָזט דאָס קינד פון די הענד. זי איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַנידערגעשטעלט אנקעגען דעם „אָנגעבלאָזענעם ענ־דיק"...

— בייבי! האָט געזאָגט נאָך אַמאָל דער בייזער דעספּאָט...

— בעי־בי! האָט איהם נאָכגעקרימט די יונגע פרוי... דער שאָטען פון זיין פּנים איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען און אין די אויגען האָט אַ בליץ געטאָן אַ פונק... דאן האָט ענער איבערגעגעבען איהם דאָס קינד, איז געשווינד ארויסגעלאָפען אין דעם אַנדערען צי־מער, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איהר געלעגער און האָט זיך שטאַרק און הויך צו־וויינט... אָבער „דער שלעכטער גזלן" האָט ניט געקענט איבערטראָגען איהרע טרערען, ער איז צוגעלאָפען צו איהר און האָט

זי אָנגעהויבען בעטען, קושען אין די אויגען...

— עני! גענוג! איך קען מעהר ניט!... פערצייה מיר!... איך האָב שוין לאַנג דיך געוואָלט איבערבעטען, נור עס איז מיר געווען אזוי שווער... אַלע טאָג האָב איך געוואַרט: אַט! אַט וועסט דו צו געהן צו מיר... און דו ביסט געווען אזוי שלעכט...

— איך בין געווען שלעכט!

— יאָ! דו! נעכטען ביינאַכט האָב איך בעהאַלטען דעם קאָפּ טיעף אין קישען און האָב אזוי געוויינט... איך האָב געמיינט אַז אונגליקליכער פאַר מיר איז ניטאָ אין דער גאַנצער וועלט...

— מיין טייערע, מיין ליעבער איזאַק! איך וועל שוין קיין מאָל ניט זיין אויף דיר בייז.

— און אויף די מיטינגען און לעקטשורס וועסט דו מיר ערלויבען צו געהן?...

— איזאַק! נאָך וואָס דאַפסט דו דאָס, אַז איך האָב דיך אזוי שטאַרק ליעב?...

— נאַריוניו! איך מוז דאָך וויסען, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט; וואָס טוט זיך מיט מיינע ברידער, די אַרבייטער... איך האָב וועניג געלערענט, מוז איך דאָך יעצט געהן הערען, וואָס זאָגען די, וואָס פערשטעהען מעהר פון אונז.

עס איז שטיל, עס הערט זיך ווי אין דעם אַנדערען צימער מאַכט דער זייגער זיין רעגעלמעסיגען טיק! טאַק! און ווי עס צוויטשערט דער פּייגעל... און די ליעבענדע פאַר זיצען און קוקען איינער דעם אַנדערען אין די אויגען און דריקען איינער דעם אַנדערען די הענד שטאַרק, שטאַרק!

דער מלך איז ברוגז.

— איך זאָג דיר, אז מען דארף ניט קיין נייע פּאַרניטשור אויף פסח!... זאָגט דער מאַן און גלאָצט בייז מיט די אויגען.
— און איך זאָג דיר, אז מען דארף יאָ! שרייט אויס מיט א דינעם קול'בעל די מיסים, און איהר געזיכט ווערט אזש בלוי און גרין פון יסורים און כעס...
— איך דארף ניט! מיר איז גוט אָהן פּאַרניטשור...
— איך דארף אָבער יאָ!...
— מיר וועלען זעהן, ווער עס וועט אויספיהרען!...
— נו! וועלען מיר טאקע זעהן... האָסט דו געהערט א ביסעל! וואָס דארף איך א פראָנט רום — דאָרטען זאָלען שטעהן אַלטע „טשערס”?
— דו וועסט האָבען געלד, וועסט דו קויפען פּאַרניטשור... איך וויל ניט נעהמען קיין נייען חוב אויפ'ן קאָפּ... איך האָב נאָך פאר מיין גילדערנע „וואטש” ניט אויסגעצאָהלט, איך האָב נאָך פאר דיינע דיעמאַנטענע אוירינגלעך ניט אויסגעצאָהלט; דו צאָהלסט אַלע וואָך פאר דעם וואַנט־זייגער, פאר'ן קארפעט און פאר די צוויי בארהאטענע טישטיכער... און עס איז נאָך דיר ווייניג — ווילסט נאָך נעהמען פּאַרניטשור... ניין! גענוג זיין א נארר און לעבען מיט אייער ווייבערשען שכל... איך וויל ניט! דו הערסט? איך וויל ניט!...
— יאָ! זאָגט די מיסים מיט א ווייגעדיגע שטימע, דו ווילסט ניט... א גאַנצער גענעראַל גובערנאַטאָר... א קלייניגקייט!... איך זאָג דיר... די גאַנצע וועלט נעהמט פּאַרניטשור אויף אויסצוצאָהלען, און דו ווילסט זיין קליגער פאר דער גאַנצער וועלט...
ער האָט ניט געענטפערט, זי איז אויך אַנשוויגען געוואָרען...

ער איז געװוען בייז און האָט געענדיגט זיין סאָפּער אָנגעבלאָזען. ער האָט געקלאַפּט מיט די טעלער, האָט געריסען מיט די ציין די פלייש, גלייך װי דער ראָסעל פלייש זאָל זיין זיין ערגסטער שונא און דעם ברויט האָט ער געקניפּט און געשציפּעט, גלייך װי דאָס ברויט װאָלט געװוען זיין „אונפארשעהמטע״ פלונית׳טע, װעלכע װיל נור פאַר־ניטשור אויף פסח... זי אָבער האָט געהאַט איינס אין זינען: פאַר־ניטשור אויף פסח!... און אז דער שלעכטער „ער״ האָט אויפגעגע־סען דעם לעצטען ביסען און האָט אַ רוק געטאָן פון זיך דעם טעלער מיט כעס, האָט זי פּלוצלונג געמאַכט אַ גוטען פּנים, איהרע רויטע ליפּעלעך האָבען געשמייכעלט חנ׳עוודיג, איהרע שװאַרצע אויגעלעך האָבען געבלישצעט גנב׳עש...

— װאָס זאָגסט דו פּאַרט אויף אונזער מייקעלע? מיט יעדען טאָג װערט ער שעהנער... גיב נור אַ קוק װי אזוי ער האָט זיך צו־זואָרפען אין װיגעלע... אַ! געזונד זאָל ער זיין...

ער אָבער איז געזעסען מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען און האָט גע־שװיגען... ער האָט זיך אפילו קיין ריהר געטאָן... זי האָט זיך אָני־דערגעזעצט לעבען איהם, האָט איהם ארויפגעלעגט די האַנד אויפ׳ן פּלייצע און האָט שטיל געזאָגט: נו, װאָס זאָגסט דו, מאַקס, זאָל איך נעהמען פאַרניטשור?...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט גלייך װי מען װאָלט אונטער איהם אַ גאָס געטאָן זודיגע װאַסער... ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טהיר, אז די פענסטער האָבען אָנגעהויבען ציטערען... און װייט אויף די טרעפּ האָט זיך געהערט װי פון זיין מויל האָבען זיך געריסען װערטער: „אַ, פערשרפ׳עט זאָלט איהר װערען! אין דער ערד!... אַ מיתה משונה!... צום טייװעל!...״

.2

עס זיינען אװעקגעגאַנגען עטליכע טעג, דער „שלעכטער״ מאַקס האָט זיך שוין אָנגעהויבען פערגעסען אָן דעם פאַרניטשור און האָט זיך שוין אָנגעהויבען אונטערצושפּילען אַ ביסעל מיט דעם קליינעם מייקעלע און צו צושמייכלען זיך אַ ביסעל צו דער חנ׳עװדיגער רבקה, װעלכע איז װי אויף צו להכעיס די לעצטע טעג געגאַנגען נור אין אַ קאָרסעט מיט אַ ראָזעװע קאַפּטעלע, װעלכע האָט זי געמאַכט רייצענד

שעהן... ווען עס האָט זיך פּלוצלונג געטראָפען דאָס, וואָס האָט איבערגעקעהרט די גאַנצע שטוב מיט'ן דעק ארויף: אין פראָנט רום איז געשטאַנען א שפּיגעל, מיט א פיינעם שאָקעל־שטול... שטייטש! אז ער האָט געזאָגט: מען דארף ניט... און... און פאָרניטשור איז דאָ!? ער האָט ניט געהייסען — און פאָרניטשור איז דאָ!

ווי א משוגענער איז ער ארויסגעלאָפען פון פראָנט רום — זיין ערשטער געדאנק איז געווען: שלאָגען! הרג'ענען! געבען פייער־דיגע פעטש!... אָבער ער האָט דאָס ניט געטאָן... ער האָט נור א כאַפּ געטאָן אן אַלטען טעלער און האָט איהם א שליידער געטאָן אָן דער ערד... ער האָט אויסגעגאָסען זיין פאָרציע סופּ אין סינק אריין און האָט ניט געגעסען אין דער היים קיין „דינער" — דאָס איז אויך קיין קלייניגקייט ניט...

דער הייליגער יום טוב האָט זיך אַלץ גערוקט נעהענטער און נע־הענטער, עס האָט שוין געשמעקט מיט פּסח פון העסטער סטריט ביז לודלאָוו, און מאקס איז נאָך אַלץ געווען ברוגז... אך! וואָס פאר א טרויעריגען ערב יום טוב אונזער שעהנע רבקה האָט געהאַט... ביי לייטען געהען די מענער און קויפען איין וואָס מען דארף — דער שלעכטער „מאקס" האָט געשוויגען ווי א האַלץ און איז געווען קאַלט ווי אן אייזען... עטליכע מאָל האָט מען זיך געוואָלט צו איהם חנפ'ענען — עס האָט אָבער געהאָלפען ווי א טויטען באַנקעס.

— מאקס, זאָגט רבקה, דו וועסט זיך גאָר ניט קויפען קיין נייעם קאָסטיום אויף פּסח?...

— וואָס דארף איך א קאָסטיום? אבי דו האָסט פאָרניטשור.

— מאקס, זאָג, זאָל איך קויפען א נייע העטקע אונזער מיי־קעלע?...

— קויפט א נייע העטקע אייער מייקעלע!...

— דו וועסט ניט קויפען קיין נים און קיין אָראַנדזשעס, מאקס?

— איך וועל ניט קויפען קיין נים און קיין אָראַנדזשעס...

רבקה האָט אויפגעראַמט שעהן, ווייסע פאָרהאַנגען אויף די פענס־טער, דעם קאַרפּעט אויסגערייניגט, אין יעדער ווינקעלע האָט גע־בלישצעט, אָבער דאָס הארץ, דאָס הארץ איז געווען צובראָכען: אַזוי

לאַנג און אַזוי שטאַרק ברוגז איז נאָך מאַקס קיין מאָל ניט געווען...
אַקוראַט ערב יום טוב איז צו איהר אַריינגעלאָפען אויף אַ ווײַלע איהר פריינדין; זי איז געווען ענטציקט פון דעם פּאַרניטשור און פון דעם פראָנט רום, ביים אָבשייד האָט זי אַ ווינק געטאָן מיט איין אויגעל און האָט פריילאַך געזאָגט: נו! רבקה, האָב אַ כשר'ן פסח!

— יע, אַ כשר'ן פסח האָט רבקה געזאָגט. מיין מלך איז ברוגז...
זי האָט געוואָלט לאַכען, אָבער טרערען האָבען אָנגעפילט איהרע אויגען און זי האָט זיך געמוזט אָבקעהרען...

3.

פסח! פסח איז געקומען! דער הייליגער יום טוב, צוליעב וועלכען דער איד ערלויבט זיך אויסצורייניגען די בלאָטע פון זיין שטוב און אַראָפּצואוואַרפען דעם שמוץ פון זיך אליין. דער יום טוב, צוליעב וועלכען אַ איד עסט מכות גאַנצע חדשים, כדי ער זאָל קענען אין איין וואָך זיך אָנשטאָפּען מיט קניידלעך, מיט זעמעלעך, מיט קוגלען, מיט לאַטקעס, מיט הינער, מיט באָרשט, מיט חרוסת, מיט מרור, מיט וויין, מיט עשרה מכות, מיט הגדות, מיט חד גדיא!... דער יום טוב, צוליעב וועלכען דער איד געהט אַ גאַנצען ווינטער אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען, נור ער זאָל קענען איין וואָך פראַנטירען ווי דער גרעסטער פּאָמעשציק.

רבקה האָט אָנגעטאָן אַ נייע קלייד, האָט אויסגעפּוצט איהר ליעבען מייקעלע, האָט בעדעקט דעם טיש מיט אַ ווייסען טישטוך און האָט אָנגעצונדען פיעל ליכט... זי האָט זיך גענוג אָנגעהאָרעוועט פאַר די לעצטע טעג — אָבער וועמען האַרט דאָס? דער מלך איז ברוגז... אין אַלע הייזער איז יעצט אַ פרייד, אַ שמחה, אַלע זיינען גליקליך, צופריעדען, — אָבער מיט וואָס קען זי זיך פרייען? איהר מלך איז ברוגז... אַט הערט זי זיינע טריט... ער געהט לאַנגזאַם...
די טהיר עפענט זיך און ער געהט אַריין אַ בייזער, אַן אָנגעבלאָזענער, אַ שלעכטער... זי געהט אַרויס אין בעד־רום, בעהאַלט דעם קאָפּ אין אַ קישען און וויינט שטיל.

דער בייזער מלך געהט זיך דורך אַ פּאָר מאָל איבער'ן דיינינג רום... עס איז ליכטיג, ציכטיג, ריין, אויפגעפּוצט... מען מוז ווערען אויפגערעגט, אַז עס איז אַזוי שעהן אין שטוב... ער געהט דורכ'ן בעד־רום אין פראָנט רום אַריין און גיט דערווײַלע אַ קוק מיט איין

אויג אויף רבקה׳ן: זי ליגט גאר... וואס איז? אפשר איז זי קראנק?... און אין פראנט רום איז אזוי פיין, אזוי געטליך רייך... אז געסט וועלען קומען וועט דאך זיי די אויגען ארוים קוקענדיג... געוויס, זי האט פאר יעדער זאך איבערגעצאהלט אין צווייען און איידער מען וועט אויסצאהלען אזא גרויסע סומע וועט פון דעם „פארניטשור" ניט בלייבען קיין שריד ופליט... אבער וואס טוט מען מיט די וויי־בער, אז א פראנט רום מיט פארניטשור איז ביי זיי טהייערער פון אלעם אין דער וועלט?

ער געהט צוריק דורכ׳ן בעד רום, די פיס מאכען קליינע טריטע־לעך. לעבען בעט פערטשעפעט ער זיך און בלייבט שטעהן... ער שווייגט — זי ליגט און ריהרט זיך ניט...

— רבקה, וואס ליגסט דו עפעס — הא? — זי שווייגט, ער בויגט צו זיין קאפ נידעריגער — רבקה, ביזט ניט געזונד?...

— ניין! ענטפערט זי שטיל, טרערען הערען זיך אין איהר קול... דער שעהנער מייקעלע ציהט אוים זיינע הענטעלעך און זאגט: פאפא! פאפא! אבער דער פאפא ווענדעט זיך ניט צו איהם... ער בויגט זיך צו נאך נידעריגער צו דער מאמע און זאגט: וואס זשע ווייגסט דו, נארר איינער?

— מיט וואס זאל איך זיך פרייען?

— איך זאג דיר... א וויכטיגע זאך — פארניטשור!... צאהלען דאך אלע מענשען פאר פארניטשור — מיר וועלען אויך אויסצאהלען ביסלעכווייז... עס איז כדאי איבער א נארישקייט צו פארשטערען זיך דעם לעבען?... וויין ניט, נארעלע!... ניט ווילענדיג גלעט זיין האנט איהר קאפ, ניט ווילענדיג קושען זיינע לי־פען איהרע פארוויינטע באקען...

— אבער וואס זאגסט דו אויף מיין פארניטשור? פרעגט די גליקליכע מלכה אין עטליכע מינוט ארום איהר בייזען מלך. איא שעהן?

— שעהן ווי גאלד, ענטפערט דער מלך... שעהן, אזוי ווי דו ביסט שעהן, מיין פרינצעסין, מיין קעניגין, מיין מלכה!... אבער איך מיין, אז די סאפקע דארף מען שטעלען אהער און דעם שפיעגעל אהין...

— מיש זיך נישט — ניט אין דיי̇נע געשעפטען, ענטפערט די מלכה און גיט דעם מלך א לייכטען פּאטש איבער די ליפּען... און דער מלך נעהמט ארום זיין מלכה און דריקט זי שטארק אין זיינע ארעמס... און ביידע זיינען זיי פריי̇ליך, צופריעדען, גליקליך...

פיק־ניק.

עס איז געווען מיט א טאָג פאר'ן פּיק־ניק. אַלע איהרע פריינדינען און גוטע בעקאַנטע האָבען זיך געקליבען פאָהרען און זי האָט אויך ניט געוואָלט בלייבען אין דער היים. זי האָט א גאַנצען טאָג געוואַשען, קראָכמאַלעט, געפּרעסט. זי האָט צורעכט געמאַכט איהר פאר־א־יאָה־ריגען סיילאָר העט, האָט פערנעהט איהרע אביסעל אויף די פינגער צוריסענע גלאָווס. וואָס הייסט, זי וועט בלייבען אין דער היים? אמת, טאקע „איהרער" בלאָזט זיך א גאַנצע וואָך, אָבער וועט ער זיך דען ניט איבערבעטען פאר'ן פּיק־ניק? ווייס איך, דאָס קען ניט זיין! זי פּרעסט, זינגט א לידעלע און דענקט מיט פערגניגען, ווי אַזוי מאָרגען פריה וועלען זיי זיך איילען צום שיף, אויפגערעגטע, פריילי־כע, יום־טוב'דיג געקליידעטע, ווי אַזוי די שיף וועט זיך לאַנגזאַם גלי־טשען איבער די קלאָרע וואסערען, א פרישע ווינטעלע וועט וועהען אין געזיכט, די פאָנען וועלען פלאַטערען, מוזיק וועט הילכען און פריילי־כע פּאָרלעך וועלען טאַנצען. טאַ טי רע—רע! טאַם! די—דע ראַם!... זי גיט א זונג, א טאַנץ און די טהיר עפענט זיך און ער איז דאָ.

— זי טאַנצט גאָר, זאָגט ער בייז און ווערט נאָך מעהר אין כעס. וואָס דען ליעגט איהר אין זינען? עס געהט איהר עטוואָס אָב?... גיעב עסען!... ער פערקנייטש דעם שטערען און פערקרימט די ליפּען. זי טאַנצט! הם! עס געהט איהר עטוואָס אָב?...

זי שווייגט. א סך זאַכען פעהלען איהר. איהרע שיך זיינען נאָך מיט צוויי וואָכען צוריק געווען אויסגעקרימט, איהר פאר־א־יאָהריגער סיילאָר העט האָט זיך צונויף־געלאָפּען און קריכט קוים ארויף אויפ'ן קאָפּ... איהר קלייד פון ביליגען בערלענטין איז שוין נייניצעהן מאָל געוואַשען געוואָרען... ראָזע האָקאייזען האָט א נייעם הוט צו יעדען

סיזאָן און נעהמ זיך קליידער טאַקי ביי א דרעסמייקערין... דאָס ווייס ער ניט, דער גזלן!...

— גיב עסען, מאַדאַם!... זאָגט ער נאָך בייזער. זי דערלאַנגט איהם סאַפּער און קוקט אויף איהם בגנבה פון דער ווייטער. זאָל ער שומר ומציל זיין — איצט מיט איהם רעדען!...

דער סאַפּער איז געענדיגט, דער פערוואָלקענטער פּנים איז שוין אביסעל אויסגעלייטערט; ער רייניגט שוין די ציין מיט א טוט־פּיק, וועלכען ער האָט זיך ספּעציעל געמאַכט פון א שוועבעלע.

— אייבי, זאָגט זי מיט א גניבה'שע חניפה'לע, א יאָ מיר וועלען מאָרגען פאָהרען אויפ'ן פּיק־ניק?...

— מאָרגען יא!... מאָרגען נאָכ'ן קאַלטען קוגעל.

— פאַר וואָס ניט? האָטש איין מאָל אין יאָהר...

— איך זאָג דיר, נור פּיקניקעס ליעגען מיר אין זינען!... איך האָב דען עפּעס אנדערע דאגות?...

זי פערשטעהט, אז א פּיק־ניק איז א נארישקייט, פון וועלכע עס איז ניט כדאי צו וויינען — אָבער אז די טרערען ווילען אָבער אויף צו לכעים ארויסלויפען פון איהרע אויגען. זי גייט ארויס געשווינד אין קיך אריין — ער, גזלן, זאָל דאָס ניט זעהן.

ער האָט אָבער די טרערען געזעהן און עס האָט איהם א צופּ געטאָן ביים הארצען. זי איז יונג, זי וויל לעבען, זי וויל פערגניגען האָבען. ער איז אויך נאָך יונג, אָבער די דאגות מאַכען איהם אַלט און משוגע... וואָס קען אַן אינשורענס איידזשענט זיך ערלויבען? היינט איז געלונגען איינעם איינרעדען, ער זאָל זיין טהייער לעבען פערזיכערען — פערדיענט ער א פּאָר סענט... און נעקסטע וואָך קען מען ליגען ארויסגעוואָרפען מיט די בעבעכעס אויפ'ן גאַס... זי איז דאָך ניט קיין קינד, זי דאַרף דאָך פערשטעהן... אָבער טרערען? ער מאַכט עטליכע שריט, צו דער טהיר, ווערט אָבער פּלוצלונג בייז און געהט ארויס פון שטוב... ער גיט א קלאַפּ מיט דער טהיר, אז די שויבען ציטערן אין די פענסטער...

— ער קלאַפּט! קלאַפּען זאָל ער מיט... ניין! זי וויל איהם ניט שעלטען. אָבער בייז איז זי אויף איהם — זי וואָלט איהם צוריסען. העור אויס, גראָבער מענש, עס וועט דיך טהייער קאָסטען.

און דער „גראָבער" איז אראָפּגעגאַנגען אין טרעפּ האַסטיג.

די אנדערע טרעפ לאנגזאם, ביי דער דריטער האט ער זיך אבגעשטעלט.
„זי וויינט, נעביך, איז דען ניט א רחמנות? וואס איז זי שולדיג?... ער פערקערעוועט צוריק די האלאבליעס און קלאפט אן שטיל אין זיין אייגענער טהיר. א פערוויינטע שטימע פרעגט איהם: ווער איז דאס?
— איך! ענטפערט ער. זי עפענט די טהיר און בעטראכט איהם מיט ביידע פערוויינטע אויגען.

איהר דארפט ניט אלץ וויסען... מיט איין ווארט, זיי זיינען ביידע געווען אויפ'ן פיק־ניק. זי האט געטאנצט, געלאכט ווי א זארג־לאזעס קינד, און ער האט פערגעסען אן זיינע אינשורענס ביזנעס, האט זיך געקאטשעט אין גראז און געזונגען אין כאר...

צוריק פארענדיג איז אויף איהם פלוצלונג אנגעפאלען דער מע־לאנכאלישער משוגעת. זי האט איהם אבער געהערט ווי דעם פאר־א־יאהריגען שנעע. זי האט אויסגעפיהרט: זי איז געווען אויפ'ן פיק־ניק... זי וויל ניט דענקען וואס שפעטער וועט זיין. זי איז איצט גליקליך און צופריעדען... טויזענדער פייערלאך בעווייזען זיך פון דער וויי־טען... ניו יארק מיט זיינע דאגות, שטויב און איינינגע גאסען טרעט צו נעהנטער... זי קימערט עס ווייניג — זי לאכט, שטיפט און זינגט... גליקליכע צייט...

אַרויסגעשטויסען.

(אַ טעגליכע זאַך.)

אכט יאָהר האָבען זיי געלעבט אַ רוהיגען, שטילען, גליקליכען פאַמיליען לעבען. ער איז געווען אַ ניוס־דיעלער און האָט געהאַט גענוג מיטלען צו לעבען און גענוג צייט צו לעזען. זי האָט ניט געדאַרפט אַרבייטען שווער, האָט געהאַט צייט צו זיין אַ בעל־בית'טע, צו בעזוכען אַלע מיטינגען און פערזאַמלונגען, צו זיין אַ מעמבער פון פיעל קאָמיטעס. זיי זיינען ביידע געווען טריע, איבערגעגעבענע, אמת'ע סאָציאַליסטען... דער חילק צווישען זיי אין געווען, דאָס ער איז געווען אַ לאַנגזאַמער, אַ ביסעל קאָנסערוואַטיווער מענש און זי איז געווען אַן ענטוזיאַסטקע, פול מיט בעגייסטערונג און מיט שטרעבונגען.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט ביי זיי זיין שטיל און רוהיג אין שטוב און נור זונטאָג פלעגען ביי זיי זיך הערען הויכע געשרייען. דאָס פלעגט זי מלחמה האַלטען מיט די געסט, וועלכע האָבען ניט געהאַלטען פון סאָציאַליזמוס... מיט אַ גליקליכען שמייכעלע פלעגט ער זיך צוהערען, ווי היים און ליידענשאַפטליך זי דיסקוטירט, און פלעגט איהר קומען צו הילף, ווען דער פיינד פלעגט זיין צו שטאַרק... איהם האָט זיך גאָר ניט געחלומ'ט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען זי וועט פיהרען אַזעלכע פייערדיגע דיסקוסיאָנען מיט איהם אליין...

די פאַרטיי האָט זיך צושפּאָלטען. ער אלס רוהיגער און קאָנסערוואַטיווער כאַראַקטער, איז געבליבען מיט די „אַלטע" זי איז אַריבער צו דער אָפּאָזיציאָן... פון אָנפאַנג האָבען זיי ביידע דאָס ניט ערנסט גענומען... זיי פלעגען זיך קריגען מיט אַ גוטען מוטה און פלעגען בלייבען גוטע פריינד ווי פריהער...

— גאָה שוין, גאָה שוין, מאַדאַם אָפּאָזיציאַ, פלעגט ער זאָגען מיט אַ גוטען שמייכעלע...

— אוי, דו לא־יעלה ויבואניק, פלעגט זי ענטפערן און זיי האָבעןביידע געלאַכט. נאָכדעם האָבען זייערע דיסקוסיאָנען אָנגעהויבען צו פיהרען צו קליינע סצענקעלעך... אונבעמערקט פלעגען זיך ביידע ארייגציהען אין א פייט; ניט קיין גוטע, גראָבע ווערטער פלעגען זיך אונגערען אראָברייסען פון די ליפען און אז זיי פלעגען ענדליך אויפהערען, האָט יעדער געפיהלט, אז עס בלייבט ביי איהם א טראָפּען גיפט אין הארצען...

— מען וועט איך באַלד ארויסטרייבען פון דער פּארטיי, רייצט ער זיך מיט איהר...

— דאָס וועט איהר אַלע ניט דערלעבען!... ארויסטרייבען אונז פון דער פּארטיי הייסט: ארויסטרייבען די גאַנצע פּארטיי...

— אַזוי גאָר?... א קלייניגקייט! איך זאָג דיר!...

— דו זאָגסט אַזוי, ווייל דו האָסט קיין שכל ניט, זאָגט זי בייז.

— אַזוי! דער גאַנצער שכל איז ביי דער „אָפּאָזיציע"...

ווען מען האָט די אָפּאָזיציאָן ארויסגעשטויסען האָבען זיך ביי זיי אָנגעפאַנגען ביטערע און ערנסטע מחלוקות... ביידע צדדים האָבען זיך פּאָרטגעריסען ווייטער: זיי פלעגען אָנפאַנגען פון פּרינציפּען און פלעגען אריבער געהן צו פּערזענליכקייטען... און עס פלעגט זיך אָפט ענדיגען מיט גראָבהייטען פון זיין זייט און מיט טרערען פון איהר זייט... און זיי פלעגען אומגעהן עטליכע טעג טרויעריגע, ברוגז'ע, צוקריעגטע.

— אָט האָסט דו דיר, דיין דעליאָן, זאָגט זי מיט פּעראַכ־טונג...

— געוויס, דיין מילער איז בעסער...

— וויפיעל חסרונות ער זאָל ניט האָבען, שטעהט ער דאָך העכער פון פופציג דע ליאָנס.

— און איך זאָג דיר, אז איין וואָרט פון דע־ליאָנ'ס מויל איז מעהר ווערטה פון אייער גאַנצע אָפּאָזיציאָן.

— איין וואָרט דאָס איז געוויס, דאָס וואָרט „פּייקער".

— איהר זייט אַלע פּייקערס...

— דו ביסט אליין א פּייקער, שרייט זי אויס און ווערט בלאַס.

— צום שווארצען יאָהר אַלע.

— געהט אַליין אַלע אהין.
— גיב מיר עסען! גיט ער אַ געשריי מיט כעס.
— עסען?... קענסט אַליין נעהמען אז דו ווילסט, — ענטפערט זי און גיט אַ קלאַפּ מיט דער טהיר.

איין מאָל איז זי געקומען זעהר שפּעט אין דער נאַכט פון אַ מיטינג. פריהער, ווען זיי האָבען בעלאַנגט צו איין פּארטיי, האָט עס איהם ניט געאַרט. איצט אָבער איז זי געווען אינ'ם שונא'ס לאַגער און דאָס האָט איהם אויפגעבראַכט. מיט אַ בייזען מורמעל האָט ער איהר געעפענט די טהיר און האָט געזאָגט: דאָס צווייטע מאָל, ווען דו וועסט קומען אַזוי שפּעט, וועל איך דיר ניט עפענען די טהיר און דו וועסט נעכטיגען אין דרויסען...

— אויף אייך אַ קשיה!... אז מען קען ארויסשטויסען הונדערטער קאַמעראַדען פון אַ פּארטיי, קען מען אויך ארויסשטויסען די ווייב פון שטוב... עס איז אַ מעגליכע זאַך!

— עס איז אַ מעגליכע זאַך האָט ער איהר נאָכגעקרומט מיט אַ בייזע מינע....

— נו, שטויס מיך ארויס.

— מעגסט זיך ארויסשטויסען, האָט ער געענטפערט, ווי איהר האָט זיך אויסגעוויזען, גאַנץ גלייכגילטיג. אין דער ווירקליכקייט אָבער האָבען זיינע רייד איהם אַליין געגעבען אַ שטאָך אין הארצען.

זי איז געבליבען שטעהן אַן ערשטוינטע. דאָס איז ער, מיט וועמען זי האָט אָבגעלעבט אַזוי פיעל יאָהר אין פריעדען? האָט די פּארטיי צוזאַמען מיט די הונדערטער קאַמעראַדען ארויסגעשטויסען אויך זי פון איהר אייגענע הויז, פון זיין הארץ... און האָט צובראָכען און צושטערט איהר גליק, איהר לעבען?

די שטומע ליעבע.

(א ניו יארקער ראמאן.)

1.

זייט איהר אמאל געזעסען פאר זונען־אונטערגאנג אין איסט־ריווער־פארק? הינטער איך הויבען זיך שטופען־ווייז אלטע בוימער, פאר אייערע אויגען רוישען די שטירמישע וועללען פון טייך, גרויסע און קליינע שיפעלעך שניידען דורך די וואסערען, לויפען אום לעבע־דיג און פריילין אהין און אהער... און דארט פון יענער זייט וואסער א קליינער אינזעל איינגעטונקט אין גרינס... און נאך ווייטער בוימער, בלויע און וויסליכע וואלקענס אין א נעבעל, וואס ציהט זיך פון אקעאן.

אהער פלעגט ער קומען יעדען פארנאכט אפרוהען זיך נאך זיין שווערער ארבייט. ער האט ליעב געהאט צו זיצען ביים ברעג טייך, קוקען אין דער ווייט און דענקען... דער קליינער פארק פלעגט איהם דערמאנען אדעסער בולוואר... און אז א ווינטעלע פלעגט ברענגען פון אקעאן פרישע זעע־לופט — האט ער געמיינט אז ער זיצט נעבען „שווארצען מעער", דארט ווייט, דארט ווייט, וואו ער איז אויסגעוואקסען, וואו ער האט פערבראכט זיינע בעסטע יאהרען, פון וואנען שלעכטע אומשטענדען האבען איהם פערשטויסען אין א פרעמד לאנד.

זי האט ליעב געהאט דעם פארק, ווייל דא איז פרישע געזונדע לופט, ווייל דא שפאצירען יונגע לייט, ווייל דא רוישען שטארק די וועללען, זינגען פרעהליך און הילכיג די פויגעלעך און די זונן און די לבנה שיינען פריי און העל. דעם ערשטען מאל האט זי זיך געזעצט לעבען איהם אויף א באנק, ווייל עס איז קיין אנדער פלאטץ ניט געווען, אבער ווען זי האט בעמערקט אז לעבען איהר זיצט א שעהנער,

שטאַרק געבויטער יונגער מאַן מיט גרויסע ברעננדיגע שוואַרצע אויגען — האָט זי זיך פערגעסען אַוועק צוגעהן... און ער? איהם איז אויך שוין לאַנג צייט געווען צו געהן צוריק אין זיין ענגען צימער — מיט'ן זוננען אויפגאַנג מוז ער זיין אויף די פיס... אָבער לעבען איהם איז געזעסען אַזאַ שעהנע יונגע שכנה מיט ווייסע זיידענע לאָקען, מיט בלויע גלענצענדע אויגען... און די לבנה מיט די שטערענדלעך האָבען זיך אַראָבגעלאָזט פון הימעל און האָבען זיך אַראָבגעלאָזט פון הימעל און האָבען זיך אַנידער געלייגט אויפ'ן וואַסער ביי זייערע פיס... און איבער זייערע קעפּ האָבען שטיל געוויספּערט די בלעטער פון די ביימער...

.2

מיט אונגעדולד פלעגען זיי ביידע ערוואַרטען די גליקליכע שעה, ווען זיי וועלען ווידער קענען זיין אין בעליעבטען פּאַרק. ווי דורך אַ צופאַל פלעגען זיי זיך טרעפען אויף דעם אייגענעם אָרט, אויף דערזעלבער באַנק, אַזוי ווי צוויי שטומע זיינען זיי געזעסען איינער נעבען דעם אַנדערען. די ליפּען האָבען געשוויגען, אָבער די אויגען האָבען געברענט און די באַקען האָבען געפלאַמט... און דאָס האַרץ? דאָס האַרץ האָט מען אָפט געמוזט צוהאַלטען מיט'ן האַנד אַז עס זאָל זיך ניט אַרויסרייסען פון פרייד און שרעק...

זיי האָבען געשוויגען, די מינוט ווען זי וועט עפענען איהר שעהנעם מויל און וועט איהם עטוואָס פרעגען, האָט איהם געשראָקען ווי דער טויט... ער האָט נאָך ניט פערשטאַנען קיין ענגליש... און זי האָט געשוויגען, ווייל זי האָט זיך געשעהמט צו רעדען. זיי איז אָבער ניט לאַנגווייליג געווען צו זיצען און שווייגען, וואָרום זייערע הערצער האָבען גערעדט, די נאַטור און אַלעס וואָס אַרום זיי האָט יעדערען פון זיי זעהר פיעל געזאָגט און פערשפּראָכען.

די ליעבע האָט ענדליך אויפגעשלאָסען איהרע ליפּען. זי האָט געווענדעט איהרע אויגען צו איהם מיט אַ ציטערנד שטימע האָט זי געפרעגט: „וואַט טיים איז איט? פּליעז...‟ דאָס בלוט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין איהר קאָפּ און זי איז געוואָרען רויט ווי אַבליהענדע ראָזע... איהר שטימע האָט איהם געקלונגען ווי אַ כאָר געזאַנג פון ענגלען, און ווי אַן אורטהייל צום טויט... ער האָט געוואָלט עט־

וואס זאגען, נור די שאנדע און שרעק האבען פערשטעקט זיין שטימע און פון זיין ברוסט האט זיך ארויסגעריסען א געבריל: אוה־הו!

„ווי לאנג ביסט דו אין לאנד?“ האט זי ווידער אויף ענגליש געפרעגט מיט א גוטען שמייכעל אויף איהרע ליפען. טרערען האבען איהם געשטיקט: פערדרוס, שאנדע, שמערץ האבען איהם פערניכ־טעט... ראש איז ער אויפגעשטאנען פון זיין ארט און האט שטיל געזאגט: „איי... אי... קען נאט... אי קען נאט!“...

3.

.... קען נאט? ! די נאטור וויים ניט פון „אי קען נאט“.... די ליעבע לאכט פון ענגלישען לעקסיקאן, די יוגענד פערשטעהט אויף'ן וואונק, די אויגען זיינען די שטארקסטע רעדנער אין דער וועלט... אין איינע פון די שעהנסטע ניו יארקער זומער נעכט, ווען די לבנה האט בעגאסען דעם שטילען איסט ריווער מיט א גאנצען ים שטראהלען, ווען די גלענצענדע שטערענדלעך האבען פריילך גע־וואונקען און שטיפענדיג געשוואומען איבער'ן הימעל, ווען דער רוי־שענדער ניו יארק האט געדרעמעלט און אין פארק זיינען געזעסען אויף איין באנק צוויי יונגע לעבענספאלע געשעפפע, אין דער צייט הא־בען זיי ענדליך ענטדעקט איינער דעם צווייטען אלעס וואס זיי האבען געפיהלט, ער האט צוגענויגט צו איהר זיין ברענענדיגען קאפ און זיינע בלאסע ליפען האבען מיט א פערדארבענע ענגלישע שפראך קוים ארויסגעדריקט נור דריי ווערטער: „אי לאוו יאו“ האט ער גע־זאגט און ניט מעהר... אבער עס איז געווען גענוג. א מיליאן גע־דונגענע רעדנערס, א צוויי טויזענד געשריבענע ראמאנען וואלטען ניט געקענט אזוי פיעל זאגען און אזוי פיעל ערקלעהרען...

זי האט מיט איהרעביידע הענד ארום גענומען זיין הייסען קאפ און זיי זיינען געבליבען שטיל... שטיל זיינען געשטאנען די בוימער לעבען זיי, שטיל איז די לבנה אריין געשוואומען אין א שווארצען וואלקען און אויף איין מינוט פערשוואונדעט געווארען... שטיל איז געווען אין הארץ...

———(—0—)———

אַ תקיעת כף.

אין גרויסען בית המדרש האָט מען ערשט אָפּגעדאַווענט מנחה. אין דער גרויסער געביידע איז געוואָרען שטיל און דונקעל. אין שוהלהויף האָבען מיינע חברים געשפּילט אין „מלך שיק דיין שליח" איך האָב אָבער מורא געהאַט אליין דורכצוגעהן דורכ'ן פינסטערען פּאָלעש און האָב זיך נאָהענט צוגערוקט צום אַלטען ר' ישעיה סלאַוועס. ער איז געזעסען אין אַ ווינקעלע, די פאַרנאַכטיגע שאָטענס האָבען איהם אין גאַנצען איינגעוויקעלט אין אַ דונקעלהייט און איך האָב נור געזעהן דעם גלאַנץ פון זיינע אויגען. אַרום איהם זיינען געזעסען פינף זעקס בעלי בתים, וועלכע זיינען אין גאַנצען איינגעזונקען געוואָרען אין אַ תהום פון שטילקייט און פינסטערנים. אַ'ן ערשראָקענער האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט אויף ר' ישעיה סלאַוועס'ס קניע און געגען מיין ווילען האָב איך זיך צוגעהערט צו זיין ערצעהלונג:

די געשיכטע האָט פּאַסירט אין וויטעבסק, — האָט ער געזאָגט, אין זיין שטימע האָט געקלונגען אַזוי ווי מען רעדט אין אַ חלום. עס איז ניט קיין אויסגעטראַכטע בבא מעשה — עס איז פערשריבען אין פּנקס. מיט אַ לאַנגע צייט צוריק זיינען אין וויטעבסק געוועןען דריי יונגע לייט, וועלכע זיינען געוועןען דער גאַנצער שטאָט בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „די דריי בעלי־בית'לעך"... זיי זיינען אַלע דריי געוועןען גרויסע לומדים, גרויסע חריפים. צוויי פון זיי זיינען געוועןען איידעם'ס ביי די גרעסטע גבירים פון שטאָט, דער דריטער איז געוועןען אַן איידעם ביי אַן אָרעמען גמרא מלמד, וועלכער איז אויך געוועןען אַ מופלג ומושלם בתורה. די צוויי רייכע בעלי ביתלעך זיינען שטענדיג געגאַנגען אין „ראַצעמאַרענע" בעקעשעס. האָבען געהאַט זיידענע טליתים מיט זילבערנע עטרות, האָבן געטראָגען שעהנע שוואַרצע שטיוועלעך מיט אַ זינגענדיגען סקריפּ און דער אָרעמער בעל בית'ל איז

נעביך געווען זעהר אָרעם געקליידעט. די רייכע בעלי בית'לעך זיינען געווען גרויסע שטיפערס, בעריהמער און האָבען גערעדט שטענדיג מיט גאוה און חוצפה, דער אָרעמער איז געווען שטיל, ווי א טויב און אן ענו, ווי משה רבינו. די רייכע איידעמס ווי מען האָט זיך נאכדעם דערוואוסט, האָבען אין דער שטיל געשפילט אין קאָרטען און אויך געטאָן נאָך ערגערע און מיאוסערע זאכען. דער ארעמער איי־דעם האָט געהאַט זיין ווייבעל, איז געווען ריין און כשר און איז געווען א גרויסער מתמיד. די צוויי רייכע איידעמס זיינען געווען געזונטע און שטארקע יונגע לייט — בלוט און מילך, דעם מלמד'ס איידעם איז נעביך געווען אויסגעדארט און אויסגעטריקענט און אויף זיין בלייכען פנים האָט גערוהט די שכינה.

אמאָל אין א פינסטערע נאכט, ווען דעם גמרא מלמד'ס איידעם האָט פערלאָשען דאָס ליכט אין זיין אַלקעריל און האָט זיך צוגע־לעגט אַפּרוהען, האָט פּלוצלונג אימיצער שטיל א קלאַפּ געטאָן אין פענסטער, און אן אונבעקאנטע שטימע האָט געזאָגט: „ר' אריה לייב, זייט־זשע מוחל, קומט ארויס, אויף א מינוט. עס איז זעהר א וויכטיגע זאך.

— דו שלאָפסט, לייבעלע? האָט געפרעגט די יונגע רבקה א דער־שראָקענע. זי האָט געהערט, אז א איד רעדט אונטער'ן פענסטער און האָט זיך זעהר דערשראָקען, זי האָט אליין ניט געוואוסט פאר וואָס.

דער חריף ומתמיד ר' אריה לייב האָט ניט געשלאָפען, ער האָט ניט געקענט איינשלאָפען גיך, ווען ער פלעגט זיצען שפעט ביי דער גמרא. ער איז אויפגעשטאנען, האָט אויפגעגאָסען נעגעל וואסער, האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און איז שטיל ארויס געגאנגען פון טהיר. רבקה האָט געהערט ווי די טהיר פון הויז האָט א סקריפּע געטאָן, זי האָט געהערט זיינע טריט אויפ'ן גאס... אימיצער איז צו איהם צוגע־גאנגען, נאכדעם איז געוואָרען שטיל. מיט א פערקילט הארץ האָט זיך רבקה לאנג צוגעהערט — שטיל. זי איז צוגעלאָפען צום פענסטער — קיינער ניטאָ. לאנג איז זי געזעסען און האָט געווארט, א נאכט האָט זי ניט געשלאָפען — לייבעלע איז ניט געקומען. אין דער פריה האָט מען געשיקט אין בית המדרש, וואו לייבעלע פלעגט אָפט לערנען גאנצע נעכט — מע האָט איהם דאָרט ניט געפונען. מע איז געלאָפען פרעגען

ביי זיינע חברים — זיי האָבען איהם ניט געזעהן. עס איז געוואָרען אַ גרויסער ליאַרם אין שטאָט, מע האָט געזוכט, געפרעגט אין אַלע הייזער, גערעדט פון זיין וואונדערליכער פערשווינדונג און קיינער האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואָס האָט זיך מיט דעם יונגען געטראָפען.

בקיצור, עס איז אוועק אַ טאָג, עס איז אַ וואָך, עס איז אוועק אַ חודש — לייבעלע איז ווי אין וואסער אריין. יאָהרען, צעהנדליגער יאָהרען זיינען אוועק, די אונגליקליכע רבקה האָט אויסגעוויינט איהרע אויגען. פון אַ יונגע עגונה איז זי געוואָרען שוין אַן אַלטע, שוואכע אידענע — לייבעלע איז ניט געקומען.

אַזוי איז אוועקגעגאַנגען פופציג יאָהר...

די דונקעלהייט איז געוואָרען גרעדיכטער און שוואַרצער; פון ארון קדוש צום בעלעמער האָבען זיך געצויגען גרויסע שאָטענס. איך האָב מורא געהאַט צו אָטהעמען פריי און האָב נאָך נידריגער אָנגעבויגען מיין קאָפּ צו ר' ישעיה'ס קניע. אין דער ווייבערשער שוהל האָט עטוואָס אַ קלאַפּ געטאָן און אין מיר איז פערקילט געוואָרען דאָס בלוט. און ר' ישעיה האָט מיט זיין שטילער מאָנאָטאָנער אַזוי ווי אַ פערטראַכטע שטימע פאָרטגעזעצט.

פופציג יאָהר איז אוועק פון יענער שרעקליכער נאַכט, ווען דער יונגער מאַן ר' אריה לייב מתמיד איז פערשוואונדען געוואָרען. זיין עגונה איז שוין לאַנג געשטאָרבען. זיינע צוויי חברים, וועלכע זיינען געווען די גרעסטע גבירים און שוהל פיהרער, האָבען שוין אויך ניט געלעבט. אַלע האָבען שוין אָנגעהויבען פערגעסען די וואונדערליכע געשיכטע, ווען אין שטאָט איז געוואָרען פּלוצלינג אַ גרויסער רעש און דער שרעקליכער סוד איז מגולה געוואָרען...

אין דער שטאָט וויטעבסק איז געווען זעהר אַן אַלטער בית עולם; ווייט אונטער'ן שטאָט לעבען בית עולם איז געשטאַנען אַ הילצערנע טהרה שטוב, וואו עס האָט געוואָהנט דער אַלטער קברות מאַן, וועלכען אַלע האָבען גערופען דוד באטיקא. ער איז געווען אַ זקן פון העכער אַכציג יאָהר און איז העכער זעכציג יאָהר געווען אַ קברות מאַן. ויהי היום דער אַלטער דוד באטיקא איז קראַנק געוואָרען און די צייט איז געקומען, ווען ער אליין האָט געדאַרפט געבראָבען ווערען דאָרט, וואו ער האָט בעגראָבען אַזוי פיעל אידישע מתים. (ווען ר' ישעיה האָט אויסגערעדט דעם וואָרט „מתים", האָט זיך מיר אויסגעוויזען,

אז דער פּרוכת פון ארון קודש האָט זיך אָנגעהויבען בעוועגען און אַ הויכער ווייסער שאָטען האָט אַ פליטער געטאָן אויפ׳ן בעלעמער און איז פערשוואונדען געוואָרען).

פאַר זיין טויט, האָט דער קברות מאַן געשיקט רופען דעם רב און האָט געזאָגט: „רבי, פופציג יאָהר האָב איך געטראָגען אַ שווערע משא אין מיין הארצען, פופציג יאָהר האָב איך געטראָגען פערבאָרגען אַ שרעקליכען סוד. איך האָב געוואוסט, וואו ר׳ אריה לייב מתמיד, זאָל ער מיר מוחל זיין, און האָב ניט געקענט דערצעהלען, ווייל איך האָב געגעבען אַ תקיעת כף. עס איז געווען זעהר שפּעט ביי נאַכט, ווען מע האָט געגעבען דריי שטארקע קלעפּ אין דער טהיר פון טהרה־שטוב. איך האָב פערשטאַנען אז מען האָט געבראַכט אַ ברמנן און האָב זיך געוואונדערט, וואָס איך האָב ניט געהערט, ווען דער וואָגען איז געפאָהרען. איך בין זעהר נשתומם געוואָרען, ווען איך בין ארויסגע־גאַנגען און האָב דערזעהן צוויי אידען און אויף דער ערד לעבען זיי אַ טויטען. עס האָט מיר אָבגענומען דער לשון, ווען איינער פון זיי האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאַרק און האָט אַ געשריי געטאָן: דוד, גיב אַ תקיעת כף דאָ אונטער׳ן רקיע השמים, אז דו וועסט קיין מאָל ניט מגלה זיין דעם סוד!.. רבי, איך האָב געגעבען אַ תקיעת כף! די צוויי אידען זיינען געווען די רייכע בעלי ביתלעך, ווי מע האָט זיי דאַמאָלס גערופען, און דער בר מנן איז געווען ר׳ אריה לייב מתמיד.

מיר האָבען איהם מטהר געווען, און גיך אויסגעגראָבען אַ קבר און פאַרטאָג נאָך מקבר געווען. ער ליגט אין דער לעצטער שורה פון דעם אַלטען פעלד, ביים פּאַרקען... איך האָב ניט איין מאָל גע־וויינט, געזאָגט תהלים און געבעטען מחילה אויף דיעזען קבר... אַ צדיק איז ער געווען און איז געשטאָרבען מיט אַ שרעקליכען טויט.

זיי האָבער זיך פאַר מיר מודה געווען, ווי אַזוי זיי האָבען איהם דער׳הרג׳עט. זיי האָבען געטראָגען אַ שנאה אויף איהם דערפאַר וואָס ער איז געווען פיינער פון זיי און אויך דערפאַר, וואָס איהם האָט מען געהאַלטען פאַר אַ גרעסערען למדן... יענע נאַכט האָבען זיי געזעהן, ווי אַזוי ער האָט זיך געלעגט שלאָפען מיט זיין שעהנער וויבעל און ווייל זיי האָבען געהאַט מיאוסע ווייבער, האָט זיי נאָך ערגער אויף

איהם פערדראָסען און זיי האָבען זיך בעשלאָסען אָפּטאָן איהם א שפּיצעל. זיי האָבען איהם פערנאַרט אין בית המדרש, איינער פון זיי האָט איהם א שליידער געטאָן אויפ'ן גרויסען טיש, דער אַנדערער האָט אַראָבגענומען זיין רימענעם גאַרטעל און האָט איהם אָנגעהויבען קאַטעווען... וועה איז מיר! ווען איך האָב איהם מטהר געווען, האָב איך אליין געזעהן די פּאַסען אויף זיין אויסגעדאַרטען גוף...

ווי לאַנג זיי האָבען איהם געשמיסען האָבען זיי ניט געוואוסט... נור זיי איז אַ קשיה געווען, וואָס איז דאָס, וואָס לייבעלע האָט זיך ניט געוואָרפען און ניט געשריען. זיי האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם — ער איז געווען טויט... רבי! איך האָב געגעבען אַ תקיעת כף און האָב ביז מיין טויט געשוויגען ווי אַ שטיין.

פיעל יאָהרען זיינען אַוועק און דער איינדרוק פון ר' ישעיה סלאָוועס ערצעהלונג איז נאָך ניט אויסגעמעקט געוואָרען פון מיין זכרון... איך זעה נאָך פאַר מיינע אויגען דעם דונקעלען בית המדרש, איך זעה די שוואַרצע פיגורען פון די אויפמערקזאַמע צוהער־רער און הער די מאָנאָטאָנע שטימע פון דעם ערצעהלער... אה! ווי גליקליך בין איך דאַמאָלס געווען, ווען דער שמש האָט ענדליך אָנגע־צונדען די ליכט ביים עמוד און די שרעקליכע שאָטענס זיינען פער־שוואונדען געוואָרען.

אונגליקליכע און עלענדע.

קענט איהר דאָס בעשרייבען?

(אַ פֿאַקט.)

ווערטהער הערר! איך האָב עטליכע מאָל געלייענט אייערע עטליכע ערצעהלונגען פון אונזער טרויעריגען לעבען אין די פֿעקטאָרים און אין די שאַפּס. איך בין אליין אַן ארבייטערין און בין אַזוי מקנא די פערפאַסער, וואָס פערפאַסען פערשיעדענע געשיכטעס. ווען איך זאָל קענען שרייבען, וואָלט איך ניט געדאַרפט פערפאַסען. איך וואָלט פּשוט נור בעשריבען די ווירקליכקייט, איך וואָלט נור דערצעהלט דאָס וואָס עס קומט פֿאָר אַרום מיר.

גוטער הערר, אַזוי ווי איהר בעשעפטיגט אייך מיט שרייבען, וויל איך אייך דערצעהלען, וואָס עס איז אַמאָל פֿאַר מיינע אויגען פֿאָרגעקומען אין דער פעקטאָרע, וואו איך אַרבייט און איהר זאָלט זיין אַזוי גוט און דאָס בעשרייבען. איהר זאָלט עס בעשרייבען אַזוי, אַז אַלע אַרבייטער, וואָס ווילען ניט דענקען פון זייער פינסטערע לאַגע זאָלן פערציטערט ווערען און אַלע, וואָס האָבען קיין רחמנות ניט אויף אונז זאָלען זיך כאָטש אויף איין אויגענבליק פערשעמען.

איהר נאָמען איז געווען שיינדעלע. זי האָט געמעגט האָבען אַזא נאָמען. זי איז געווען שעהן ווי די ליכטיגע וועלט. זי איז געווען אַלט פופצעהן יאָהר און איז געווען שטאַרק און ענטוויקעלט ווי אַ פּוליעהריגע פרוי. געבויט ווי אַ ריעז און איז דאָך געווען שטיל און נאַאיוו ווי אַ קינד. איהרע צוויי רויטע בעקעלעך האָבען אויסגעוויזען אין שאַפּ ווי צוויי פרישע ראָזען... איהרע שוואַרצע צוויי אויגען האָבען געלויכטען ווי צוויי שטערען, און וואָס אָבער מיר אַלע האָבען אַם מיינסטען בעוואונדערט, דאָס איז געווען איהרע לאַנגע זיידענע לאָקען, וועלכע האָבען געבילדעט אַ שעהנע ראַמע צו איהר געזיכט און זיינען ווי שווערע שטיקער זיידענס געפאַלען אויף איהרע פּלייצעס.

איהרע עלטערן זיינען ערשט געקומען פון רוסלאַנד, וואו זיי זיינען געווען גאַנץ רייך און שיינדעלע איז דאָרט געגאַנגען אין גימ־נאַזיום. זיי האָבען מיט זיך געבראַכט אַ ביסעל געלד און ניט די נויט האָט געטריבען שיינדעלען אין פעקטאָרי אריין. זי איז געווען אַ קלוגע, פול מיט לעבען און האָט געהאַט אַן אונאַבהענגיגען כאַראַקטער. זי האָט געזעהן ווי איהרע עלטערן שרעקען זיך פאַר דער צוקונפט און האָט פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָלט זיין אַ ניצליכער מיטגליעד פון דער פאַמיליע. איהר מוטער האָט געוויינט ביי דעם געדאַנק, אַז איהר שיינדעלע וועט ארבייטען אין פעקטאָרי. דער פאָטער האָט זיך געבייזערט — עס האָט אָבער ניט געהאָלפען; זי איז אוועקגעגאַנגען ארבייטען.

— עס איז ניט שווער, פלעגט זי שטענדיג טרייסטען איהרע עלטערן מיט אַ גוטען שמייכעל אויף איהרע ליפען. מען נעהט דאָרט מיט סטים. די מאַשין נעהט אליין און דו דאַרפסט נאָר זיטצען און אכטונג געבען.

און די מאַשין האָט גענעהט און גענעהט.

שיינדעלע האָט ניט געקענט קיין ענגליש רעדען, דאָך האָט מען פון איהר ניט געמאַכט קיין שפּאַס אַזוי ווי פון אַנדערע גרינהאָרנס. אונוויליג האָט יעדער געפיהלט צו איהר סימפּאַטהי, זי האָט געשוויגען, אָבער איהרע לעבעדיגע אויגען האָבען גערעדט און איהר שמייכעלע האָט בעצויבערט... אַלע האָבען זי געאַכטעט ווי אַ פרוי און געליעבט ווי אַ קינד... און אפילו די איירישע מיידלעך פלעגען האָבען פערגני־גען פערבייגייענדיג אַ גלעט צו טאָן איהרע שעהנע זיידענע לאָקענס...

הערט וואָס פאַר אַן אונגליק עס קען פּאַסירען...

פון שיינדעלע׳ס טיש איז אראָבגעפאַלען אַ שעריל, זי בויגט זיך איין עס אויפהויבען און איהרע לאָקען פאַלען ארויף אויף דעם וואַלל, וועלכער ברענגט אין בעוועגונג אַלע רעדלעך פון די נעה־מאַשינן... אַזוי ווי ארום די פינגער דרעהען זיך ארום אין איין אויגענבליק איהרע האָאר ארום דעם שרעקליכען אייזען... שיינדעלע גיט זיך ארויס און וויל אויפשטעהן און פאַלט מיט אַ ווילדען געשריי... די גרויזאַמע מאַשין שלעפּט אריין איהרע לאָקען... און ציהט, און שלעפּט, און רייסט און ברעכט. אין שאַפּ ווערט אַ שרעקלי־כער טומעל... אַלע שרייען, אַלע דערשרעקען זיך... און קיינער ווייס

ניט וואָס צו טאָן... און די אָרימע שיינדעלע שרייט נעבעך ניט מיט איהר קול... ענדליך ווען מען איז שוין געפאַלען אויפ'ן שכל אָבצור־שטעלען דעם „אינדזשען" איז שוין געווען שפּעט, די האָאר מיט'ן הויט האָט עס אַראָפּגעריסען פון איהר קאָפּ און איהר האַלז איז געווען צובראָכען...

געוויס, ווען מען זאָל וועלען ספּענדען עטליכע דאָלארס, וואָלט מען געקענט אַזוי איינריכטען, אַז מיט דער אָרעמער שיינדעלען וואָלט ניט געקענט פּאַסירען אַזאַ אונגליק... געוויס, ווען מע זאָל שרייבען פון די אונשולדיגע, וועלכע ווערען געטויטעט פון סטים, לכל הפחות אַזוי פיעל, וויפיעל מע שרייבט פון די שולדיגע, וואָס ווערען געטויטעט פון עלעקטריק, וואָלט זיך דאָס אפשר ניט געטראָפען אַזוי אָפט. אָבער וועמען אינטערעסירט עס און וועמען הארט עס?

אוי! ווען מיר אַלע האָבען דערזעהן דאָס אונגליקליך קינד, ווען מען האָט זי ארויסגענומען פון אונטער דער מאַשין. איהר שעהנעם פּנים האָט מען ניט געקענט דערקענען, איהרע ליכטיגע אויגען פער־ענטדערט געוואָרען די שרעקליכע שמערצען האָבען אין עטליכע מינוטען פון איהר געמאַכט א תל. איין הארץ איז ניט געווען אין פעקטאָרי, וועלכע האָט ניט געפיהלט קיין ביטערען וועהטאָג. איין אויג איז ניט געווען, וואָס האָט ניט גענאָסען קיין טרערען.

איך בין ניט קיין שרייבערין, אָבער איהר, איך בעט אייך אויב איהר קענט, בעשרייבט עס.

קענט איהר דאָס בעשרייבען?

א בלעטעל פון א שאפ-מיידעל'ס טאגע בוך.

באלד איז זעקס אוהר, באלד וועט שוין זיין דער וויסטעל — אך, ווי לאנג דער טאג ציהט זיך! ארבייט, ארבייט, צוליעב וואס? צוליעב דאס לעבען? און וואס גיט מיר מיין לעבען? צרות און עלענד, דאס איז מיין שיקזאל.

קוים דערלעבט דעם וויסטעל, איך לויף אהיים! — אהיים! וואו איז מיין היים? אויפ'ן טאפ פלאר, אין א פינסטערע, שמוציגע טענעמענט הויז. ווער און וואס ערווארטעט מיך אין דער היים? קאלטע פרעמדע געזיכטער. א שלאפלאזע נאכט אין א פערשטיקטע רומקע אהן לופט און אהן ליכט.

א, וואו זייט איהר מיינע קינדערשע יאהרען? וואו איז, מיין אלטע ליעבע, ווארימע היים? וואו ביסט דו, גליקליכע צייט?

ווען א פרייליכע קליינינקע מיידעלע פלעג איך קומען אהיים, פון דער שול — וואו זיינען אט יענע געפיהלען; יענע הייליגע, טייערע געפיהלען. ווען מיין טייערע ליעבע מוטער פלעגט מיר קומען אנטקעגען, ארומנעהמען מיך און מיט הייסע ליעבע קוסען בעדעקען דעם פנים פון איהר בת יחידה, טייערע גוטע מאמע! וואו ביסט דו איצטער? ווייט, ווייט פון מיר, דיין איינציג קינד איז פערווארפען געווארען מעובר לים! עלענד, פערלאזען, אהן מוטה, אהן פריינד, אהן א טרייסט! אה, טייערע מאמע! איין ווארט דיינער וואלט ער־קוויקען מיין שמאכטענדע הארץ... איך געדענק נאך דיין פערצווייפ־לונג, מיין טייערע, ווען דו האסט זיך געשיידעט מיט דיין ליעבלינג. דיין יאמערליכער געוויין קלינגט נאך אין מיינע אויערען.

איך געדענק, ווי נאך ערשט יענע פינסטערע נאכט מיט דריי־

יאָהר צוריק... ווען מיר האָבען זיך צום לעצטען מאָל געקושט... פלוצלונג — דער דריטער זוואָנאָק... איך געדענק, איך קאָן ניט פערגעסען דיין לעצטען געשריי... ווען דער פּאָיעזד האָט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען.

אָ! איך געדענק איך געדענק; איך קען ניט פערגעסען מיינע געפיהלען בעת איך האָב געזעהען ווי דער קאָנדוקטער א גע'חלש'טע האָט דיר אריינגעטראָגען אין וואָקזאָל...

איך געדענק אָבער, מיין היימעשע, קינדערשע פאַנטאַזיע...

איך האָב געהאָפט דיר פאַר אַלעס מיט גוטעס צו בעצאָהלען. דער געדאַנק דיר, מיין טייערע מיט דיין בן יחיד גליקליך צו מאַכען. אָט דער געדאַנק האָט פערשטיינערט מיין הארץ...

איך האָב זיך ארויסגעריסען פון אונטער דיין הארצען און בין אוועקגעשוואומען וויט, וויט...

אוועק! פערלאָזען האָט דיין פייגעלע איהר ליעבען נעסט, אוועק זוכען גליק... זוכען גליק אין דער גאָלדענער לאַנד.

און וואָס האָב איך דאָ געטראָפען? ימים פון צרות און נויטה. אונגליק, שאַנדע, דלות, עלענד, שמוציגע שעפער, פינסטערע טענעמענט הייזער!

אָ דיינע בריעף, מיין טייערע צורייסען מיין הארץ. דו בייגקסט, דו האָסט ניט קיין טרייסט, אויף דיינע אַלטע יאָהרען, דיין קאָמערצוויגענער בן־יחיד איז געשטאָרבען... געשטאָרבען פון הונגער... דו רופסט דיין איינציגע פייגעלע צוריק צו דיין נעסט...

„בעסער, זאָגסט דו, צוזאַמען הונגערען נאָר ניט זיין אזוי עלענד..."

דיין אויסגעמאַטערטע צוברענטע הארץ וויל א טרייסט האָבען? אָ, מוטער, טייערע מוטער! ווענינ טרייסט קען דיר ערשט פערשאַפען דיין בת יחידקעלע.

ניט אומזיסט האָסט דו אזוי ביטער געוויינט, אוועקשיקענדיג דיין קינד. אָ! דיין מוטערליכע הארץ האָט געפיהלט דיין קינדס שיקזאַל. דו בעטסט מיר אהיים. דיין לעצטען קישען ווילסט דו פערקויפען, דיין איינציגע בקשה איז צו גאָט ער זאָל דיר אומקעהרען דיין פערוואָרפענעם קינד.

אָ, מאַמע! ווענינ, ווענינ, זעהר ווענינ נחת קען דיר ערשט דיין

טאָכטער פערשאַפען... אַט דער לעבען, וועלכער איז געווען פאַר דיר אזוי טייער, וועלכען דו האָסט מיט טרערען אויסגעבעטען ביי גאָט אַט דער לעבען איז צושמעטערט געוואָרען, איינגעבראָכען געוואָרען פון שווערע לאַסטען. דיין איינציג קינד, פאַר וועלכע בלויז פאַר איין קוק וואָלסט דו דיין לעבען אָפּגעגעבען אַט די בת יחיד'קעלע דיינע, איז היימלאָז. הונגעריג, און עלענד... פערפיהרט... צוויי קינדערלעך, שעהנע טייערע, זיינען דיר איבערגעבליבען נאָך דיין חבר'ס טויט. דיין בן יחיד'ל איז געשטאָרבען... און דיין בת יחיד'קע... אָה! טייערע, טייערע! ווי טראָגט מען דאָס אַלץ אַריבער...

אָ טרערען! איהר זייט דאָ?... האָב איך נאָך איין טרייסט? איין גוטען פריינד? איהר פערלאָזט מיך ניט, אפילו אין מיין אונ־גליק. ווען איך וויין זיך גוט, גוט אויס, — פיהל איך לייכט, אזוי לייכט, ווי אַ מאָל אין מיינע קינדרשע יאָהרען נאָך אַ לאַנגען, הייסען געבעט...

אַ בלום אויף זיין קבר.

„ווייך ניט, וואָס ער איז יונג אזוי געשטאָרבען —
עס איז אַ גליק צו שטארבען יונג!...
געמיינהייט פונ'ם וואָכעדיגען לעבען
האָט איהרע שאָטענס אויף איהם נאָך ניט געלעגט.
אויף די קניע געשווינד פאר דעם יונגען קרבן
און דעם שענסטען קראנץ אויף זיין נאָבעלען קאָפּ!..."
נעקראסאָוו.

איך טראָג זיך איבער אין מיינע געדאנקען אויף דעם גרויסען בית עולם, וואו צווישען אַ גאַנצען וואלד מיט מאָנומענטען און מאַר־מעלנע מצבות ליגט ערגעץ אין אַן איינזאַמען ווינקעלע זיין פרישער קבר. אַ שווארצע בערגעלע ערד — אָהן קראַנצען, אָהן בלומען. עס וועט געווים דאָ אין גיכען ערשיינען אַ איינפאכער שטיין, אויף וועל־כען עס וועט זיין אויפגעשריבען: „בנימין סיימאָן, 14 יאָהר אַלט, געשטאָרבען דעם 24טען יולי, 1897טען יאָהר..."

ווער איז ער — דער בנימין סיימאָן? ווי אזוי איז ער געשטאָר־בען? פאר וואָס איז ער אין די יאָהרען פון זיין בליהענדע יוגענד געשטאָרבען? דארויף וועט דער קאַלטען שטיין קיין ענטפער ניט גע־בען. דער קבר'ל דערצעהלט אַ לאַנגע ביטערע געשיכטע און דער שטיין וועט שווייגען פונקט, ווי עס געבען קיין ענטפער ניט די קאַלטע פערשטיינערטע מענשן אויף דער פראגע: וואָרום פאַלען יעדען טאָג אזעלכע קרבנות? פאר וואָס ווערען יעדען טאָג פערלאָרען אזוי פיעל לעבענס, צובראָכען אזוי פיעל נאָבעלע הערצער, צושמע־טערט אזוי פיעל פעהיגע קעפּ?... די שטומע קברים רעדען און די רעדענדיגע מענשען שווייגען!..

אַ קינד נאָך, ער האָט נאָך ניט געלעבט און איז שוין געשטאָר־בען. די משא פונ׳ם לעבען איז געווען פאַר איהם צו שווער און ער האָט זי פון זיך אַרונטערגעוואָרפען. ער איז געווען צו יונג צו לעבען און קעמפּפען ווי אַ העלד, און איז אין 14 יאָהר געווען שוין גענוג אַלט צו שטאַרבען וויאַ העלד. וועה איז צו דעם, ווער עס האָט אין די יוגענד ניט געקענט יונג זיין! און וועה איז צו די, וועלכע מאַכען פון דער זיסער יוגענד אַ ביטערע עלטער!... אַן אונבעשיצטע בלום מוז פערפרוירען ווערען פון דעם קאַלטען פראָסט, אַ גרינע צווייגעלע מוז אָבגעריסען ווערען פון אַ גרויסען שטורם, אַ יונגע האַרץ מוז צו־בראָכען ווערען פון צו אַ שווערע לאַסט...

איך געדענק, מיט אַ קורצע צייט צוריק איז געשטאָרבען אַ יונ־גער סטודענט פון יעל קאַלעדזש. ער איז געווען אַ מיליאָנערס אַ זוהן און איז אויך געשטאָרבען מיט אַן אונגאַטירליכען טויט. ער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, ווען ער האָט געשפּיעלט אין בייס באָל. זיין טויט האָט אָנגעמאַכט אַ רעש. אַלע צייטונגען זיינען געווען פול מיט הספדים. זיינע קאַמעראַדען האָבען איהם געשיינקט קרענצען פון די טייערסטע ראָזען, פון אימאָרטעלען (אַ בלום, וואָס רופט זיך „אונ־שטערבליכע") פיעלע סאָסייעטעס זיינען געקומען איהם בעגלייטען, צעהנדליגע קאַרעטען זיינען נאָכגעפאָהרען נאָך זיין קאַטאַפאַלען, ריהרענדע רעדעס האָבען געהאַלטען פּראָפעסאָרען און גלחים, אַן אָרקעסטער מוזיק האָט געשפּיעלט דעם בעריהמטען טרויער מאַרש פון שאָפּען... און ווען מע האָט זיין רייכען בעגילטען אָרון אריינ־געלאָזט אין קבר האָט איינער פון זיינע חברים אויסגעשריען: „שלאָף אין פריעדען, ברודער און מאַרטירער"!

בנימין סיימאָן איז אויך געווען אַ סטודענט, ער האָט אָבער געשטודירט ניט אין אַ קאַלעדזש — די טהירען פון אַ קאַלעדזש זיינען אָפען נור פאַר די, וואָס האָבען געלד. ער האָט געשטודירט אין דער גרויסער אַקאַדעמיע, וועלכע רופט זיך „לעבען..." ער איז געווען כמעט צוויי מאָל יונגער פון דעם מיליאָנערס זוהנדעל און האָט ניט געשפּיעלט אין בייס באָל — ער האָט פאַר זיין טויט געשפּיעלט אין „שאָף־מאַט..." דעם מיליאָנערס זוהנדעל האָט געשיכורט, גע־ספּענדעט געלט, געפיהרט אַ פריילוכען לעבען און האָט זיך ניט ענט־זאגט פון קיין זאך, און דער יונגעל פון דעם אידישען קוואַרטאַל האָט

געליטען נויטה און הונגער, האָט געזעהן אַרום זיך אַרמוטה און צרות, האָט געדענקט פון די שרעקליכע פערהעלטניסע פונ'ם לעבען, האָט גע־שטרעבט צו לערנען, צו וויסען און צו קעמפּפען, האָט געטראַכט פון גרויסע אידעאַלען, האָט געפיהלט מיט זיין צו וואונדעטע הארץ די לאַסט פון דער אונגערעכטיגקייט און האָט געטרוימט פון דער גליקלי־כער צוקונפט — זעהט: צוויי יונגע לייט, איינער האָט דעם קאַל־לעדזש, ווען ער וויל גאָר ניט לערנען, דער אַנדערער וויל לערנען און האָט ניט קיין קאַללעדזש. איינער שפּיעלט זיך, לעבט לוסטיג, זאָרגלאָז ווי אַ קינד אין דער צייט ווען ער האָט שוין געדאַרפט זיין אַ דענקענדער מאַן און דער אַנדערער דענקט און פיהלט ווי אַ מאַן, ווען ער האָט נאָך געדאַרפט זיין לוסטיג און שפּיעלען זיך ווי אַ קינד. ער האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך צו שפּיעלען, ער האָט צו פריה אָנ־געהויבען צו הערען זיך צו דעם זיפצען און קרעכטשען פון די וואָס זיינען אַרום איהם...

ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט אין דעם יוגענד פון זיין היסטאָרישען לעבען, האָט געהערשט אַ מיינונג, אַז ער טאָר ניט ער־בליקען די גאָטהייט. גאָט האָט זיי געזאָגט: כי לא יראני האדם וחי — אַ מענש קען מיך ניט דערזעהן און לעבען בלייבען... אין דער יוגענד, ווען דער געדאַנק איז נאָך ניט רייף און שטאַרק, און ווען די געפיהלען זיינען צו שאַרף און שטאַרק, איז געפעהרליך צו ערבליקען און ערגרייפען דעם אל שדי, די מאַכט וועלכע הערשט איבער דער וועלט... בנימין סיימאָן האָט אַראָבגעריסען מיט זיין געוואַגטע האַנד דעם פּרוכת אונטער וועלכען עס איז בעהאַלטען דער גאָט פון אונזער צייט. ער האָט מיט זיינע יונגע אויגען ערבליקט דיעזע שרעק־ליכע מוראַדיגע מאַכט, וועלכע צומאַהלט און צורייסט יעדען אויגענ־בליק טויזענדער קרבנות, ער האָט געפיהלט מיט זיין נאַבעלע, אָבער נאָך שוואַכע הארץ, די אַלע שרעקליכע וועהטאָגען פון דעם סאָציאַלען לעבען — דאָס איז געוועזן צו פיעל און צו שרעקליך פאַר זיין יונגען מח, ער איז געשטאָרבען...

ער איז געשטאָרבען און קיינער האָט ניט אויסגעשריען: שלאָף אין פריעדען, ברודער מאַרטירער! אָבער די אָרעמע לייט צווישען וועלכע ער האָט געלעבט און איז געשטאָרבען, ווייסען און פערשטעהען, אַז אַ מאַרטירער איז געוועזן דאָס יונגע קינד, וועלכעס איז אַזוי פריה

געשטאָרבען מיט אזא אונגאטירליכען טויט. א מארטירער און א ברו־
דער! עס זיינען ניט געפאָהרען נאָך זיין אָרעמען הילצערנעם ארון
צעהנדליגע קארעטען, מע האָט איהם ניט געשיקט קיין בלומען און
בוקעטען, אָבער וויפיעל ביטערע טרערען און שווערע זיפצען האָבען
איהם בעגלייטעט אהין, פון וואנען ער וועט שוין קיין מאָל ניט קומען
און וואו ער וועט שוין מעהר ניט פיהלען און ניט ליידען.

וועה איז צו דער געזעלשאפט, וואו קינדער ווערען אלט בעפאָר
זיי זיינען יונג געוועזן און וואו דער טויט איז בעסער פונ'ם לעבען.

וואָס זאָגט די דאָלל?

(פון די יום־טוב׳דיגע בילדער.)

אַן אַלטע פרוי איז פערפראָרען געוואָרען.

ווען זי איז געפאַלען אויפ׳ן טראָטואַר האָט זי נור געקענט אויסרעדען: „מיר איז קאַלט”, און איז געשטאָרבען. איך פערשטעה, אַז דער פאַקט אַליין איז גאָר ניט אינטערעסאַנט, אַזעלכע זאַכען טרעפען זיך גאַנץ אָפט, וואָס איז דער חידוש? דער פראָסט האָט גע־ברענט ווי מיט פייער. דער ווינד האָט געשניטען, ווי מיט שאַרפע מעסערס און די אַלטע קבצנ׳טע האָט קיין שכל ניט געהאַט אָנצוטאָן וואַרעמע קליידער, ווען עס איז אַזאַ קעלט. מיך אינטערעסירט אויך זעהר ווייניג, וואָס די אַלטע פערפראָרענע בעטלערקע האָט געזאָגט פאַר איהר טויט. וואָס איז דער חילוק? זי האָט געמעגט זאָגען, וואָס איהר האַרץ האָט געלוסט. דאָס וואָלט ניט וואָרימער געמאַכט די קעלט, ניט דערשראָקען דעם מלאך המות, ניט אָבגעשטעלט דעם ערב יום טוב׳דיגען טומעל, ניט פערהאַלטען די גלייכגילטיגע פערבייגעהער, ניט פערשעהמט די צוטראָגענע איינקויפער און פערקויפער, ניט פער־שטערט דעם פרייליכען יום טוב, ניט פערקלענערט די שמחה, ניט פער־ענדערט אויף אַ האָאָר דעם טאָגעס אָרדנונג, ניט געשאַדעט אויף אַ גראָשען די געשעפטען פון לעבענס יריד. מיך אינטערעסירט מעהר, וואָס זאָגט די „דאָללי”?

ווען די אַלטע איז געפאַלען אויף דער קאַלטער פערפרוירענער, ערד, האָט מען אין איהר פערגליווערטע האַנד געפונען אַ פּאָפּקע. די פרעמ־דע, עלענדע, פון דער גאַנצער וועלט אָבגעריסענע פרוי האָט פאַר די פּענים, וואָס זי האָט אויסגעבעטעלט אין דעם קאַלטען טאָג, אין דעם לעצטען טאָג פון איהר לעבען, — געקויפט אַ דאָלל און מיט דער

דאָל אין האַנד איז זי געשטאָרבען... אָהן פריינד, אָהן קרובים, אָהן בעקאַנטע, אָהן קינדער, אָהן פאַמיליע, אָהן א היים — וואָס דאַרף זי די דאָלל?

ווער ווייס? אפשר האָט דיעזע עלענדע, פערוואַגלטע, אַלטע פרוי געקויפט די דאָלל פאַר א פרעמד קינד, פאַר א קינד פון אַזעלכע אונגליקליכע, ווי זי אליין איז?... זי האָט געוואָלט דאָס אָרימע קינד זאָל אויך וויסען אז עס איז א יום טוב... און זי האָט געבעטעלט זעהר לאַנג ביז זי האָט געקענט קריגען די נויטיגע סומע און זי איז פערפראָרען געוואָרען.

און אפשר אין דיעזען קאַלטען טאָג, האָט זי זיך דערמאָנט אָן די גליקליכע טעג, ווען זי אליין איז נאָך געווען א זאָרגלאָזעס קינד און האָט ניט געוואוסט פון שרעקליכען נויט און ארמוטה... ווען זי איז ניט געווען אַזוי עלענד אויף דער וועלט. ווען אין דעם זעלבען טאָג האָט איהר א פריינדליכע האַנד דערלאַנגט א שעהנעם יום טוב פרע־זענט און זי איז געווען גליקליך און לוסטיג. זי האָט געוואָלט כאָטש נאָך איינמאָל אין לעבען דורכפיהלען איהר יוגענד־פריינד און איז געפאַלען א פערפראָרענע אויפ'ן טראָטואַר.

און אפשר גראַדע הײנט, ווען זי האָט דערזעהן, ווי פיעלע מאַמעס קויפען פאַר זייערע קינדער יום טוב מתנות, ווען זי האָט זיך פאָרגע־שטעלט, ווי די גליקליכע קינדער וועלען דריקען צו זייערע יונגע קער־פערלעך צו זייערע מוטערס הערצער. ווען זי האָט זיך געשילדערט די הערליכע פאַמיליען־בילדער, וועלכע וועלען היינט אָוועגד געפינען פלאַץ אין יעדער הויז, — אפשר גראַדע היינט האָט זי דערפיהלט ווי ביטער און פינסטער עס איז צו לעבען אליין אויף דער וועלט, לעבען נע ונד, אומוואַנדערען אָהן האָפנונגען, אָהן יום טובים, אָהן גליקליכע טעג... אפשר געראַדע היינט, האָט זי דערפיהלט, ווי אונגליקליך איז די פרוי, וועלכע איז ארויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס און וועלכע קען ניט האָבען די פרייד פון א מוטער... אפשר האָט זי געהאַפט מיט דער געקויפטער דאָלל ערגיץ וואו אין א גאַדזשינג הויז צו פערברייגגען די נאַכט, רעדען צו איהר, ווי צו א קינד. דריקען זי צו איהר אויסגעטרי־קענטע ברוסט ווי א מוטער — זי האָט געוואָלט כאָטש אויף איין אוי־גענבליק אָפּנאַרען זיך און דערפיהלען מוטער־פרייד און קינדער־ליעבע

און זי איז געפאַלען מיט דער טויטער דאָלל אין האַנד און איידער זי האָט די דאָלל צו איהר ברוסט געדריקט איז זי אליין געוועןקאַלט און טויט?

די דאָלל שווייגט און אין איהרע קאַלטע, גלעזערנע אויגען שיינט זיך אָב אַ קאַלטער טויטער קערפּער און אַ קאַלטע טויטע וועלט...

א פאקט.

פרייטאג, דעם 13טען אויגוסט, האט מיינער א פריינד ערהאלטען א טעלעגראמע, דאס זיינער א שוואגער איז גע׳הרג׳עט געווארען פון א טריין.

איך בין אהין מיטגעפאהרען מיט מיין פריינד. ווען איך בין אריינגעקומען אין הויז, 17 ראטגערס סטריט, ניו יארק, האט זיך א שרעקליכע סצענע פארגעשטעלט פאר מיינע אויגען. דריי קליינינקע קינדערלעך האבען שרעקליך געוויינט, א בייבי פון דריי וואכען האט געשריען, אזוי ווי ער וואלט שוין פערשטעהן זיין אונגליק. מיין הארץ איז צוגאנגען קוקענדיג אויף די בלויע געזיכטלעך פון די יונגע יתומים. די עלטערע צוויי אינגעלעך, — אייקעלע זיעבען און בעני דריי א האלב יאהר — זיינען צוגעלאפען צו מיר מיט דער פראגע:

— ליידי, איז עס אמת, אונזער פאפא איז טויט?

א מיידעלע, פון דריטהאלבען יאהר איז געזעסען אויפ׳ן פלאאר און האט געיאמערט: פאפא, איך וויל מיין פאפא!

באלד איז אריינגעלאפען זייער מוטער א בלאסע, מאגערע ארבייטער־פרוי, און ארומכאפענדיג אלע איהרע קינדערלעך, האט זי געיאמערט:

— קינדערלעך, וואו איז אייער פאטער? וואו איז מיין מאן? וואו איז אונזער שפייזער?

אויף איהר קוקענדיג, האבען זיך אלע עופה׳לעך צושריען. — אה, וואס פאר א שרעקליכע בילד! א שטיין האט געקענט צו שפאלטען ווערען

דער זיעבען יעהריגער אינגעלע האט געשריען: מיין גוטער פאפא איז טויט, ווער וועט פאר אונז ארבייטען?

און ווען איך האב איהם געזאגט: אנקעל וועט ארבייטען פאר

אייך אַלעמען, — האָבען זיך די קליינע לעבעדיגע אויגעלעך אויפגע־הויבען צו זיין אָנקעל מיט אזוי פיעל געבעט און ארויספּאַלענדיג אויפ'ן אָנקעל האָט דאָס קינד געכליפּעט: אָנקעל, „שיקט ניט מאַמא ארבייטען, זי איז קראַנק".

און ווען דער אָנקעל האָט איהם פאַרזיכערט זיין וואונש צו ער־פילען, האָט זיך דער יתום'ל עטוואָס בערוהיגט.

די טראַגעדיע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אין הויז דעם גאַנ־צען טאָג, איז אונמעגליך צו בעשרייבען. אָ, איך זעלבסט וואָלט עס וועלען פערגעסען...

עס איז אָבער געווען אַ נול געגען דאָס שפּעטערדיגע.

די פרוי האָט געוואָלט נאָך אַ מאָל איהר מאַן אין זיין פאָריגען וואָהנונג ברענגען. דאָס איז אָבער געווען אונמעגליך, דען מר. קאָהן, וועלכער איז אוועק זעקס אוהר מאָרגענס צו דער ארבייט, איז זיעבען אוהר שוין געבראַכט געוואָרען צום אָנדערטייקער אין שטיקער צורי־סען. די מיסיס קאָהן האָט עס ניט געטאָרט זעהן, ווייל זי איז נאָך געווען זעהר שוואך נאָך אַ קינפּעט.

מיט גרויס מיה איז עס אונז געלונגען איהר איינצורעדען, מען זאָל בלויז דעם טויטען פאַר זייער וואָהנונג פאַרביי פיהרען.

נוארקער אפּטאונער גאַסען זיינען שטיל. די זונן האָט שוין אָנגע־פאַנגען צו פערגעהן. דאָ און דאָרט האָבען זיך געהערט טענער פון מוזיק. אויף די באַלקאָנען זיינען ערטערוויים געזעסען רייך — פער־פוצטע דאַמען און העררען, וועלכע האָבען זיך גערוהט נאָכ'ן גוטען סאַפּער. אין מאַנכע ערטער האָבען זיך געזעהן רייך־געקליידעטע על־טערען, וואָס האָבען זיך געשפּיעלט מיט זייערע קינדערלעך.

אָט דורך דיעזע גאַסען איז שטיל דורכגעפאָהרען אַ טויטען־וואָגען, נאָך וועלכען אַ קערידזש איז נאָכגעפאָהרען. אין איהם איז געזעסען אַ יונגע אלמנה מיט דריי בלאַסע, עלענדע יתומים'לעך.

ס איז שוין געווען פינסטערליך. ווען דער פּאַראַד האָט עררייכט דעם „הייליגען אָרט"; די זונן איז שוין געוועזען לאַנג אונטערגע־גאַנגען. איבעראַל איז געווען שטיל, קיין ווינטעלע האָט ניט געבלאָזען. קיינע מאָטילקעלעך זיינען ניט געפלויגען. די בוימער זיינען געשטאַנען ווי פעראומערטע, פערגליווורטע, זיי האָבען זיך מיט קיין בלעטלע ניט גערירהט, און די שטילקייט איז אונטערבראָכען געוואָרען דורך די

הערצרייסענדע געשרייען, אלס די אלמנה איז ארויפגעפאלען אויפ'ן קעסטעל, וואו עס איז געלעגען איהר מאנ'ס קערפער...

עס האט זיך מיר דאן געדוכט, אז די גאנצע נאטור וויינט מיט איהר מיט, און ווען מען האט אנגעהויבען צו שיטען די ערשטע לאפעטע ערד אויף איהר מאנ'ס נייעם וואהנונג, — ערשט דאן האט זיך אנגעהויבען א נייע טרויער־שפיעל. מיט אונמענשליכע קולות האט זי זיך צושריען:

מיין פריינד! מיין שפייזער! אויף וועמען לאזט דו מיך איבער? ! ווי קענסט דו דיינע ליעבע קינדערלעך פערלאזען?

און ארויפפאלענדיג אויף זיין קבר האט זי געשריען, זיך רייסענדיג די האר פון קאפ:

„גוואלד, העלפט מיר קלאגען אויף מיין קלאג! לאזט מיך צו מיין מאן, איך קען אהן איהם ניט לעבען"

די קינדערלעך האבען געוויינט. אייקעלע האט געשריען:

איך וויל דא ניט איבערלאזען פאפא, ער וועט מורא האבען אליין. זאל ער געהן אהיים, עס וועט איהם דא זיין קאלט.

אונגליקליכע עופה'לעך! וואס פאר א טרייסט האב איך איצטער פאר זיי געקענט געפינען? אבער ווי האב איך געקענט גלייכגילטיג בלייבען און זיי ניט טרייסטען? איך האב זיי געזאגט:

פאפא וועט ניט בלייבען אין גרוב, ער וועט זיין אויפ'ן הימעל און וועט דארט ווארטען פאר אונז, און ער וועט דארטען ניט דארפען אזוי שווער ארבייטען, ווי דא.

די שמשים האבען אונטערדעסען געטאן זייער ארבייט, זיי האבען דעם קבר פערשאטען אהן רעדעס, אהן קראנצען, אהן בלומען.

שטיל געלעבט — שטיל געשטארבען.

אויפ'ן בית עלמן איז געווען שטיל, די בלאסע לבנה האט ווי דערשראקען ארויסגעקוקט פון פערוואלקענטען הימעל.

קוקענדיג אויף דעם פרישען קבר, אויף די אונגליקליכע אלמנה און עלענדע קינדערלעך, האב איך זיך ניט געקענט איינהאלטען און האב זיך ביטער צו־וויינט.

אייקעלע איז צוגעלאפען צו מיר.

— טאנטע, — האט ער געזאגט, — דו זאגסט אז פאפא איז אין הימעל, טא וואס זשע וויינסט דו?

קומענדיג האָבען מיר געפונען אָבגעקאָכטע אייער און בייגעל. עס זיינען אריין אַ פּאָר אידען און האָבען אָנגעהויבען דאַווענען מעריב. אַ גוטער מענש האָט געזאָגט קדיש מיט די יתומים. די אלמנה איז געזעסען שטיל, אָנגעשפּאַרט איהר ווייטאָגדיגען קאָפּ אויף איהרע אויסגעדאַרטע הענד.

פּלוצלונג איז אריינגלאָפען אַ מאַן מיט אַ געוואַלד: וואו איז מיין ברודער? ער איז געפעהרליך קראַנק? וואו איז ער, גזלנים! אוי וועה! מע זאָגט קדיש? אודאי געשטאָרבען?! וואָס שווייגט איהר!?! שוין געוועזען די לויה? — גזלנים, וואָס האָט איהר געטאָן!? איך וועל די וועלט איבערקעהרען, איך וועל דעם קבר אויפרייסען. אָ, מיין איינציגער ברודער, מיין איינציגער טרייסט. וואָס זאָל איך איצטער טאָן? צו וועמען זאָל איך זיך איצטער ווענדען?

זיפצען האָבען אָבגעקלונגען אלס אַן עכאָ אויף זיינע רייד...

פאַרשטערט.

1.

היינט איז איהר געבורטסטאָג. דאָס שעהנע פּריוואַט הייזעל, וואו זיי וואָהנען, די צימערן, דאָס מעבעל, די עטליכע בוימער אין הויף מיט די בלומען, דאָס הינטעלע, דער פּאָפּוגאַי, די דיענסטען — אַלעס זעהט היינט אויס יום טוב'דיג. קוים האָט זי אין דער פריה אויפגעעפענט איהרע אויגען, האָט דער הערר דאָקטאָר, איהר פון גאָט בעשערטער מאַן, דערלאַנגט אַ פּאָאָר בריליאַנטענע אויערינגלעך און אַ גרויסע דימאַנטענע „מארקיזע". ביי טאָג האָט איהר די מאַמע געשענקט זיידענס אויף אַ קלייד, און אָנקעל האָט איהר געשיקט אַ טשעק אויף פינף הונדערט דאָלאַר... אַך! עס איז אַזוי גוט צו לעבען, זיין געליעבט און קריגען קאָסטליכע פּרעזענטען.

ביי נאַכט איז דאָס הויז רייך איליומינירט. אויבען אין די זאַלען זיינען געאַכטעטע געסט, אונטען אין גרויסען עס־צימער, גרייט מען צום טיש... אין קיך פּרעגעלט זיך און קאָכט זיך... אין קעלער אויפ'ן אייז שטעהט שאַמפּאַניער... ביים אויוועץ שטעהט אַ געניטער „קאָך", וועלכען מען האָט געדונגען צוליעב היינטיגען יום טוב. די דיענסטען אין ווייסע פאַרטוכער לויפען אום... טעלער קלינגען, גאָפּלען קלאַפּען... און די געסט אויבען, אויסגעפּוצטע, אויסגעצוואָגטע, געלאַסענע, סאָלידנע, זיצען און רעדען טיעפזיניג און סעריעז פון וויכטיגע געגענשטאַנדען... עס איז אַן אויסערוועהלטע געזעלשאַפט — געבילדעטע, אינטעליגענטע, גוט ערצויגענע מענשען. צוויי פּראָפעסאָרען פון קאָללעדזש, עטליכע דאָקטוירים, אַ בעריהמטער פּריעסט; אייניגע גוט בעקאַנטע לאָיערס, אַ ריעל־עסטייט בראָוקער, אַ בעריהמטער פּיאַניסט...

פון אָנפאַנג האָט מען בעשפּראָכען אייניגע פּאָליטישע ערשיי־

נונגען, נאָך דעם האָט מען גערעדט פון דעבס אוטאָפּיע. פון דעבסען איז מען אריבער געגאַנגען צו פּלאַטאָמאַס מאַאר, פוריע... פון אוטאָפּינע איז מען אריבער צו פילאָזאָפי. דער גלח איז געווען א גרויסער געגנער פון העגעל, דער ריעל עסטייט בראָוקער, וועלכער איז געווען א דאָקטאָר פילאָזאָפי פון יעיל קאָלעדזש האָט זיך אָנגענומען פאר העגעלען, און דער פּראָפעסאָר איז איהם געקומען צו הילפע... אלע האָבען זיך געפיהלט אביסעל אונטערגעהויבען פון דער שמוציגער מאַטעריאַליסטישער וועלט און זיי האָבען מיט פערגניגען געדענקט דערפון, אויף וויפיעל זיי שטעהען העכער פון די אנדערע געזעל־שאַפטען, וואו מע רעדט נור פון פּיטס און מע שפּיעלט אין פינאַ־קעל... געוויס, נאָכ'ן סאַפּער וועט מען דאָ אויך מאַכען א קערטיל, אָבער דאָס איז דאָך נאָכ'ן סאַפּער, ווען דער מאָגען קען ניט פערדייען קיין פילאָזאָפישע דיסקוסיאָנען.

ווען מען איז פון פילאָזאָפי אריבער געשפּרונגען צו עסטעטיק און קונסט, האָט מען זיך דערמאָנט, אז מע דאַרף בעטען דעם פּיאַניסט עטוואָס „פּאַרצוטראַגען"... דער פּיאַניסט האָט געשפּיעלט די בע־ריהמטע ראַפּסאָדיע פון ליסט... דאָס האָט געגעבען א טעמא צו רעדען וועגען ליסט, וועגען וואַגנער און זיין מוזיק צו דער צוקונפט... מע האָט אויך זעהר פיעל געשפּראָכען פון סעבאַסטיאַן באַך, הענדעל, מאָצאַרט, היידען, בעטהאָווען...

די אויסגעפּוצטע, גליקליכע, צופריעדענע בעל הבית'טע איז דערווייל אַראָבגעלאָפען זעהן, וואָס טוט זיך אין עס־צימער. זי האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט מיט צופריעדענהייט א בליק געטאָן אויפ'ן טיש. א זילבער ווייסער טישטוך, זילבערנע געשיהר, א טייערער פּאָרצעלייענער סערוויז, גרויסע וואַזאָנען מיט בלומען — אלעס מיט געשמאַק און קונסט אויסגעשטעלט... פּלוצלינג הערט זי, ווי די רעשעטקע, וועלכע פיהרט פונ'ם קעלער צו דער שטראַסע, עפענט זיך און אימיצער געהט צו צום פענסטער... זי איז געווען אליין, די דיענסטען אלע זיינען געווען בעשעפטיגט אין קיך און די געסט אוי־בען, האָבען מיט התלהבות גערעדט פון בעטהאָווענס ניינטע סאָ־נאַטע... זי הערט שוואַכע לאַנגזאַמע טריט. אימיצער געהט צו צום פענסטער און קלאַפּט אָן עטליכע מאָל...

אין אַן אַנדער צייט, ווען אימיצער זאָל צעהן אזייגער אין דער נאַכט צוגעהן צום פענסטער, וואָלט זי זיך געוויס דערשראָקען אויף טויט... איצט אָבער, ווען דאָס הויז איז פול מיט גוטע פריינד און ווען זי איז צופריעדען, — איצט דענקט זי ניט, אז עס איז דאָ „פיינט”, אין מענשען, וועלכע זיינען אונצופריעדען. מיט אַ ליעדעלע און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפען לויפט זי צום טהיר, עפענט האַסטיג אויף און בלייבט שטעהן איבערראַשט. אַן אונערוואַרטעטע אונאַנגענעהמע בעגעגניש... אַנקעגען איהר איז געשטאַנען אַן אַל־טער, גרייז־גרויער טרעמפּ... זיינע הענד האָבען געציטערט, זיין גאַנ־צער קערפּער האָט געוואַנקט... די געדיכטע, גרויע האָאַר פון זיין קאָפּ און לאַנג ניט געשוירענע באָרד זיינען געווען צוקלאָטשעט... זיינע אָרעמע צוריסענע קליידער זיינען געווען אין אַ גרויסע אונאָרדנונג... און זי איז געשטאַנען געגען איהם יונג, געזונד, אין טייערע בריליאַנ־טען און אַ פּראַכטפאָלע זיידענע קלייד... קיין קינסטלער און קיין ערפינדער אין דער וועלט האָט ניט געקענט אויסטראַכטען אַ גרעסע־רען קאָנטראַסט אין דער וועלט. זי האָט בייז אַ גלאַנץ געטאָן מיט די אויגען און האָט געפרעגט: וואָס דאַרפט איהר?

זיין קערפּער האָט זיך אַ ביסעל צוגעבויגען צו איהר נעהענטער און ער האָט שטיל אויסגערעדט: „מילעדי, איך בין הונגעריג!...”

— פוי! האָט זי געענטפערט מיט אַ געפיהל פון עקעל... זייע־רע אויגען האָבען זיך נאָך אַ מאָל באַגעגענט, זיין בליק האָט זי דערשראָקען, עס איז געווען אַ בעטענדיגער און אין דער זעלבער צייט אַ דראָהענדער בליק; עס איז געווען אַ בליק פון פערצווייפלונג און צאָרן. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טהיר און איז געבליבען אליין. איז ער נור בעזויפען, אָדער ער האָט זי געוואָלט בערויבען אויך?... ווי געפעהרליך עס איז ביי נאַכט צו עפענען די טהיר... אזוי פיעל טרעמפּס... ווי געפעלט אייך די פרעכהייט? צעהן אַ זייגער ביי נאַכט קלאַפּען אין אַ פרעמדען פענסטער און פאָדערען עסען... מיט דיעזע געדאַנקען איז זי ארויפגעלאָפען אויף די טרעפּ... דאָ האָט זי זיך באַלד בערוהיגט און האָט בעשלאָסען קיינעם ניט צו דערצעהלען פון דעם אינצידענט, אום ניט צו פערשטערען די שמחה...

2.

מע האָט שוין געגעסען אַלערליי מאכלים אין דער וועלט, מע האָט שוין געטרונקען קאָניאַק, ברענדי, ליקאָרען, פערשיעדענע וויי־נען... מע האָט שוין דערלאַנגט שאַמפּאַניער, צוגאָסען די באָקאַלען און די טאָסטען האָבען זיך געדאַרפט אָנפאַנגען. די פּנימער האָבען ביי אַלע געברענט, די אויגען געגלאַנצט, מע האָט פיעל געלאַכט, געזאָגט וויצען... אַלע האָבען גערעדט העכער און שטאַרקער, ווי געוועהנ־ליך... דער געאַכטעטער פריעסט האָט געדאַרפט געבען דעם ערש־טען ספּיטש, צו בעעהרען די, וועלכע איז געבוירען געוואָרען אכט און צוואַנציג יאָהר צוריק... אָבער די, וועלכע איז ערשיענען מיט אכט און צוואַנציג יאָהר צוריק, האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איהר מאַן אַ פערוויסטען בליק און איז געוואָרען בלאַס...

— וואָס איז מיט דיר? אַלע געסט זיינען אויפגעשטאַנען. אין דער צייט פונ'ם סאַפּער האָט זי עטליכע מאָל געהערט אַן אונגע־וועהנליכען גערויש אונטער'ן פענסטער. אימיצער האָט דאָרט גע־קלאַפּט, אימעצער האָט געחראָפּעט... איז נאָך דער טרעמפּ אונטער'ן פענסטער? האָט זי געדענקט און זיין בליק, אַ בעטענדיגער, רחמנות'־דיגער, בייזער, פול מיט פאָרוואורף און פערצווייפלונג האָט איהר ניט געגעבען קיין רוה... זי אָבער האָט זיך ניט געוואָלט אָבגעבען דיע־זען נאַררישען געפיהל, האָט מעהר ווי געוועהנליך געטרונקען, גערעדט פיעל, געלאַכט הויך... איצט אָבער, ווען מע האָט אָנגעגאָסען די שאַמפּאַניער און די באָקאַלען, האָט זי זיך איבערצייגט, דאָס איבי־צער איז ווירקליך אונטער'ן פענסטער. ניין, איהר האָט זיך ניט אויס־געוויזען. אימיצער איז שווער אַ פאַל געטאָן פון די טרעפּ פון בייס־מענט און זי הערט ביי דער טהיר פערוואָרגענע שטעהנען, גלייך ווי מע שטיקט אימיצען...

— וואָס איז מיט דיר? האָט דער הערר דאָקטאָר אַ געשריי געטאָן דערשראָקען.

— דאָרט! דער טרעמפּ... עטוואָס איז געשעהן!

אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טהיר... ביים שוועל איז געלעגען אַ טויטער קערפּער פון אַן אַלטען גרייז — ער האָט עטליכע טעג ניט געגעסען און איז געשטאָרבען פון הונגער .. ווען

זיי האָבען ביי דעם גלענצענדען טיש געגעסען דעם רייכען סאַפּער, האָט ער ביי דער טהיר געגוסס'ט. און ווען זיי האָבען געעפענט די פלעשער שאַמפּאַניער צו טרינקען טאָסטען, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעבען...

ער האָט פערשטערט — דיעזען אבענד איז ניט געווען קיין טאָסטען.

די מערדערין.

(א פאקט.)

.1

אין איינע פון די גרעסטע „מאָרנינג פּייפּערס" איז דער טרויע־ריגער פאקט אזוי געווען בעשריבען: „ליעבע! ראכע! א פּיסטאָל! פינף שיסע! ליידענשאַפט! טויט!"

„ער איז א רייכער לאָיער פון נאססוי סטריט. זי איז א שעהנע מיידעל פון לואיזאנא. ער איז אַלט פערציג יאָהר, זי איז אַלט צוואנ־ציג יאָהר. נעכטען אבענד האָבען זיי ביידע בעזוכט דעם רייכען סאַ־לון, אויף מעדיסאָן עוועניו און האָבען ביידע פערנומען א „סעפּע־רעט רום". דער קעלנער האָט זיי דערלאַנגט וויין און סענדוויטשעס און זיי האָבען פערשלאָסען די טהיר. אין איינינע מינוט ארום האָט זיך דערהערט פון זייער צימער א שאָס, א צווייטער, א דריטער, ביז פינף מאָל. ווען די פּאָלציייי האָט אויפגעמאכט די טהיר, איז שוין געווען נאָך דער דראמא. ער איז געלעגען אויפ'ן פּלאָאָר אין א טייך בלוט און זי, די ניעדערטרעכטיגע מערדערין, איז געשטאנען לעבען איהם און האָט ביטער געוויינט. אזעלכע שרעקליכע דראמען שפּיע־לען זיך אָב אין אונזער צייט צו אָפט. יעדע דומע מיידעל וויל זיין א העלדין און פּאָזירען אין טראגישע ראָלען. זאָל די מערדערין מיט איהר לעבען בעצאָהלען פאר איהר לייכטזין און די געזעלשאַפט זאָל לויז ווערען פון אזעלכע שענדליכע פערזאָנען!!"

אין דעם אבענד בלאַט פון דערזעלבער צייטונג איז דיעזער צו־פאָל ווידער בעשפּראָכען געוואָרען: „אונזער רעפּאָרטער, וועלכער האָט אין דעם מאָרנינג פּייפּער געשריבען, ווייס יעצט גענוי אלע

איינצעלהייטען. די מערדערין איז נאך אזוי יונג און האט שוין אזוי פיעל שענדליכעס געטאן. זי האט דריי יאהר מיט דעם ערמארדעטען אלס פרוי געלעבט און אין דער צייט פון די לעצטע דריי וואכען, ווייל ער האט ניט פערלאנגט מעהר צו פיהרען מיט איהר אן אונגעזעטצליך לעבען, האט זי זיך פערגיפטעט מיט קאקאאין, אבער אין בעלוויו האספיטאל האט מען זי גערעטעט. דעם צווייטען מאל האט זי מיט א מעסער זיך צושניטען דעם האלז און איז דאך לעבען געבליבען. איין מאל שפעט אין דער נאכט האט איהר א פאליסמאן ארעסטירט, ווייל זי האט אומגעוואנדערט איבער די גאסען ווי א וואהנזיניגע... די פאליציי קען ניט ערקלערען אויב זי איז דאן געווען וואהנזיניג אדער בעזויפען... אזא יונגע פרוי און שוין אזוי פערדארבען. פוי! עס איז א שאנדע פאר דער געזעלשאפט. זאל דאס זיין א גוטער ביישפיעל פאר די עלטערען, וועלכע ערציהען ניט זייערע קינדער, אזוי ווי די מאראל און די רעליגיאן פאדערען".

.2

מיט דריי יאהר צוריק איז זי קיין ניו יארק געקומען זוכען א בע־שעפטיגונג און פיהרען א זעלבסטשטענדיג לעבען. זי איז געווען יונג, שעהן, געבילדעט. זיסע האפנונגען האבען איהר צוגעגעבען מוטה און קראפט. גאלדענע טרוימען האבען פערטריבען פון איהר זארג און טרויעריגע געדאנקען.

אין דעם בארדינג הויז, וואו זי האט זיך גענומען א וואהנונג, האט זי זיך בעגעגענט מיט איהם. ער איז געווען א פראקטישער מענש, קלוג, סאליד און רייך און זי איז געווען אן אונערפאהרען עלענד קינד. פון אנפאנג איז ער געווען איהר וואהרער פריינד און ראטהגעבער, נאכדעם איז ער געווארען איהר בעשיטצער און ליעבהאבער און נאכ־דעם... נו, פערשטעהט זיך, זיסע ווערטער, טרייע ליעבע אין א סינ־געל פלעט מיט נייע מעבעל.

דריי יאהר זיינען פערגאנגען זעהר שנעל, די נייע מעבעל איז אלט געווארען און די הייסע ליעבע איז געווארען קאלט. ער איז געווען צופיעל פערנומען מיט ביזנעס און זי האט איהם נור געשטערט; ער האט ליעב געהאט די פרייהייט און זי, אבוואהל זי האט פון איהם גאר ניט געפאדערט, — זי האט איהם דאך אין א געוויסער מאס געבונ־

דען. און דערצו נאָך האָט זי די לעצטע צייט פערלאָרען איהר לעב־ האפטיגקייט, איז געוואָרען גרין און האָט זיך אָפט געפיהלט איבעל... שרעקליכע דריי וואָכען האָט איבערגעלעבט דיעזע יונגע און אונגליק־ ליכע פרוי ווען ער האָט זי אונערוואַרטעט פערלאָזען, זי האָט צו דעם מענשען ניט נור צטרוי געהאַט, זי האָט איהם געליעבט מיט אַלע גע־ פיהלען פון איהר יונג הארץ. איהר פערצווייפלונג איז געווען אַזוי גרויס, דאָס זי האָט צוויימאָל זיך דאָס לעבען געוואָלט נעהמען. אין איין נאַכט ווען זי האָט אָהן אַ ציעל אומגעוואַנדערט איבער די גאַסען, אליין מיט זעהר טרויעריגע און ביטערע געדאַנקען, האָט זי פּלוצלונג דערפיהלט דאָס אונטער איהר צובראָכ׳ ׳׳ לעבט נאָך אַן עלענד און אונגליקליך געשעפּ... וואָס מיט איהר איז דאַמאָלס געשעהן, געדענקט זי ניט — זי ווייס נור, דאָס מען האָט זי אין יענער שרעק־ ליכער נאַכט פאַר אַ וואַהנזיניגער פּעררעכענט און אַרעסטירט...

אין דיעזען טרויעריגען טאָג האָט זי ענדליך בעשלאָסען נאָך איין מאָל צו זעהן „איהם" און ברענגען איהם אַזאַ נאַכריכט, וועלכע מאַכט אַנדערע פאַטערס גליקליך. דיעזען טאָג אין איהם זעהר גוט געגאַנגען און ער איז געווען אויפגעלעגט. ער האָט זי זעהר פריינדליך עמפּפאַנגען. איז זי שוין יאָ געקומען, האָט ער געטראַכט, פאַר וואָס זאָל איך מיט איהר ניט לעבען אַ גוטען טאָג?... און זי איז געווען דערצו נאָך שעהן, די באַקען, ווי ראָזען און אין די אויגען האָט גע־ ברענט אַן אונבעקאַנטער פייערל...

אָבער ווען זיי זיינען געבליבען אליין אין צימער, ווען זי האָט מיט אַ ציטערענדיגער שטימע, מיט אַ טיפען געפיהל און מיט ליעבע איהם געזאָגט: „טייערער, איך .. איך וועל גיך אַ מוטער זיין", — איז ער אויפגעשפּרונגען גלייך ווי זי וואָלט צו זיינע פיס אַ באָמבע געוואָרפען, דאַן איז דאָס שרעקליכע געשעהן... איהר פערלאָרענע יוגענד, איהרע פערגאָסענע טרערען, איהרע שלאָפלאָזע נעכט, איהר ביטערע פערצווייפלונג — אַלעס האָט זי איהם ערקלעהרט מיט איהרע ערשטע צוויי קוילען... די איבריגע דריי מאָל האָט זי געשאָסען ווי אַ וואַהנזיננינגע...

צו זיך איז זי געקומען ווען די פּאָליציי האָט אָנגעהויבען צו ברע־ כען די טהיר. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן פּאָדלאָגע — ווייל ניט זי מיט דאָס וואָס זי ערוואַרטעט איז איהר צו ערשט אויפ'ן געדאַנק גע־

קומען, — ער האָט געשוואומען אין זיין אייגען בלוט. ער האָט נאָך געלעבט, אָבער דער טויט האָט שוין געשוועבט איבער איהם... די שרעקליכע יסורים האָבען פערענדערט דאָס געזיכט פון דעם מענשען, וועלכער איז איהר געווען אַזוי טייער.

זי האָט זיך אָבגעקעהרט און צו־וויינט מיט ביטערע, ביטערע טרערען.

איין אויגענבליק.

1.

איהר נאָמען איז מיימי אייזענשטיין.

זי האָט דאָס רעכט געהאַט (?) צו ווערען מיט דעם נאָמען אייזען און שטיין: עס איז זעלטען צו טרעפען אַ יונגע מיידעל מיט אַזאַ קרעפ־טיגען כאַראַקטער. מיט אַזאַ אייזערנע ענערגיע, מיט אַזאַ בעשלאָסענ־הייט. זי האָט נאָך זעהר ווייניג געלעבט, זי האָט שווער געאַרבייט און גרינג איבערגעטראָגען נויטה און מאַנגעל! ווייניג פערדיענט, אָבער פיעל געטרעבענט און געדענקט...

אין אַ שעהנע פריהלינגס־נאַכט, ווען די בוימער פון צענטראַל פּאַרק האָבען זיך שטיל אונטערהאַלטען פון ליעבע, ווען די גרינע בלעטלעך האָבען געציטערט פון ליידענשאַפט, ווען די גרעזעלעך און די בלומען האָבען געדופט מיט פערלאַנג און די שטערענדלעך האָבען ווייט, ווייט אין בלויען הימעל אַריין, האָט מיימי אָבגעגעבען איהר הארץ דעם, וועמען זי האָט ליעב געהאַט מיט דעם פייער פון דער ערש־טער, יונגער, ריינער אונשולדיגער ליעבע.

דאַן איז געקומען דער דונקלער, קאַלטער טרויעריגער ווינטער...
די בוימער האָבען אַרונטער געגומען זייער גרינעם סאַמעטענעם מאַנ־טעל, די גרעזעלעך זיינען פערטריקענט געוואָרען. די בלומען פערוועלקט און מיימי אייזענשטיין איז געבליבען אליין.

2.

לאַנגזאַם און טרויעריג האָבען זיך געצויגען די פינסטערע טעג, קיין פרייד, קיין האָפנונג אין לעבען... יעדען טאָג דער זעלבער ענ־גער שאָפּ, די זעלבע שווערע אונדאַנקבאַרע אַרבייט. די ראָזען פון מיי־

מי'ס באקען 'זיינען פערשוואונדען, דער גוטער שמייכעל פון איהרע ליפען איז אוועק אויף אימער.

זי האט געשוויגען, אבער אין שאפ האט מען גערעדט... איהרע בעסטע פריינד האבען זי אנגעפאנגען צו פערפאלגען אין דעם נאמען פון גאט און אין דעם נאמען פון דער געזעלשאפט... זי האט געמוזט קומען צו דער ארבייט פריהער פאר אלע, א גאנצען טאג זיצען אויף איהר פלאטץ, און שפעטער פון אלע ארויסגעהן, ווייל ווען זי פלעגט געהן פארביי די ארבייטערינען פלעגען אלע לאכען, פייפען, הוקען, שפייען. דער פארמאן פלעגט ווינקען איבער'ן טיש מיט א פרעכע מי־נע און איניגע פלעגען שרייען: מיסים, מאדאם!... וואס ווערט איהר אזוי קיילעכדיג?... חא חא! און חי! חי! און מיימי ווערט נאך בלאסער, טראגט איבער מיט געדולד איהר שאנדע און שמערץ... שוויינגט און זיפצעט שטיל.

קיינער ווייס ניט, וועלכע שרעקליכע שווערע מינוטען זי האט איבערגעלעבט ווען זי האט אין די לאנגע שלאפלאזע נעכט אין איהר ענגען צימער געטראכט וואס זאל זי טאן? דער ערשטער ביטערער גע־דאנק איז געווען זעלבסטמארד, דער צווייטער שרעקליכער געדאנק איז געווען — ערמארדען דאס אונגליקליכע קינד... איהר יונגע קער־פעלע האט געארבייט און די יונגע אויגען האבען טרערען געגאסען... ענדליך, האט זי בעשלאסען: זעלבסטמארד בעגעהן שוואכע מענשען, וועלכע האבען קיין קראפט ניט צו קעמפפען... אן אונשולדיג קינד ערמארדען קענען נור גרויזאמע נארישע פערברעכער, — לעבען און פאר'ן לעבען קעמפפען!...

.3

אלע צייטונגען זיינען געווען פול מיט דער בעשרייבונג פון דעם זעלטענעם קינד... א פאליסמאן האט עס געפונען ניט ווייט פון צענטראל דיפא... א מיידעלע שעהן ווי גאלד... שווארצע גרויסע אויגעלעך, רויטע ליפעלעך!.. אבער וויפיעל קליידער! וועלכע שעהנע און טייערע מיטצלעך, וועלכע פיינע צודעקען, וואסערע זעלטענע שפיטצען... עס איז אן אריסטאקרטישע קאפ, האבען אלע געשריען אין איין קול... עס איז אונבעדינגט פון דער פינפטער עוועניו גע־בראכט געווארען... האבען געשריען די רעפארטערס.

נאַררישע מענשען! דאָס קינד האָט מען געבראַכט פון אַ פינס־טערן ווינקעל. אָן אָרעמע, אונגליקליכע מוטער האָט מאָנאַטען לאַנג שווער געאַרבייט, געליטען מאַנגעל, ניט געשלאָפען נעכט, ניט געגע־סען קיין וואַרעמעס וואָכענווייז לאַנג, אום דאָס קינד זאָל קריגען אַזאַ רייכען גאַרדעראָב...

מיט טרערען האָט די יונגע מוטער אָנגעטאָן איהר קינד אין די שעהנע, רייכע קליידער, מיט שטילע טרערען האָט זי איהר גאַנצע גאָב איינגעפּאַקט, מיט טרערען האָט זי געטראָגען איהר טייערען, ליעבען פּעקעל איבער די גאַסען... ענדליך האָט זי דאָס צום לעצטען מאָל צוגעדריקט צו איהר האַרץ, צוויי לעצטע טרערען האָבען זיך אַראָב־געקייקעלט אויפ׳ן ווייסען קישעלע און דאָס קינד איז געבליבען אַליין אויפ׳ן גאַס...

מיימי האָט געלעזען אין די צייטונגען אַלע טאָג גאַנצע בעריכ־טען פון איהר קינד. זי האָט געזעהן געדרוקט דאָס בילד פון איהר שעהנע טעכטעריל... זי האָט געוואוסט, דאָס מען ליעבט דאָס קינד, דאָס פיעל רייכע דאַמען געהען יעדער טאָג בעוואונדערען דעם קינד׳ס שעהנקייט... ענדליך האָבען איהר די צייטונגען געבראַכט די נאַכריכט, דאָס אַ רייכע דאַמע האָט איהר קינד אַדאָפּטירט. דיעזע נאַכריכט האָט זי ערפריישט און דערשראָקען. דאָס קינד האָט אַ היים, האָט מיימי געטראַכט, דאָס קינד וועט פיליכט אויך אַ מוטער האָבען, אָבער איך וועל מיין קינד שוין ניט האָבען, קיין מאָל ניט, קיין מאָל ניט!...

4.

די אינסטינקטען פון אַ מוטער האָבען זיך ערוועקט אין איהר צו־וואונדעטעם האַרץ. גאַנצע טעג האָט זי פערפּאָלגט נור איין גע־דאַנק: זעהן דאָס קינד... איין מאָל נור זעהן איהר קינד!... גע־גען איהר ווילען פלעגען איהר דיעזע געדאַנקען פיהרען איבער די גאַסען פון ניו יאָרק ביז זי פלעגט קומען צו אַ געוויסען פּאַלאַסט אויף דער „נ״ שטראַסע... דאָ פלעגט זי שטעהן שטונדען ווייז און וואַר־טען... אריינקוקען אין די אָפענע פענסטער, צוהערען זיך...

מיט אַ ציטערענדיגער האַנד האָט מיימי אָנגעקלונגען ביי דער אויסערער טהיר. אַליין די ווירטהין האָט איהר געעפענט, מיימי האָט דערזעהן געגען זיך די מוטער פון איהר קינד...

— וואָס פערלאַנגט איהר? האָט געפרעגט די רייך געקליידעטע מאַדאַם

— איך זוך אַ פּלאַץ... איך וויל זיין אַ דיענסט אין אייער הויז...

— עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ ביי מיר אין הויז, האָט די מאַדאַם געענטפערט בייז און שטאָלץ, אָבער זי האָט באַלד איבערגעביטען איהר טאָן און האָט מיט אַ דערשראָקענער שטימע געפרעגט: וואָס איז אייך?... איהר זייט אַזוי בלאַס?...

מיימי איז קוים געשטאַנען אויף איהרע פיס...

— איהר האָט מיט איינינע מאָנאַטען צוריק אַדאָפּטירט אַ קינד.... האָט געזאָגט מיימי מיט אַ ציטערענדיגער שטימע, איך בעט אייך... ערלויבט מיר איין אויגענבליק... נור איין אויגענבליק!...

— ווי וואַגט איהר? האָט די רייכע דאַמע אַ געשריי געטאָן; זי האָט אָבער באַלד פערשטאַנען ווער די אונגליקליכע יונגע פרוי איז, און האָט שטיל געפרעגט: וואָס? איהר פערלאַנגט...

— ניין! איך וואַג ניט! איך פערלאַנג קיין זאַך ניט! ערבאַרעמט אייך איבער מיר, האָט מיטלייד, ערלויבט מיר נור איין אויגענבליק.. נור איין אויגענבליק... און דאַן אויף אייביג, אויף אייביג...

ביידע פרויען זיינען געשטאַנען לאַנג איינע געגען דער אַנדערער און האָבען געשוויגען, ביידענס אויגען זיינען געווען פול מיט טרע־רען...

5.

דאָס קינד האָט געשלאָפען אין אַ רייכע בעטעלע... מיימי איז צוגעגאַנגען שטיל. איינינע מינוטען איז זי געשטאַנען און האָט בע־טראַכט איהר קינד, דאַן האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע און האָט זיך צוגעבויגען צום קינד... אַ גרויסע טרער איז אַראָבגעפאַלען אויפ'ן קינדס ווייסע הענטעלע... ווי רופט מען זי? האָט זי קוים אויסגערעדט.

— עלעאָנאָרא!... עלעאָ!... האָט מיימי געוואָלט זאָגען און האָט ניט געקענט. טרערען האָבען זי געשטיקט. זי האָט זיך צוגעבויגען נאָך ניעדעריגער און איז געבליבען ווי אַ פערשטיינערטע... אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן, כאַפּען דאָס קינד און לויפען... וואָהין? אין אַ

פינסטערען טענעמענט הויז?... ליידען הונגער, נויטה, שאַנדע... און דאָ איז אַזוי געווען, רייך... זי האָט אָבגעווישט שנעל איהרע טרערען, האָט צום לעצטען מאָל אַ קוש געטאָן איהר קינד און איז אויפגעשטאַנען... גוטע פרוי, דאַנקע!.. איהר זייט יעצט מיין קינדס מוטער... איהר האָט זי ליעב, אַ יאָ?... וויינט ניט! איך בין אויך גליקליך... איין אויגענבליק בין איך דאָך געווען איהר מוטער... אז דאָס דען ניט גענוג פאַר אַן אָרעמער פרוי? זייט געזונד, קינד... זייט גליקליך... מיר שיידען זיך אויף אייביג!... עלעאָנאָרע!...

און מיימי איז ארויסגעגאַנגען מיט שנעלע ענטשלאָסענע טריט... און די רייכע פרוי איז געשטאַנען געריהרט און פערוואונדערט, און דאָס קינד האָט געשלאָפען מיט אַ רוהיגען זאָרגלאָזען שלאָף.

אָהן אַ היים.

איהר זעהט זיי אויף דער בויערי אויף יעדען טריט און שריט.

איינינע פון זיי זיינען שכור, אנדערע צו ניכטער. איינינע מאַכען זיך הארץ און האלטען זיך מונטער, אנדערע געהן אום טרויעריגע, ני־דערגעשלאָגענע, פערטראכטע. ביי איינעם זיינען די פינגער ארויס־געשפרונגען פון די שטיוועל און ער טראָגט א סטאָוו פייפ. דער אנדע־רער טראָגט געלע שיך און האָט ניט קיין אונטער־וועש. איינינע זיצען ביי נאכט און דרעמלען אויף די טרעפ פון א פרעמדען סטופ, אנדערע בלאָנזשען אום א גאנצע נאכט, ווידער אנדערע קוויקען זיך מיט פרי־שע לופט וואו עס איז אין פארק. איהר זעהט זיי אויף דער בויערי אין פארק ראָו, וואָהין איהר קעהרט זיך און ווענדעט זיך, איהר זעהט זיי שכורע, שמוציגע, פון אלע פעראכטע, פון פאָליציי פערפאָלגטע, פון דער וועלט אָבגעריסענען, פון דער געזעלשאפט ארויסגעשטויסען; — איהר זעהט זיי הונגעריגע, נאַקעטע און באָרוועסע, פערלאָרענע, פרעכע, ניעדערגעשלאָגענע, אונגליקליכע, עלענדע פערמיאוסטע, איהר זעהט זיי און זיי מאכען אויף אייך קיין איינדרוק ניט. איהר זייט א „וויסענשאפטליכער" מענש און איהר ווייסט, אז עס איז א געזעצ־ליכער „קאָנסעקוועגטער" פראָדוקט פון דער סיסטעם. וואָס דאַרפט איהר נאָך? . . .

זיי מאכען אויף אייך קיין איינדרוק ניט, ווייל אייער אויג איז געוואָהנט צו זיי. זיי זיינען אן „אייגענשאַפט" פון דער גאס פונקט אזוי ווי א דיקער פאָליסמאן, א בארעל מיסט, א פרעכער אדווערטייז־מענט אן אָנגעפארבטע פראָסטיטוטקע, א צוסטראָיטע קוויטשענדיגע שארמאנקע. זיי מאכען אויף אייך קיין איינדרוק ניט, און איהר קענט אויף זיי אויך קיין איינדרוק ניט מאכען מיט א זיפץ פון א פילאנטראָפּ, מיט א בארבאן פון סאלוויישען ארמי, מיט א הללויה פון א צבועיאַק

און מיט א לכה דודי פון גערונגענעם מענשען פריינד... זיי הערען אייך אין דער לינקער פאה און געהען זיך מיט זייער וועג צו פינסטערניס, אַרמוטה און ווילדקייט.

ניין! אויפ'ן גאס, אויפ'ן רעגען און שנעע, אויף אַ בלאָטיגען סטופ אין אַ שמוציגען שיינק, אויף אַן איינזאַמע באַנק און פּאַרק, אין אַן אָפּענעם עקספּרעס לעבען אַ סטייבעל וועט ער שוין אויף אייך קיין איינדרוק ניט מאַכען. אָט איהר קוקט זיך צו בעסער צו איהם, ווען ער, מעהר אָדער וועניגער אַ גליקליכער, זיצט אין איינעם פון די „האָטעלען", וועלכע ציהען זיך פון קופּערס אינסטיטוט ביז'ן סיטי האָל,— ווען ער זיצט מיט אַ פּיפּקע אין די ליפּען, אָדער מיט טשו טאָבעקאָ אין מויל, מיט אַ ביליגע צייטונג אין האַנד, און מיט די פיס לעבען אַ גרויסען אייזערנעם אויוועז, אויב עס איז ווינטער, און מיט די די זעלבע פיס אויף אַן אָפּענעם פענסטער, אויב עס איז זומער... איהר קוקט זיך צו — דאָרט זיצט אַן אַלטעטשקער און רויכערט פּערטראַכט, אַ יונגער באַי דרעמעלט דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען פון ביינקעל, — קוקט זיך צו צו זיי און פרעגט: וואו איז זייער היים?.. און אייך וועט געווים אָנהויבען וועה טאָן דאָס האַרץ.

ווען איך פאָהר מיט'ן עלעווייטאָר פערביי דיעזע „האָטעלען" און זעה די „געסט" דאָרט דורכ'ן פענסטער פון וואַגאָן, מוטשעט מיך געגען מיין ווילען די פראַגע: „אַזוי פיעל מענשען דאָ... וואו איז זייער היים?... אַן אָרעמאַן, וועלכער וואָהנט אין איינגע שמוציגע רומקעלאָך האָט דאָך אַ ווינקעלע, וואו ער איז אין דער היים, וואו ער געפינט מענשליכע וואַרעמקייט, מיטלייד, פריינדשאַפט. נאָהענטע, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט איהם, וועלכע שטיצען זיין געזונדהייט און האָבען מורא פאר זיין טויט. אַ פערוואָגעלטער עמיגראַנט האָט אַ היים ערגיץ ווייט, וואָהין ער טראָגט זיך מיט זיינע געדאַנקען און פון וואַנען ער ערוואַרטעט פרייד און טרויסט. אַ באָרדער אין אַ פרעמדע הויז האָט גוטע פריינד, האָט אַ פאַמיליע מיט וועלכער ער איז געוואָהנט, האָט מענשען, וועלכע רעכענען איהם פאר אַן אייגענעם, האָט אַ צימערעל, וואו ער איז ווי אין דער היים. וואו איז די היים פון דיעזע טויזענדער מענשען, וועלכע זיינען דאָ איין נאַכטיגע געסט, וועלכע זיינען דאָ צווישען מענשן, מיט וועלכע זיי האָט צוזאַמען געבראַכט אַ צופאַל, וועלכע וועלען מאָרגען שפּאַצירען אויף

דער גאס א גאנצע נאכט, אָדער זיין געסט אין אן אנדער לאָדזשינג הויז? וואו איז זייער היים? וואו קענען זיי נעהמען די מענשליכע ווארעמע געפיהלען פון מיטלייד, פריינדשאפט, מיט־געפיהל, אָהן וועל־כע דעם מענשענס לעבען איז א פינסטערער, קאלטער קבר?

זיי האָבען ניט קיין היים! זיי בלאָנזען ארום איבער דער וועלט פרעמדע, עלענדע טוט איינעם פון זיי וועה — ווער וויים עס? איז ער קראנק — ווער עמען הארט עס? ער וועט אומגעהן א קראנקער, א צופוילטער, א צו־וויטאָגטער אזוי לאנג ביז ער וועט פאלען אין מיט'ן גאס און פרעמדע מענשען וועלען איהם אויפהויבען און אוועק פיהרען אין א האָספיטאל, וואו מע וועט איהם זעהר שלעכט און זעהר גראָב בעהאנדלען. ווט ער שטארבען — ווער וועט איהם שענקען איין טרער, ווער וועט פיהלען אז ער פעהלט, אז ער איז ניטאָ מעהר אויף דער וועלט? ווער וויים פון איהם, אז ער לעבט, און ווער וועט דענקען פון איהם, ווען ער וועט שטארבען?...

אזוי פיעל מענשען דאָ... אָהן א היים...

מיין אויבער־ראָק!

(אַ פּסיכאָלאָגישער עטיוד.)

1.

אין איין אויגענבליק האָט זיך שוין פערזאַמעלט אַ גאַנצע מענגע נייגעריגע אויפ'ן טראָטואַר אַנטקעגען אַ ביליגען „לאָדזשינג הויז" אויף דער בויערי. ערשט, דאַכט זיך זיינען אַלע געגאַנגען מיט אַ גערוועהנליכען טריט, יעצט לויפען זיי, צוימען איבער די גאַס און שפּרינגען איבער די רעלסען... מען ווייס ניט וואָס האָט פּאַסירט, נור איינער לויפט, לויפט דער אַנדערער, לויפען אַלע...

ביים לאָדזשינג הויז איז געשטאַנען אַ אידישער יונגער מאַן, זעהר אָרעם געקליידעט און מיט אַ קריינקליכען געזיכט און האָט מיט אַ וויינענדיגע שטימע גע'חזר'ט אָהן אַן אויפהער: „גיט מיר אָפּ מיין אויבער־ראָק!" „אוי גיט מיר אָב מיין אויבער־ראָק" די מוסקולען פון זיין געזיכט האָבען זיך ביי דיעזע ווערטער געצוקט פון שרעקליכע קאָנוואולסיען און זיינע ערשראָקענע אויגען האָבען געקוקט ווילד און פערצווייפעלט.

עס זיינען געוועזען בעווייזע, דאָס מען האָט איהם פון לאָנדזשינג הויז ארויסגעוואָרפען אָהן איבריגע צערעמאָניעס. עטליכע טראָפּענס בלוט אויף די האָר פון קאָפּ און אויפ'ן שטערן האָבען בעוויזען, דאָס ער האָט ערשט געקראָגען גוטע קלעפּ... און זיין אויסגעשמירטער זשאַקעט און הויזען האָבען געצייגט, דאָס מע האָט איהם געשלעפּט איבער די טרעפּ אראָפּ מיט רציחה... „גיט מיר אָב מיין אויבער־ראָק!... גיט מיר אָב מיין אויבער־ראָק!" האָט געשריען דער יונגער מאַן אַלץ מיט מעהר געוויין און פערצווייפלונג. געגען איהם איז געשטאַנען אַן איירישער בחור אָהן אַ ראָק אין אַ ווייסען פאַרטוך. די אַרבעל פון זיין העמד זיינען געוועזען פערקאַטשעט, צוויי געזונטע קולאַ־

קעם זיינען געווען צונויפגעדריקט, די אויגען האָבען געברענט מיט פייער, דער פנים אַנגעגאָסען מיט בלוט.

— וואָס איז געשעהן? — האָט געפרעגט איינער פון די נייע־געריגע.

— ער נעכטיגט דאָ ביי מיר אַ גאַנץ ווינטער און איז אימער שטיל... היינט אָבער האָט איינער פון די טרעמפּס צוגענומען זיין אויבער־ראָק, אַן אַלטע אויסגעריבענע שמאַטע, וועלכע איז ניט ווערטה קיין סענט... איך גיב איהם צוויי דאָלאַר, ער זאָל נור קיין סקאַנדאַל ניט מאַכען... און ער... גאַד ד...

ביי דיעזע ווערטער האָט דער איירישער גלח ארויסגעשלעפּט פון זיין הויזען־קעשענע צוויי דאָלאַר־בילס און האָט בייז אויסגעשריען: נאַ! נעהם! און געה צום טייוועל!

דער יונגער מאַן, וועלכער איז אויף אַ מינוט אנשוויגען געוואָרען און האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, וואָס מען רעדט — האָט פּלוצלינג נאָך העכער און נאָך מיט אַ גרעסערען יאָמער אָנגעהויבען קלאָגען: אָי! גיט מיר אָב מיין אויבער־ראָק! מיין אויבער־ראָק גיט מיר אָב! מיין אויבער־ראָק!"...

די רייהען פון די נייגעריגע זיינען געוואָרען געדיכטער. אַלע האָבען סימפּאַטיזירט מיט'ן בעל הגוף פון לאָדזשינג־הויז און האָבען געלאַכט פון דעם משוגענעם נאַרר, וועלכער וויל ניט נעהמען קיין צוויי דאָלאַר פאַר אַן אַלטע שמאַטע... צווישען די נייגעריגע איז געווען אַ „סטאַר" פון אַ אידישען טהעאַטער. ער איז צוגעגאַנגען צום יונגען מאַן און האָט מיט איהם גענומען רעדען אידיש...

— איז דען דער אויבערראָק געווען זעהר אַ טייערער?

— ניין, זעהר אַן אַלטער... איך האָב איהם נאָך מיט צוויי יאָהר צוריק געקויפט אין לאָנדאָן אַ סעקאָנד הענדיגען...

— נו, פאַר וואָס נעהמט איהר ניט די צוויי דאָלאַר?

ביי דיעזע ווערטער האָט דער יונגער מאַן מיט אַ נייעם געשריי און געוויין: מיין אויבער־רראָק! גיט מיר אָב מיין אויבער־ראָק!...

— ווייסט איהר וואָס, האָט געזאָגט דער סטאַר, קומט, איך וועל אייך שיינקען מיינעם אַ פּאַלטאָ, כמעט נאָך גאָר אַ נייעם...

— ניין! ניין! מיין אויבער־ראָק! מיין אויבער־ראָק!

— קומט, איך וועל אייך קויפען אין סטאָר אַ נייעם פּאַלטאָ!..

— מיין אויבער־ראָק! מיין אויבער־ראָק!..

— הי איז קרייזי, האָט איינער אַ געשריי געטאָן, ווען מע האָט איבערגעזעצט אין ענגליש, וואָס דער מאַן מיט׳ן סטאָוו פּייפּ האָט געזאָגט.

— פּאָרט פון דאַנען! האָט אַ געשריי געטאָן דער איירישער מיט אַ שרעקליכען צאָרן, און האָט אָנגעהויבען שטויסען דעם פערוויינטען יונגען מאַן...

— ניין! ניין! מיין אויבער־ראָק! גיט מיר אָב מיין אויבער־ראָק! דערויף האָט דער איירישער געענטפערט מיט אַ שטאַרקען זעץ אין אויג אריין....

—מיין אויבער־ראָק! האָט געשריען דער יונגער מאַן און אויף זיין קאָפּ האָבען זיך געשאָטען פייערדיגע קלעפּ, בלוט האָט זיך געגאָסען פון נאָז און פון זיין אויער. ער איז שוין פיעל מאָל געוועזן געשליידערט צו דער ערד, אָבער ער פלעגט זיך באַלד אויפכאַפּען און שרייען דאָס אייגענע: מיין אויבער־ראָק! מיין אויבער־ראָק!

צוויי פּאָליציסטען האָבען איהם מיט גרויס מיה געקענט אריינזעצען אין פּאַטרול וואָגען... זיין שטימע איז שוין געוועזן הייזעריג און ער האָט נאָך אימער געשריען דאָס זעלבע: מיין אויבער־ראָק! מיין אויבער־ראָק!...

אין סטיישאָן הויז איז אויף איהם פּלוצלונג אָנגעפאַלען אַ ווילדע משוגעת. זיין פערצווייפעלטען געשריי האָבען כמעט אַ גאַנצע נאַכט געהערט די שכנים ארום. ער האָט געקלאַפּט אין טהיר מיט די פיס און די הענד און געפאָדערט זיין אויבער־ראָק אונבעדינגט. די געזונדע אָרדנונג מחבלים זיינען ארויס פון די כלים, האָבען איהם גע׳הרג׳עט מכת רצח און געבונדען מיט שטריק. פאַרטאָג איז ער ענדליך מיעד און שטיל געוואָרען און זיינע ליפּען האָבען נור געשעפּטשעט: מיין אויבער־ראָק! מיין אויבער־ראָק!...

אויף אַלע פראַגען אין פּאָלים קאָורט האָט ער געענטפערט מיט אַ געוויין און געבעט, מען זאָל איהם אָבגעבען זיין אויבער־ראָק און אין בעלוויו האָספּיטאַל האָט מען פון איהם געהערט נור צוויי ווערטער, וועלכע ער האָט קוים אויסגערעדט מיט זיין שוואַכער שטימע: מיין אויבער־ראָק!

2.

אין דער היים האָט ער געהאַט אַ מאַמען, שוועסטער, קלענערע ברידער, דאָ אין ניו יאָרק איז ער געווען פרעמד און עלענד. די אָרעמע מאַמע נעביך האָט געוויינט און האָט איהם געבעטען, ער זאָל בלייבען אין דער היים, ווער אָבער פאָלגט עס אַ מאַמען? אַ זעכצעהן־יעהריגער אינגעל אָהן געלד, אָהן קענטניס, אָהן אַ געוואָהנהייט צו אַרבייטען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ווייטער וועלט צוויי יאָהר האָט ער זיך אומגעוואָלגערט אין לאָנדאָן און דריי יאָהר אין ניו יאָרק.

ער האָט געליטען קעלט און הונגער, נויט און מאַנגעל, געלעגען עטליכע מאָל אין האָספּיטאַל, גענעכטיגט אָפט אויף אַן עקספּרעס, אומגעגאַנגען וואָכען לאַנג אָהן אַרבייט ער איז געווען אַ קעלנער, האָט זיך געלערנט שערען ביי אַ באַרבער, געלערענט אַ מלאכה אין באָראָן דע הירש טרייד סקוהל און איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגען און שווערען קורס...

ער האָט ענדליך בעשלאָסען אומקעהרען זיך צוריק צו דער מאַמען און צו די פריינדע, אָבער ער האָט געוואָלט קומען אהיים אונבעדינגט מיט געלד...

אַ גאַנץ ווינטער האָט ער געאַרבייט אַלס אַ פייערמאַן אין אַ גרויסער פאַבריק... פון זעקס פאַר נאַכט האָט ער זיך געבראָטען ביים גרויסען קעסעל, האָט געשלעפּט אויף זיך בערג מיט קוילען, געטראָגען גאַנצע בערג מיט אַש, אָבער זיין האָפנונג איז געווען אויף פסח צו קומען אהיים... קומען מיט אַ גאַנצען פּאַק דאָלאַרס... דער מאַמען די ברידער, די שוועסטער — אַלעמען בריינגען פּרעזענטען... די גאַנצע שטעדטעל וועט זיך צונויף לויפען קוקען אויף יאָסעל ביינעס... אַוועק פון דער היים אַ אינגעל און געקומען אַ מענש מיט געלט... דער אַלטער מאַמעס אויגען זיינען פול מיט פרייד און שטאָלץ, און ער וועט נאָך אַזאַ לאַנגען וואַנדלען ענדליך אויפהערען זיין נע ונד...

ער האָט זעהר געשפּאָרט, האָט זיך גענעהרט זעהר שלעכט, האָט אַ גאַנץ ווינטער גענעכטיגט אין אַ ביליגען און שמוציגען לאָדזשינגהויז און פלעגט יעדע וואָך איינגעהן אין פּאָלטאָ אונטער'ן בוזעםקעשענע עטליכע דאָלאַר... וויפיעל ער האָט שוין געהאַט ווייס מען ניט, נור עס איז אַ סברא, אַז ער האָט געהאַט הונדערט זעקס און

צוואַנציג דאָלאַר, וואָרום די וועכטערין אין בעלוויו האָספּיטאַל, וועלכע איז געשטאַנען לעבען איהם ווען זיינע ערשראָקענע אויגען האָבען זיך צוגעמאַכט אויף אויביג, האָט געהערט ווי זיינע בלאַסע ליפּען האָבען אַמאָל אויסגעשעפּטשעט: הונד־ער־ט... ז־ע־קס און צוואַנ...צי־ג...

איז ער ווירקליך געשטאָרבען פון נערוועז פיבער, ווי עס איז פער־שריבען אין די ביכער פון בעלוויו האָספּיטאַל, אָדער פון די גרויזאַמע קלעפּ — דאָס איז אַ געהיימניס, וועלכע איז בעגראָבען צוזאַמען מיט'ן אונגליקליכען אין „פּאָטער פיעלד". ער איז געלעגען די גאַנצע צייט אין אַ צושטאַנד פון בעוואוסטלאָזיגקייט, נור איין אויגענבליק פאַר זיין טויט, האָט ער געעפענט זיינע גרויסע אויגען און האָט אָנגעהויבען קוקען אין דער ווייט... עס קען זיין, ער האָט געזעהען זיין היים, זיין מאַמען, זיינע פריינד... זיין שווערער קאָפּ האָט זיך אַראָבגע־גליטשט פון קישען און זיינע ליפּען האָבען שטיל געשעפּטשעט: מיין אויבער־ראָק...

איין מענש און ארום זיינען שטיינער.

(סילועט.)

.1

א גרויסער הויף שטעהט ארומגעצוימט מיט א הויכען פארקען. גאנצע יארוסען מיט שטיינער ציהען זיך אין אלע זייטען — דא וועט באלד ערשיינען א פאלאסט פון א מיליאנער. די שטיינער ווארטען מיט געדולד ווען וועלען קומען אהער ארבייטער מיט העק, מיט האמערען, מיט גראב־אייזענס און ארום זיי וועט זיך אויפהויבען א געפילדער, א געשריי, א ליארעם. דערווייל איז דא שטיל, דער הויף דרעמעלט, די שטיינער שוויגען און ניט ווייט רוישען שווער אנגעלאדענע וואגענס, קארס לויפען אום אהין און אהער. טויזענדער מענשען געהן אום פערטראגענע, קינדערשע שטימען הילכען אין דער לופט — די גרויסע שטאדט שטורעמט און ברויזט.

ניט די שטיינער אליין שוויגען דא; אין א טיעפע הייל, צווישען צוויי גרויסע שטיינער זיצט דא צוזאמענגעבויגען א מענש און שוויגט, ווי די טויטע שכנים ארום איהם. ער שוויגט — זיינע ליפען האבען זיך פערשלאסען אויף אייביג, זיין גרויער קאפ איז אבגעשפארט אן א הארטען שטיין... זיין אויסגעדארטער, אויסגעטרוקענטער קערפער איז קאלט ווי זיין געלעגער און אויף זיינע ליפען איז פערגליווערט געווארען א גוטער צופריעדענער שמייכעלע. מיט דיעזען גוטען שמייכעל האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה און איז אנשוויגען געווארען אויף אייביג... גאר נישט אונגעוועהנליכעס האט דא פאסירט, אן אלטער עלענדער מענש איז דא געשטארבען צווישען די שטיינער... ער איז אויסגעגאנגען אין דער שטיל פון הונגער און לעבען איהם ליגט א ביבעל אין וועלכען מיט א בליישטיפט זיינען אונטער געצייכענט די ווערטער:

„ברוך ד׳ יום יום יעמוס לנו" געלויבט איז דער גאָט, וואָס זאָרגט פאַר אונז טאָג טעגליך.

זיין גאַנצער לעבען איז געווען אַ גוטער שמייכעלע, זיין טוּ ט — אַ שטילער זיפץ ווי ער האָט געלעבט און ווי ער איז געשטאָרבען איז ווערט צו דערצעהלען.

.2

ער איז געווען אַ גוטער. פיעלע עולות האָבען מענשען איהם געטאָן — ער האָט אין זיי לעבען קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. זיין ליעבענדעס הארץ האָט געטראָגען ליעבע צו יעדען מענשען, צו יעדער בעשעפעניס. איהם האָבען געליעבט מענשען, איהם האָבען געליעבט קינדער, הויז־טירען האָבען זיך צו איהם געלאַסטשעט, שטילע טויבען פלעגען פאַר איהם זיך ניט שרעקען. ער איז אליין געווען שטיל ווי אַ טויב און נאאיוו ווי אַ קינד. וואו קען אזא מענש שטאַרבען אין אונזערע צייטען ווען ניט צווישען קאַלטע שטיינער, אליין, אין דער פרעמד ?...

און ער איז געשטאָרבען צווישען קאַלטע שטיינער אין אַ פרעמדען הויף אין אַ קאַלטע דונקעלע נאַכט... קיין ליעבענדע האַנד האָט ניט צוגעמאַכט זיינע שוואַכע אויגען, ווען ער איז געגאַנגען איינשלאָפען מיט׳ן אויביגען שלאָף. קיינע גוטע פריינד זיינען ניט געקומען אין דער לעצטער מינוט אויסצודריקען איהם זייער מיטגעפיהל, אָן אָרעמאַן האָט קיין גוטע פריינד ניט. נור די שטערענדלעך פונ׳ם בלויען הימעל האָבען צו איהם פריינדליך געווינקט, די שטיינער האָבען פון זייער שאָטען געמאַכט איהם אַ שוואַרצען פרעכטיגען טרויער־מאַנטעל און ער האָט געשמייכעלט און האָט שטיל געשעפּטשעט: „איך דאַנק דיר, גוטער גאָט! דו זאָרגסט פאַר מיר און איך בין גאַנץ צופריעדען".

ער האָט געליטען, האָט זיך געפּלאָגט, מענשען האָבען איהם בעלעדיגט, זיינע אייגענע קינדער האָבען איהם פערלאָזען. זיינע פריינד האָבען זיך פון איהם אָבגעווענדעט ווען ער איז געוואָרען אַלט און צו קיין ארבייט ניט נוצליך, און ער איז געווען צופריעדען. ער האָט געהונגערט צוויי און דריי טעג און איז געווען צופריעדען. ער האָט געלע־

זען זיין ביבעל און האָט געזאָגט: „איך דאַנק דיר גאָט, וואָס דו פּערזאָרגסט דעם מענשען טאָג טעגליך".

ער האָט אויך אַ מאָל געוואוסט פון גוטע טעג און גליקליכע מינוטען. ער האָט געהאַט קינדער, וועלכע זיינען געווען זיין פריינד און זיין נחת. ער האָט געהאַט אַ פרוי — זיין פריינד און זיין געזעל... די גוטע אַלטעטשקע איז שוין לאַנג געשטאָרבען, די קינדער האָבען זיך צוזייט און צושפּרייט איבער דער וועלט; און ער, אַן אַלטער, אַ שוואַכער, אַ פרעמדער, אַן עלענדער איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט ניו יאָרק, מיט עטליכע גראָשען אין קעשענע און מיט אַן אַלטען ביבעל אונטערן אָרעם, „ניש קשה" האָט ער געטראַכט „אין ניו יאָרק לעבען אַזוי פיעל מענשען. טויזענדער מענשען, הונדערטער טויזענדער מענשען און איין מענש צווישען זיי וועט געוויס ניט פערפאַלען ווערען" ער האָט ווירקליך געפונען זעהר פיעל מענשען אין ניו יאָרק און איז געשטאָרבען צווישען שטיינער. ער האָט געזעהן אַ סך פּאַלאַסטען, פיעל מאַרמעלשטיין געביידען און איז געשלאָפען אין אַ הייל פון האַרטען גראַניט.

3.

אַזוי ווי אַ שטורעמדיגער ים האָט געראַוישט ניו יאָרק אַרום איהם. ער האָט געזעהן בערג מיט רייכטהימער. גאַנצע אוצרות פון טייערע סחורות, פערבטיגע רעסטאָראַנען מיט פיעל גוטע שפּייזען און ער האָט בעוואונדערט גאָט'ס גרויסע ווערק און האָט געהונגערט.

אַרום איהם זיינען אַרום געגאַנגען טויזענדער מענשען, זיי האָבען געשריען, געפּילדערט, געלאַכט, געקריעגט זיך און ער האָט אומגעבלאָנזעט צווישען זיי, האָט זיי בעטראַכט מיט זיין גוטען בליק און האָט געשוויגען. נע ונד איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען און ווי גרויס איז געווען זיין דאַנקבאַרקייט צו זיין גוטען גאָט, ווען ער האָט געפונען אַ לעערען הויף מיט אַזוי פיעל שטיינער, וואו ער האָט געקענט אַ נידער לעגען זיינע אַלטע ביינער אין די שפּעטע שטונדען פון דער נאַכט און וואו ער האָט געקענט לעזען זיין ביבעל אין די ערשטע שטונדען פון פריה-מאָרגען! „געלויבט ביסט דו, גאָט און געלויבט איז דיין נאָמען", האָט ער געשעפּטשעט מיט פרייד און צופריעדענהייט.

ער איז געווען זעהר אָרעם געקליידעט און דאָך האָט ער אויסגע־זעהען אַזוי ערווירדיג, דאָס קיינער האָט איהם ניט גערעכענט פאַר אַ בעטלער. ער איז אויסגעגאַנגען פון הונגער און דאָך האָט ער ניט גע־וואָלט בעטען. זיין פערטראַכטער שטילער בליק און זיין בלאָס געזיכט האָבען דאָך אָפט געשראָקען די זאַטע מענשען און זיי פלעגען איהם געבען עטליכע סענט. אין אַזאַ גליקליכען טאָג פלעגט ער מיט זיין ציטערענד האַנד שרייבען אויף איינע פון די בלעטלעך פון זיין ביבעל: „היינט, דעם 3־טען אַפּריל, האָט מיר דער גוטער גאָט צוגעשיקט פינף סענט. איך האָב גענעסען גענוג ברויט און האָב נאָך פערביסען מיט אַ באַנאַן".

עפּטער אבער פלעגט ער מיט זיין בליישטיפט שרייבען: „היינט האָט מיר דער גוטער גאָט גאָר ניט געגעבען. אָבער דאָך געלויבט זאָל ער זיין און געבענשט זאָל זיין זיין נאָמען... עס מאַכט ניט אויס, איך זאָל נור קענען איינשלאָפען..."

זיין גוטער גאָט האָט איהם ענדליך געהאָלפען איינצושלאָפען מיט אַ גוטען, רוהיגען, שטאַרקען שלאָף. ער האָט געפיהלט דאָס די לעצטע מינוטען קומען און ער איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן די שטיי־נער און האָט מיט זיין שוואַכער שטימע געלויבט דעם גוטען גאָט, וואָס האָט איהם געגעבען אַזאַ גוטען לעבען און אַזאַ גרינגען טויט. עס איז געווען שפּעט... ער האָט געהערט, ווי פון ווייטען קלינגען די גלעק־לעך פון אַ קאַר, אַ פריילּיכע קאָמפּאַניע געהט פון ערגעץ און זינגט, יונגע באַיעס מאַרשירען און פייפען אויס מיט די ליפּען אַ פריילּיכען מאַרש און ער האָט צום לעצטען מאָל אַ קוק געטאָן אויף די קאַלטע, שטומע שטיינער און האָט צוגעשלאָסען זיינע אויגען...

„אַסטאָר׳ס טרעמפּ״.

(ניו יאָרקער סילועט.)

רופען זיך מיט׳ן נאָמען „אַסטאָרס טרעמפּ״ — איז טאַקע זעהר א גרויס גליק, אָבער ער איז געווען פריהער אויך זעהר פּראָמינענט. פון סטיעוו בראָדיעס „עסטאַבלישמענט״ ביז די לעצטע ביינק פון סיטי־האָל פּארק איז ער געווען בעריהמט און בעוואוסט ניט ווייניגער ווי אַסטאָר אליין. „דזשאָהן דזשינגעל״ איז געווען א אינטימער פריינד, ניט נור פון אַלע די, וואָס זיינען געהערט און געאַכטעט אויף דער בויערי, נור אויך פון די אַלע אריסטאָקראַטען, וואָס האָבען א געוואָהנהייט צו דרעמלען אונטער די אַלטע בוימער פון סיטי האָל פּארק און טרוימען פון א גוטען מאָהלצייט און פון א געשמאַקע ביסעל וויסקי.

דזשאָהן דזשינגעל האָט מען איהם גערופען, ווייל ער איז שטענדיג געווען לעבעדיג און קלינגענדיג, ווי א גלעקעל. זיינע וויצען, זיינע אונשולדיגע טריקס, זיינע זעלטענע וויצען זיינען געווען אַנערקענט פון אַלע אונפּאַרטייאישע קריטיקער. ער איז געווען זאָרגלאָז, ווי א פויגעל, וואָס וויל אפילו קיין אייגענעם נעסט ניט האָבען; איז געווען רייך, ווי דער דלות אליין, לוסטיג, ווי דאָס לעבען, פריילּיך, ווי דאָס גליקליכסטע בעשעפענים אין דער וועלט. זיין וועלט, וועלכע האָט זיך געצויגען פון סטיעוו בראָדיעס ביז סיטי האָל, איז געווען א ריכטיגער גן עדן. און זיינע קליידער זיינען געווען כמעט די זעלבע, וואָס אדם הראשון האָט געטראָגען נאָך דער געשיכטע מיט דעם עפּעל פון עץ הדעת. אַלעס איז אין איהם געווען פּרימיטיוו, נור זיין הערליכער נאָז האָט שוין געשפּראָכען פון א שפּעטערער פּעריאָדע פון דער געשיכטע, — זיין נאָז איז געווען רויט ווי דעם פעטער נח׳ס נאָז נאָכ׳ן מבול.

— העללאָ! דזשאָן דזשינגעל! פלעגען איהם שרייען די קינדער

אין גאַס. העללאָ דזשאָהן דזשינגעל! פלעגען איהם צורופען די ניוס־פייפער־באָיס. העללאָ, דזשאָהן דזשינגעל! פלעגט איהם בעגריסען מיט אַ שמייכעלע, אליין דער פּאָליסמאַן. אָ! העללאָ, דזשאָהן דזשינגעל! פלעגען איהם פריינדליך זאָגען די באַר קיפּערס פון אַלע „עסטאַבלישמענטען"... איז ער געגאַנגען מיט'ן גאַס און האָט דערזעהן קליינע קינדער, פלעגט זיין געזיכט באַלד אָנהויבען שיינען, ווי די זונן אין מאָנאַט מאַי. צו איינעם פלעגט ער געבען אַ קנאַק מיט'ן צונג, אַקוראַט ווי אַ קאָרקע פליהט ארוים פון אַ פלאַש. צום צווייטען אַ וואונק מיט זיין גרויסער וואָנציע... דעם דריטען געגעבען אַ סענט, אויב ער האָט נור געהאַט. (דאָס פלעגט זיך טרעפען זעהר זעלטען.) דער פּאָליסמאַן האָט צו איהם גאָר ניט געהאַט, וויל דזשאָהן דזשינגעל האָט געלעבט בשלום מיט דער „דזשאַסטיס", האָט זינד ער לעבט ניט דיסקוטירט מיט אַ נאָכשלימעל געגען פּריוואַט אייגענטהום און האָט פיינד געהאַט צו פייטען... מע פלעגט איהם טאַקע אָפט זעהן מיט בלויע לאַנטער־נעם אונטער די אויגען אָדער מיט אַ „גערעמעדזשטען" נאָז, אָבער דאָס פלעגען איהם די קאַמעראַדען מכבד זיין ניט געבעטענערהייט. ער פלעגט ניט בייז ווערען פאַר אַזעלכע נאַרישקייטען, מיט אַ גוטען געלעכטער פלעגט ער זאָגען: באַיעס, זאָל זיין גענוג! און פלעגט אָנהויבען זינגען אַן אַלטע איירישע ליעדעלע... נו, דאַרף מען אייך דערצעהלען, אַז ביי דער באַר איז ער שטענדיג געווען אַ געווינשטער גאַסט?... ער פלעגט אוועק געהן אויף אַ טאָג אויף צוויי, אַריבער שלעפען אויף די פּלייצעס אַ צעהן טאָן קוילען און דאָס געלד גלייך צו דער באַר... דאָס געלט איז סיי ווי סיי געווען איבריג — ער האָט גאָר נישט ניט געהאַט און האָט גאָר נישט געדאַרפט...

פון עסען און טרינקען האָט דזשאָהן דזשינגעל זעהר ווייניג געהאַלטען — ער איז געווען אַן איבערצייגטער אַנטי־פּראָהיבישיאָניסט. ער האָט קיין מאָל ניט געלעזען די פּאַריזער מאָדע זשורנאַלען און איהם האָט ניט געאַרט אַז זיינע תחתונים זיינען געווען צוריסען פּונקט דאָרט, וואו זיי האָבען אונבעדינגט געדאַרפט גאַנץ זיין. וועש האָט ער ניט געהאַט קיין געוואָהנהייט צו בייטען, וויל ער האָט גערעכענט אַלע כינעזער פאַר זעהר אונציוויליזירטע מענשען און האָט געווייכט פון זייערע לאָנדריס, ווי אַ הונט ווייכט פון פּסוק: „לא יחרץ". איהר זעהט אליין אַז ער איז געווען מיט אַלעם בעזאָרגט ניט ערגער פון

אַסטאָרען אַליין... קיין אייגענע ווילאַ, וואו צו שלאָפען... אָבער, ווייס איך, אַ גרויסע דאגה! איז דען פאר איהם ווינטער ניט געווען יעדער עקספרעס אַ וואַרעמער פּאַלאַסט!... אין זומער, ווען די בלויע הימלען זיינען אַזוי ווייך און גלאַט, ווי אַ טייערע סאַמעטענע קאָלדרע, ווען שטערענדלעך בלישצען אַקוראַט ווי עלעקטרישע נאַכט-לעמפּעלעך אין דער אַלטער מיליאָנערקעס בודואַר, ווען די וואַסערען געבען אַ ווינ-קעל ערגיץ אויף די דאָקס רוישען אַזוי זיס און אַזוי שלעפעריג, אָדער ווען די צווייגענדיגע בוימער אויפ'ן פּאַרק זיינען אַזוי טרוימעריש און אַזוי דרעמלענדיג, איידער דער פּאָליסמען קומט מיט'ן קלאָב, — דאַרף ער זומער האָבען נאָך אַ בעסערען, בעקוועמערען, און רייכערען שלאָפ-צימער? לאַנג, לאַנג, וואָלט געקענט לעבען דער גליקליכער, צופריע-דענער,אייזען-שטאַרקער, געזונטער דזשאָהן דזשינגעל. ער האָט אָבער ליעב געהאַט צו טרינקען און האָט דערפאר בעצאָהלט מיט זיין לע-בען.

דזשאָהן דזשינגעל איז געשטאַנען מיט זיינע קאַמעראַדען ביי דער באַר. ער איז געווען פריילאַך, לעבעדיג, וויציג... ער האָט היינט גע-האַט געלד און האָט געמאַכט זעהר אַ גוטען קידוש. ער האָט געלאַכט פון גאַנצען האַרצען, געשפּייט איבער דער לופט מיט אַ בעזאָנדערע ענערגיע און האָט געשריען: „גאַד דעם...", „דזשיזעס קרייסט!" טויזענד מאָל מעהר ווי געוועהנליך. פּלוצלונג האָט ביי איהם אין מוח אַ בלישצע געטאָן אַן אונגעוועהנליכער געדאַנק. ער האָט זיך אַנידער געשטעלט אין מיטען סאַלון אין אַ פּאָזע פון אַ „היסטאָרישען העלד", האָט געמאַכט מיט'ן האַנד אַ קלאַסישען זשעסט און האָט אַ געשריי געטאָן: „באָיעס, שטיל!" עס איז שטיל געוואָרען.

— איהר ווייסט, וואו איך וועל היינט נעכטיגען? חאַ! חאַ! חאַ!... איך וועל היינט שלאָפען ביי דער אַלטער מיסיס אסטאָר אין בעט, אויף דער פינפטער עוועניו..."

אַלע האָבען געמיינט עס איז בלויז אַ וויץ און האָבען דזשאהן דזשינגלען אַ טובה געטאָן און האָבען זיך צולאַכט...

— „לאַכט ניט! האָט דזשאהן דזשינגעל גאַנץ ערנסט געזאָגט. איך מאַך קיין שפּאַס ניט. היינט שלאָף איך ביי אסטארשען אין בעט... איהר וועט עס הערען, איהר וועט עס לעזען אין די צייטונגען!.."

אונגלויביגע האָבען געפייפט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַנדע-

רע האָבען זיך מיט איהם אונמיסטען געדרייצט און געזאָגט, אז ער וועט ניט אויספיהרען, ווידער אַנדערע האָבען געלאַכט פון איהם. דזשאהן דזשינגעל האָט שטאָלץ אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט געזאָגט מיט אַ מינע פון אַ הערצאָג: „גוד נייט באָיס! און האָט פערלאָזט זיינע קאַמעראַדען.

דזשאָהן דזשינגעל האָט געהאַלטען וואָרט: ער איז אריינגעקראָכען אין אַסטאָר'ס פּעדערען. ער האָט זיך צוגעלייגט אויף די טייערע בעט פון פּימסען האָלץ, ווי ביי זיין טאַטען אין וויין הויז... מע האָט איהם געפונען... מען האָט פריהער געוואָלט מאַכען פון איהם אַן אַטענטער, וועלכער האָט געבראַכט באָמבעס אין „זייער מאַיעסטעטס" בעד רום, — נאָך דעם האָט מען איהם געוואָלט מאַכען פאַר אַ רויבער, וועלכער איז געקומען בע'גנב'ענען די, אויף וועלכע עס רוהט די ברכה פון גאָט, — דזשאהן דזשינגעל האָט איבערצייגט, אַז ער איז ניט קיין גנב און ניט קיין באָמבען־וואַרפער — ער האָט נור אַ געוואָהנהייט צו לאַכען פון מיליאָנערען...

ארעמער דזשאהן דזשינגעל! די מיליאָנערען האָבען פיינט שפּאַס... ער האָט איבערגעשראָקען און בעאונרוהיגט דעם אַמעריקאַנער „מאָנאַרך" אויף איין אויגענבליק און דאַרף דערפאַר בעצאָהלען מיט זיין לעבען. איין מינוט איז ער געלעגען אין אַסטאָר'ס בעט און איז שוין אויף אייביג אַסטאָר'ס טרעמפּ... ער האָט צוגענומען ביי איהם זיין לעבען, זיין פרייהייט, זיין נאָמען.

דזשאהן דזשינגעל האָט געלאַכט, ווען דער ריכטער האָט איהם געשיקט אויף עטליכע טעג אין געפענגנים.. ער האָט דערצעהלט אַנעקדאָטען, האָט געזונגען ליעדעלעך און איז געווען גליקליך. האָט ער ניט אָבגעשפּילט דעם בעסטען טריק?... די מאַכט פון קאַפּיטאַל האָט אָבער מיט איהם אַ בעסערען טריק אָבגעשפּילט... ווי מען האָט איהם ארויסגעלאָזט פון געפענגניס, איז ער באַלד ווידער ארעסטירט געוואָרען, מען האָט איהם ווידער אַנידערגעשטעלט מיט'ן געזיכט געגען דער „אונפּארטייאישער" דזשאָסטיס און ווידער פערשפּאַרט אונטער אייזערנע גראַטעס. דאָ האָט דזשאהן דזשינגעל דערפיהלט, אַז עס געהט עפּעס ניט אַזוי ווי עס געהער צו זיין... ער האָט אָנגעהויבען צו בענקען נאָך זיין סיטי האָל פּאַרק, גלייך ווי דאָס הארץ

האָט איהם געזאָגט, דאָס ער וועט שוין דאָרט קיין מאָל ניט זיצען...
ער איז געוואָרען שטיל און אונמוטהיג...

אַסטאָר'ס טרעמפּ האָט ניט געהערט מעהר צו די פריילי‏כע גאַסען פון ניו יאָרק, ער האָט ניט בעלאַנגט מעהר צו זיינע אינטימע פריינד, — אַסטאָר איז געוואָרען זיין אייגענטהימער. ער האָט קיין מאָל ניט געזעהן מעהר די וואַסערן פון די טייכען, די פריילי‏כע פּנים'ער פון די ניו באָיס, ער האָט ניט געהערט מעהר די בעגריסונג: „העללאָ, דזשאָהן דזשינגעל!"... ער האָט נור געזעהן פרעמדע אונפריינדליכע געזיכטער פון זיינע „דזשיילערס" און האָט געהערט דעם קלאַנג פון קעטען און שליסלען...

פון די „טומס" האָט מען „אַסטאָרס טרעמפּ" אַוועקגעפיהרט אין דול־הויז. קריכען אין אַסטאָר'ס בעט איז אַזאַ משוגעת, וואָס עס קען ניט אויסגעהיילט ווערען און מע האָט דזשאָהן דזשינגעלן אָנגעטאָן אַ ווייסען מיצעל, אַ גרויען חאַלאַט, און ביז זיין טויט פערשפּאַרט צווישען משוגעים.. ווער האָט געקענט איבערצייגען, אַז עס איז ניט וואַהר? ווער האָט געקענט בעצאָהלען די עקספּערטען פאַר אַ נייע אונטערזוכונג? דזשאָהן דזשינגעל איז געוועזען עלענד ווי אַ שטיין אין פעלד און זיינע קאַמעראַדען האָבען איהם געקענט העלפען נור מיט אַ זיפץ... אַ יאָהר, ניט מעהר פון איין יאָהר האָט דזשאָהן דזשינגל געלעבט אין דול־הויז. ער איז גיך געוואָרען בלאַס און שוואַך, ער איז געוועזען געוואָהנט צו לעבען פריי ווי אַ פויגעל און מע האָט איהם ניט ערלויבט אפילו פריי צו אָטהעמען. ער איז געוועזען געוואָהנט צו דעם גערויש פון די שטראַסען און מע האָט איהם לעבעדיגערייד בעגראָבען אין אַ שטילען, איינזאַמען קבר. ער איז געוואָהנט געוועזען צו זעהן אַרום זיך לעבעדיגע, לוסטיגע קאַמעראַדען און מע האָט איהם אַרומגערינגעלט מיט וואַהנזיניגע, גייסטיג־געשטאָרבענע מענשען... אָפט פלעגט זיך צו איהם אומקערען זיין ענערגיע און מוטה — ער פלעגט פּראָטעסטירען, פאָדערען פרייהייט... די אויפזעהער פלעגען ענטפערן מיט שרעקליכע שלעג און מיט אַן „אייזערנע העמד".

דזשאָהן דזשינגעל איז געשטאָרבען אונטער דעם נאָמען „אַסטאָרס טרעמפּ"... איהם האָט זיך געדאַכט, ער זיצט אונטער אַן אַלטען בוים אין זיין בעליעבטען סיטי־האָל פּאַרק... ער הערט ווי די בלעטער פון בוים רוישען און שעפּטשען די שטראַהלען פון דער

פרייער זונן וואַרעמען איהם, גוטע מענשען געהען פאַרביי און בעגריסען איהם פריינדליך: „העללאָ דזשאהן דזשינגעל!" און איהם דרעמעלט זיך און ער מאַכט צו די אויגען און ער ווערט אנשלאָפען...

„אסטאָר'ס טרעמפּ", שלאָפט איין מיט זיין אייביגען שלאָף און געדונגענע קנעכט וואַרפען אַראָב זיין טויטען קערפּער מיט פעראַכטונג און בזיון...

זי איז געשטאָרבען אין פלעטבוש.

1.

דאָס, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, איז ניט קיין אויסגעטראַכטע געשיכטע, ניט קיין פאַנטאַזיע. דאָס איז אַ פאַקט: זי איז געבאָרען געוואָרען ווייט פון דאַנען, אין זיד־רוסלאַנד, אין נאָוואָראָסיע, און איז געשטאָרבען אין פלעטבוש, אין אַ האָספּיטאַל...

אויב איהר מיינט, אַז איך וועל אייך דערצעהלען אַ שרעקליכע, אַ וואונדערבארע און זעלטענע געשיכטע — האָט איהר אַ גרויסען טעות, און איהר מעגט שוין אוועקלעגען דאָס בוך... קיין רויבער, קיין טייוועלען, קיין מכשפות, קיין ווילדע מענשען און „פערבלאָנזעטע נשמות" וועט איהר אין מיין קורצע ערצעהלונג ניט געפינען. דאָס איז אַ גאַנץ איינפאַכע געשיכטע פון אַן אָרעמע אידישע טאָכטער, וועלכע איז געקומען קיין אַמעריקא „מאַכען אַ לעבען", געפינען דעם פערלאָרענעם גליק, און האָט געפונען זעהר גרינג און זעהר גיך אַ שווערען און אַ שרעקליכען טויט.

האָט איהר געהערט אַ מאָל דעם נאָמען „פלעטבוש?" זייט איהר געוועזען אין יענעם געגענד? פלעטבוש ליגט פון יענער זייט ברוקלין: דאָ געפינען זיך אַלערליי האָספּיטאַלען, פּריוועטע, אָרעמענס הייזער. אויף אַ שטאָט־איינוואָהנער מאַכט פלעטבוש אַ גוטען איינדרוק. זומער דאַרף דאָ זיין זעהר אַ פרישע און געזונדע לופט און פיעל גרינס. ווינטער איז דאָ שטיל און רוהיג: דאָ רוישען ניט די עלעוועיטאָרס, פייפען ניט די סטים־מאַשינען, קלינגען ניט די קאַרס, שרייען ניט די פּעדלערס, זינגען ניט די „טריאָפּוטשניקעס", שפּיעלען ניט די איטאַליענער אויף זייערע צובראָכענע שאַרמאַנקעס. ווען־ניט־ווען פאָהרט דאָ דורך אַ פערשלאָפענער פאַרמער אין אַן אַלטען עקספּרעס. אין געוויסע שטונדען הערט מען ווי עס קלאַפּען די דינינקע רעדער פון דעם

דאָקטאָרס קעררידזשעס. אָפט פאָהרט דאָ דורך אַן אַלטער גראָבער פאַסטאָר אין אַ גרויסע אַלטע קארעטע, וועלכע איז געווים איבערגע־מאַכט פון נח'ס תבה... אַן אַלטע ווייסע קליאַטשע שלעפּט דעם שווע־רען עקיפּאַזש, אַן אַלטער איינגעהויקערטער איירישער מיט געלע שטעכענדיגע וואָנסעס און מיט גרויסע געלע קלייען אויפ'ן פּנים טרייבט אָן די קליאַטשע... אָבער די קליאַטשע ווייס, אַז דער „טאַ־טע" פאָהרט בעגראָבען זיין „נעכסטען" און מאַכט זעהר קליינע און זעהר לאַנגזאַמע טריטעלעך. די גאַסען זיינען דאָ ניט געברוקירט, קיין טראָטואַרען זיינען ניטאָ, די פאַנארען שטעהען זעהר ווייט איינער פון דעם אַנדערען. ביי נאַכט איז דאָ דונקעל און גאַנץ שטיל, ביי טאָג זעהט מען דאָ אַ מענשען זעהר זעלטען... נור אין מיטאָגס צייט געהען דאָ דורך עטליכע אַרבייטער מיט די „פּייפּקעס" אין די צייהן... טרויעריג, מעלאַנכאָליש זעהט אויס דער גאַנצער געגענד...

זונטאָג אָבער ענדערט זיך דער בילד. פלעטבוש ווערט אַ ביסעל פרייליכער און לעבעדיגער. פון צוועלף ביז פיער קומען אָן פון ניו־יאָרק און ברוקלין גאַנצע פּאַרטיעס מיט געסט... אהין און צוריק געהען אום שעהן און ריין געקליידעטע שטאָט־איינוואָהנער מיט האַנד־טאַשען און פּעקלעך אין די הענד... דאָס קומען פריינד און בעקאַנטע זעהן זיך מיט די אונגליקליכע, וועלכע די אומשטענדען צווינגען צו האָבען אַ וואָהנונג אין פלעטבוש... די קראַנקע מיט זייערע בלאַסע געזיכטער און טרויעריגע בליקען שטעהען שוין ביי די פענסטער, קוקען ארויס און וואַרטען... אייניגע וואַרטען אויף זייערע פרויען מיט די קינדער, אַנדערע וואַרטען אויף זייערע געליעבטע אָדער אויף זייערע פריינד און בעקאַנטע. קינדער וואַרטען אויף זייערע עלטערען... עס זיינען אויך דאָ אַ סך אַזעלכע אונגליקליכע, וואָס האָבען ניט אויף וועמען צו וואַרטען: זיי זיינען פרעמד און עלענד... דאָך שטעהען זיי אויך ביים פענסטער און קוקען זיך צו... אַך! אומזיסט! קיי־נער, קיינער וועט צו זיי ניט קומען, קיינער וועט זיי ניט בעזוכען!... אויך זי, די אונגליקליכע, פון וועלכע איך וויל אייך עטוואָס דערצעהלען, האָט אויך ניט געוואַרט אויף קיינעם... דער שלעכטער שיקזאַל האָט זי פערוואָרפען אין אַ ווייטע לאַנד, צווישען פרעמדע מענשען.

ווייט שטעהען די הויכע האָספּיטאַלען פון פלעטבוש איינע פון די אַנדערע. פריי לויפט דאָ אום דער ווינד פון איין הויז צום אַנדע־

רען. נור די הוילע און שווארצע בוימער פון דעם פערזאָרגטען „פראָס־פעקט־פארק" האַלטען איהם אויף און לאָזען איהם ניט לויפען ווייטער... דאָן הויבען אָן די אַלטע בוימער צו רוישען און דער ווינד זינגט זיי אַ טרויעריגע ליעד פון דעם מענשענ'ס נאררישען לעבען, פון זיין שרעקליכען טויט, פון זיינע קוואַלען און וועהטאָגען... און די קראַנקע איינוואָהנער פון פלעטבוש ווערען אונרוהיג, קעהרען זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, קרעכטשען און זיפצען...

זי איז געשטאָרבען זונטאָג דעם צעהנטען יאַנואר זיעבען אוהר אין דער פריה.

2.

בליומאַ ראָזענפעלד איז געבוירען אין בערסאָנער גובערניא, אין איינע פון די גרעסטע און די רייכסטע דערפער אין דעם גאַנצען געגענד. איהרע עלטערען זיינען געווען בעקאַנט אין דעם גאַנצען קרייז אַרום. פון הערשקע דעם פאָטשטאר און ליובע די פאָטשאַרקע האָט מען געוואוסט זעהר ווייט אויף עטליכע הונדערט ווערסט אין אַלע זייטען! זיי זיינען געווען בעריהמט ניט דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען זעהר רייך — ראָזענפעלד איז נור געווען אַ פיינער, סאָלידער בעל־הבית. ער האָט געהאַט אַ צעהן פּאָר פערד מיט וועגען, אַן איינפאַכע דאָרפישע הויז מיט אַן אַלטען גאָרטען — מען האָט פון זיי געהערט אַזוי ווייט נור דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען גאָר בעזאָנדערע מענשען. הערשקאַ דער פאָטשטאר און „ליובקע" די פאָטשטארקע האָבען זעהר ווייניג געשפּראָכען און פערשטאַנען אידיש (זשארגאָן). אי מיט די אידען אי מיט אַלע קריסטען האָבען זיי גערעדט ריין „מאַלאָרוסיש" הערשקאַ איז געווען אַ חאחאָל און ליובקאַ אַ חאחלושקאַ. דאָך האָבען זיי אַלע אידען ליעב געהאַט, ווייל זיי זיינען געווען אָרענטליכע, גוטע מענשען. אַ גמילת חסד אָדער אַ נדבה האָט מען ביי זיי נעקראָגען גיכער און גרינגער ווי ביי דעם גרעסטען גביר. און אַז עס פלעגט דורך פאָהרען אַ צדיק אָדער אַ רב, אָדער אַן אַנדער „משולחת", פלעגט ער דוקא האַלטען קווארטיר ביי הערשקע דעם פאָטשטאר, ווייל קיינער אין דער וועלט האָט ניט צוגענומען אַזוי גוט ווי די פאָטשטארעס. קרעפּלעך, וואַרעניקעס, געדעכערטע צונ־

גען, בראַנפּען, אַלטע מעד, נאַליווקאַ, טהעע, וויינען, פערשיעדענע סאָרטען וואָרעניע, מאַרינירטע הערינג, זעלטענע זויערע קרויט — דאָס אַלץ האָט געמעגט פּאַדרען, עסען און טרינקען יעדערער, וויפיעל ער האָט געוואָלט. אין אַ קאַלטען ווינטער טאָג האָט יעדערער גע־וואוסט, אַז ביי „הערישקאַ דעם חאַחאָל" וועט מען איהם דערוואַרעמען און אָנהאָדעווען בעסער ווי אין דער היים . . אין אַ הייסען זומער טאָג — האָט מען געצעהלט די מינוטען, ווען וועט מען שוין צו פאָהרען צום פּאַטשטאַרס הויז, וואו אין אַ קילען צימער מיט צוגעמאַכטע לאָדען וועט מען דעם מיעדען רייזענדען דערלאַנגען דעם זעלטענעם קוואַס, קאַלטע סמעטענאַ, אַ זאַנדערבאַרען „קיסעל" (זשעלע בלע'ז). די פּאַטש־טאַרס האָבען ניט געהאַט קיין שונאים. די קריסטען האָבען זיי געאַכ־טעט דערפאַר, ווייל זיי האָבען זיך ניט בעשעפטיגט מיט קיינע שאַכער־מאַכעריי. זיי האָבען געהאַלטען די פּאַטשט און אַ חוץ דעם פלעגען זיי אַלע יאָהר מאַכען אַ קליינעם „פּאַסיעוו". „אַט דאָס איז אַ חאַזאַין", פלעגען אויף איהם זאָגען די מוזשיקעס פון דאָרף. זיינע פערד זיינען גע־ווען פעט, זיינע בהמות גוט אויסגעפיטערט, זיינע וואַגענס שטאַרק געשמידט. אויף יעדער זאַך האָבען זיי ליעב געהאַט אליין אַכטונג צו געבען און האָבען זיך ניט געפוילט, און אַז מען האָט געדאַרפט, האָט זיך דער „חאַזאַין" אליין געזעצט אויף די קאָזלעס פאַר אַ יאַמשציק, און „ליובקאַ", כאָטש זי האָט געוואָוינען שעהנע עטליכע הונדערט פונט, האָט זיך אליין געזעצט רייטענדיג אויף אַ פעחד און געשפּרונגען צוואַנציג, דרייסיג ווערסט — ביז דער אַנדערער סטאַנציע, און ווייל ראָזענפעלד האָט פיינט געהאַט צו בעשעפטיגען זיך מיט „קויפען — פערקויפען" האָבען זיי מיט קיינעם ניט קאָנקורירט און אַלע אידען אַרום האָבען זיך געהאַלטען מיט זיי פריינדליך. מיט אונגעדולד האָבען אַלע אידלעך אַרום און אַרום געוואַרט, ווען וועט זיך שוין מאַכען עפּעס אַ שמחה ביי הערשקאַ דעם חאַחאָל. מען האָט שוין געוואוסט, אַז צוויי טעג נאָאַנאַנד וועט ער שוין ניט אַרויסלאָזען פון זיין הויז: מען וועט שוין מוזען עסען, טרינקען, זינגען, זיין פריילין און לוסטיג. „יאַק הוליאַטע, טאַק הוליאַטע!" פלעגט זאָגען הערשקאַ דער חאַחאָל, און אַלע האָבען געמוזט „גוליאַיען" . . .

ביי אַזעלכע עלטערען איז געוואַקסען בליומע . . . זי איז געוואַק־סען פריי, ווי דער ווינד, וואָס שוועבט אום איבער די אונבעגרענעצטע

פעלדער פון קליין־רוסלאנד. גאנצע טעג האט זי זיך געשפּיעלט אויף דער פרישער לופט, אומגעלאָפן אין זייער אַלטען גאַרטען, וואו עס איז געווען פול רויטע וויינשעל און געשמאַקע פלוימען, געשפּרונגען לעבען טייך מיט די קליינע קעלבעלעך, געדרייצט זיך מיט בייזע אינ־דיקעס, וועלכע פלעגען צו איהר שרייען: „האָלדער! באָלדער!״ נאָכ־געיאָגט זיך נאָך דעם אַלטען האָהן „פּעטיא״, וועלכער פלעגט בעלעדיגען די קליינע הענדעלעך, אָדער זי האָט געהאָדעוועט הינטעלעך, וועלכע פלעגען איהר לעקען די הענד מיט ליעבע און דאַנקבאַרקייט. גליקליך איז דאָס קינד, וואָס קען וואַקסען אויף דער פרישער לופט, אויפ׳ן גרינעם גראָז, ביי דער נאַטור אַליין אויף דער שויס, צווישען די טרייע און נוצליכע פריינד פון דעם מענשען. ווייט פון טענעמענט הייזער, ווייט פון אַזעלכע גאַסען ווי בויערי אין עליזאַבעט סטריט...

הערצקא דער חאָחאָל און ליובקא די חאָחלושאַ זיינען געווען פּראָסטע און אונגעבילדעטע מענשען. זיי האָבען אָבער געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלען זיין געבילדעט, דאַרום, אַז זייער זוהן מאַרקאָ און זייער טאָכטער בליומאַ זיינען אונטערגעוואַקסען געוואָרען, האָבען זיי אָנגעהויבען צו זוכען פון זייערט וועגען אַזאַ לערער, וועלכער זאָל קענען ניט נור אידיש און רוסיש, נור אויך דייטש, פראַנצויזיש און לאַטיין, און זאָל נאָך קענען שפּיעלען אויפ׳ן פּידעל. לאַנג האָבען זיי געזוכט אַזאַ לעהרער און אַז זיי האָבען איהם געפונען האָט ער גע־וואָלט זעהר אַ סך געלד: ק״ן קערבלעך אַ זמן! וואָס זאָל מען טאָן, אַז מען וויל די קינדער מאַכען פאַר לייט? זיי האָבען געבראַכט דעם גרויסען לעווין, אַזוי האָט מען גערופען דעם לערער, צו זיך אין שטוב אריין, און די בילדונג פון די קינדער האָט זיך אָנגעהויבען. מע דאַרף זאָגען די וואַרהייט, אַז לעווין האָט געקענט גוט העברעאיש, אָבער רוסיש האָט ער געקענט ווי אַ פראַנצויז און פראַנצויזיש און די אַנדערע שפּראַכען האָט ער געקענט ווי אַ טאָטער... און אויפ׳ן פּידעל האָט ער געשפּיעלט ווי אַ שוסטער. צום גליק איז דער גרויסער לעווין, וועל־כען הערצקא מיט ליובקען האָבען געהאַלטען פאַר אַ גאָט געווען זעהר פויל און האָט מיט די קינדער זעהר ווייניג געלערענט. זיי זיינען גע־ווען אַזוי פריי, ווי פריהער און זיינען פון דעם לערערס „וויסענשאַפ־טען״ ניט פערדאָרבען געוואָרען. דער לערער האָט זיך געהאַלטען ביי די

גוטע און פּראָסטע דאָרפס לייט ביז דער צייט, ווען מאַרקאָ האָט אָנ־געטאָן דעם „באַטקעס" וואַרעמען פעלץ און האָט געזאָגט, אַז ער וויל שוין אויך זיין אַ חאזאין, און בלומע האָט שוין געקענט אליין לייענען אַ ראָמאַן און פערשטעהן אין גאַנצען פון אָנהויב ביז'ן אויסלאָז.

בליומע האָט געענדיגט דעם „קורס". אמת, זי האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס דאַרף אַ קאָמעטע דוקא זיין מיט אַ ווײדעל און אַ פּלאַנעטע אָהן אַ ווײדעל, און וואָס וועט זיין נח'ן אַזוי שלעכט, אַז מען וועט שרייבען זיין נאָמען מיט זיבען גרייזען. אָבער זי איז געווען קיין נאַרר און איז געווען שעהן, טאַקע ווי אַ בלום, און געזונד ווי אַ קאָזאָק. די אונגעבילדעטע דאָרפעשע בליומע מיט איהרע שוואַרצע אויגען, רויטע באַקען, זיידענע לאַנגע האָאָר און גוטען כאַראַקטער האָט זיך ניט געדאַרפט שעמען פאַר די האַלב־געבילדעטע און צוקראָכענע שטאָדטס־מיידלעך... זי האָט געהאַט אַ פּראַקטישע קענטניס, האָט געקענט אַרבייטען און זיין אַ ווירטהין.

עס איז געקומען דער שרעקליכער 1881 יאָהר. די רוסישע אידען וועלען לאַנג געדענקען דעם פינסטערען יאָהר, ווען טויזענדער אידי־שע פאַמיליען זיינען רואינירט געוואָרען, האָבען פערלאָרען זייערע פּרנסות און זייער פערמעגען דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט „העריצקא דער חאָחאָל" דערפיהלט, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ איד. אַקוראַט ווי אַ פלאַם פייער האָבען זיך צו־וואָרפען די פּאָגראָמען איבער כערסאָנער גובערניע. דער פייער האָט זיך אויך אריינגעכאַפּט אין דעם דאָרף וואו ראָזענפעלד דער פּאָטשטאַר האָט געוואָהנט. דעם פּאָטש־טאַר אליין וואָלטען אפשר די מוזשיקעס ניט געשלאָגען; ער איז אָבער ארויסגעלאָפען מיט זיינע יאַמשציקעס בעשיצען די אַנדערע אידען פון דאָרף. דאָ האָט איהם אַ בעזויפענער פויער געגעבען מיט אַן איי־זערנעם לאָם איבער'ן קאָפּ און האָט איהם צובראָכען דעם שאַרבען. אין איין מינוט איז געוואָרען אַ תל פון די גוטע פּאָטשטאַרס! דער אַלטער הערשקא איז געשטאָרבען און איהם האָט באַקלאָגט דער גאַנצער קרייז. ליובקאַ די פּאָטשטאַרקע, וועלכע האָט קיין מאָל פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט, האָט יעצט זיך געפירכטעט צו וואָהנען אין דאָרף. זי האָט אין גיכען אַלעס פערקויפט און האָט זיך ארויסגעקלי־בען אין אַ שטעטעל, וואו עס זיינען דאָ פיעל אידען. די אידען זיינען אַזוי ווי די שאָף: איז שטיל און רוהיג אַרום זיי, צושפּרייטען זיי זיך

איבער׳ן גאַנצען פעלד און פּאַשען זיך יעדערער בעזונדער, ווי ער קען. קוים אָבער דערזעהען זיי אַ פייער, לויפען זיי זיך צונויף, לאָזען אַראָפּ זייערע קעפּ און וואַרטען מיט געדולד אויפ׳ן אונגליק...

אונזער שעהנע און בליהענדע בליומע, וועלכע האָט פערבראַכט איהרע יונגע יאָהרען, אַזוי גליקליך, רוהיג, שטיל, אָהן זאָרג, אָהן ליי־דען, וועלכע האָט גאָר ניט געקענט פערשטעהן, פאַר וואָס זאָל איין מענש האַסען דעם אַנדערען, פאַר וואָס זאָל זיין שלעכט און שווער צו לעבען אויף דער וועלט, — אונזער אונשולדיג יונג קינד האָט צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען געוויינט מיט ביטערע, ביטערע טרערען, ווען מען האָט ביי איהר גערויבט איהר גוטען, אָרענטליכען און ליע־בענדען פאָטער. צום צווייטען מאָל, האָט זי ביטער געוויינט, ווען זי האָט געמוזט פערלאָזען איהר שטוב מיט דעם אַלטען גאָרטען, וואו זי איז אויסגעוואַקסען, וואו זי האָט פערבראַכט אַזוי פיעל גליקליכע און שעהנע טעג, וואו יעדער זאַך איז איהר געווען אַזוי טייער... איהר האַרץ האָט געפיהלט, אַז איהר פריהערדיגער לעבען האָט זיך געענדיגט אויף אייביג... אַך! פיעל מאָל האָט זי שפּעטער געוויינט און געקלאָגט!...

ניט נור די רוסישע ערד האָט זי בענעצט מיט איהרע טרע־רען: איהר איז געווען צו פערלירען עטליכע ביטערע טראָפּען אויף דעם באָדען פון דער פרייער און גרויסער אַמעריקא. צום לעצטען מאָל האָט זי געוויינט אין פּלעטבוש.

3.

בליומע איז געווען ניט נור שעהן און געזונד — זי האָט אויך געהאַט נדן. פערשטעהט זיך, אַ חתן האָט זיך באַלד אָבגעזוכט. נאָך וואָס פאַר אַ חתן? אַ פראַנט, מיט שמאָלע הייזלעך, מיט פערדרעהטע וואָנצעס און אַ קליין בערדעלע „אַ לאַ בולאַנזשע". ער האָט געקענט זאָגען: „מערסי", „פּאַרדאָן" און האָט שטענדיג געגעסען „פריקאַסע" מיט „בלאַנמאַנזש". דאַרף אַ אידישע טאָכטער האָבען אַ גרעסערען גליק? קען מען גלייכען אַזאַ חתן צו אַ פּראָסטען אַרבייטער, וועלכער ווייס ניט קיין חכמות און וויל פיהרען אַן אָרענטליכען און רוהיגען לעבען?

דאַרף איך אייך דערצעהלען וואָס פאַר אַ לעבען עס איז צווישען מאַן און ווייב, אַז זי איז אַ שטילע פרוי מיט אַ גוטען פריעדליכען כאַראַקטער און ער איז אַ גראָבער יונג, וועלכער רעכענט זיך פאַר אַ הויכגעבילדעטען פריידענקער, ווייל ער האָט פערדרעהטע וואָנצעס און אַ שפּיציגע בולאַנזשערקע? בליומע האָט זיך געפּייניגט פינף יאָהר און דאַן האָט זי דאָך געמוזט זיך צושיידען מיט איהר מאַן. זי איז געוועזען ווידער פריי. פינף יאָהר האָט זי געלעבט ווי אַ שקלאַפין. יעדען טאָג האָט זי געליטען שמערץ און ביזונות, אָפט געוויינט, אָפט בעקלאָגט איהרע יונגע יאָהרען. אם ענדע איז זי פריי געוואָרען. אָבער צו וואָס האָט איהר שוין געקענט נוצען די פרייהייט? די געזונדע און בלי־הענדע בליומע איז שוין דאַמאָלס געוועזען קראַנק און שלאַף, איהרע רויטע באַקען זיינען געוואָרען ווייס. איהר גאַנצער פערמעגען איז געוועזען צוויי שעהנע קינדער, טייערע בריליאַנטען. אָבער וואָס קען מען טאָן אין אונזער צייט מיט אַזאַ רייכטהום? איין מיטעל: — פאָהרען קיין אַמעריקאַ! פון קיין אַנדערע מיטלען ווייסען ניט אונזערע רוסישע אידען. אונזער בליומע איז געקומען קיין ניו יאָרק. אין קעסעל־גאַרדען האָט זיך געפונען אַ גוטער מענש, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער איז איהר מאַן און די קסעל־גאַרדענער וועכטער האָבען זיך אריינגעלאָזט קיין אַמעריקאַ.

אַ דערשראָקענע, אַ צוטומעלטע, אַ קראַנקע פון וועג אין האַרץ־שמערץ האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט פון די שמוציגע טרעפּ... אויף די פּלייצעס האָט זי געטראָגען אַ גרויסען פּאַק מיט „בעבעכעס", אויף איין האַנד אַ קינד, און ביי דער זייט דאָס צווייטע עלטערע קינד. אָט אַזוי קומט מען מאַכען אַ לעבען אין אַמעריקאַ!

ביי איהר אין טאַש האָט זי געהאַט אַ פּאָאַר דאָלאַר און אַן אַד־רעס פון אַ בעקאַנטען. די דאָלאַרס זיינען געבליבען אין אַ שמוציגען עמיגראַנטען־הויז און דער אַדרעס האָט זי געבראַכט צו אַן אָרימען שוירט מייקער אין ברוקלין. ביי דעם אַלטען בעקאַנטען איז זי געוועזען עטליכע וואָכען אַ פיינער גאַסט — איהר געזונד איז אַלץ געוואָרען ערגער, האָפען אַז זי זאָל זיך קענען פערדיענען איהרע בעדערפנים איז געוועזען אונמעגליך. און דערצו צוויי קליינע קינדער! ווי אַזוי זי האָט זיך געפיהלט ביי דעם אָרימען אַרבייטער אין שטוב מיט צוויי קינדער, דאַרף מען אייך ניט דערצעהלען. אויסער דעם זיינען די קליי־

נע צימערלעך געווען פול געפּאַקט מיט מענשען און קינדער...

ניט פיעל צייט האָט פערבראַכט די יונגע פרוי אין ניו יאָרק — נור געליטען האָט זי געגוג. זי איז דורכגעגאַנגען אין גאַנצען דעם קורס. זי האָט געלייזט עטליכע שטוסאַקעס פון די יונגאַטשעס, איז געגאַנגען מיט די קראַנקע קינדער אין דיספּענסערי, האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער אַלע שאַפּס זוכען אַרבייט, און אַם ענדע איז זי אַריבער אין די העכסטע קלאַס: זי האָט געטראָפען אויף דער אַכטער סטריט. דאָ איז זי געשטאַנען גאַנצע טעג אויפ'ן רעגען, האָט געלייזט קלעפּ פון דעם פּאָליסמען, האָט געקראָגען קללות און געשריי פון די 8־טע סטריטניקער־בעלי צדקות... דעם צווייטען יאַנואַר האָט זי אַם ענדע ערהאַלטען עטליכע דאָלאַר. אַ גאַנצען טאָג איז זי געשטאַנען אויף די פיס, אַ קראַנקע, אַ הונגעריגע, עס איז שוין געווען דונקעל ווען זי איז צוגעגאַנגען צו גרענד סטריט פערי. זי איז געווען שלאַף, הונגעריג, פערטראָגען און איז אַריבער קיין ברוקלין גאַר מיט בראָדוויי פערי. ביז עלף אַזייגער אין דער נאַכט איז זי אומגעגאַנגען ווי אַ דולע אי־בער די אונבעקאַנטע גאַסען פון ברוקלין. און אַז זי האָט שוין געפונען די גאַס מיט'ן נומער, איז דער האָל פון זייער הויז געווען פערשפּאַרט און דער געז אויסגעלאָשען. די אויסערסטע טהיר איז געווען אָפען. זי איז אַריינגעגאַנגען און איז געבליבען שטעהן. קלינגען? בעאונרו־היגען פרעמדע מענשען שפּעט אין דער נאַכט... זיי שלאָפען שוין... זיי האָבען שווער געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג!... די פיס האָבען זיך איהר אונטערגעהאַקט... זי האָט זיך אַראָבגעלאָזט שטילערהייד אויפ'ן קאָוויערטשיק לעבען טהיר און איז געבליבען אָהן מאַכט...

גאַנץ פריה פּאַרטאָג האָט זי געפונען דער הויז־אויפּפּאַסער, און פּאַר נאַכט איז זי מיט די קינדער שוין געווען אין פּלעטבוש. אַ גאַנצע וואָך האָט זי ניט גערעדט... איהרע אייגענע קינדער האָט זי ניט דערקענט... זיי האָבען געגעסען לעבען איהר, האָבען געשלאָפען אויפ'ן פּלאָאָר לעבען איהר בעטעל, און זי האָט זיי ניט געזעהן...

אָפּט האָט דאָס קלענערע קינד געוויינט ביי נאַכט און געשריען: מאַמע! מאַמע! אָבער די אונגליקליכע מאַמע האָט ניט געהערט. דעם צעהנטען יאַנואַר אין דער פריה האָט זי פּלוצלונג אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט זיך געוואָלט זעצען. זי איז אָבער באַלד געפאַלען צוריק. דאַן האָבען זיך איהרע בלויע ליפּען פערקרימט אַביסעלע אָן אַ זייט און

זי האָט מיט אַ שלאַפען קול, קוים־קוים וואָס מען האָט געקענט פערשטעהן, אויסגערעדט איין וואָרט: „קינדער!" איהרע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערען... די הענט האָבען זיך אויפגעהויבען און זיינען שווער אראָבגעפאלען. די עלטערע מיידעלע איז צוגעלאָפען צו איהר און האָט אָנגעהויבען צו וויינען: מאַמאַ, מאַמאַ, ווען וועסט דו שוין אויפשטעהן!... די אויגען פון דער קראַנקער האָבען זיך געעפענט... זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגען און האָט ניט געקענט. זי האָט געגעבען אַ שווערען זיפץ און איז אַנשוויגען געוואָרען אויף אייביג...

קיינער האָט זי ניט בעזוכט, ווען זי איז געווען קראַנק, קיינער איז ניט געקומען בעגלייטען איהר עלענדען קערפּער. נאָך דער ווייסע טרונע פון דער אידישער טאָכטער איז געגאַנגען אַ קאַטוילישער גלח און די קינדער האָבען צוגענומען די יעזואיטען...

מיט מאָרד אַמוזירען זיי זיך.

(עטיוד)

1.

עס איז מאַי, דער זומער גאָרטען שטעהט אין גאַנצען איינגע־וויקעלט אין א נייעם גרינעם מאַנטעל. ערלעקטרישע פייערלעך בע־לייכטען די אַלטע צווייגידיגע בוימער און וואַרפען א פאַנטאַסטישע ליכט אויף די וועגען, וועלכע ליופען אוועק און פערשווינדען אונטער'ן צודעק פון א דונקעלען שאָטען.

עס איז אַשעהנע מאַי־נאַכט. א פרישער ווינטעל שטיפט צווישען די בוימער, די בלעטער שעפטשען שטיל און די שטערענדלעך קוקען אראָב פון בלויען הימעל מיט א כיטרען שמייכעל... די נאַטור דרע־מעלט אין איהר מאַיעסטעטישע רוהע, און ווייט אין מיטען גאָרטען הערט מען א געריש פון מענשען, מוזיק שפיעלט, פערשיעדענע שטי־מען ליאַרמען. עס הערט זיך, ווי גלעזער און פלעשער קלינגען; גאָפּ־לען און מעסער קלאַפּען... מען לאַכט... טויזענדער הענט פּאַטשען בראַוואָ, טויזענדער ווילדע קולות שרייען: בים! בים! אויף א קליינע הילצערנע ביהנע, וועלכע איז אַרומגערינגעלט מיט א גאַנצע מחנה פון בעגייסטערטע, אויפגערעגטע צוזעהער, בעוועגט זיך נאָך א רויך, וועלכער איז פעראורזאַכט געוואָרען פון א שאָס; אין איין זייט זעהט מען דאָס בלאַסע געזיכט פון א יונג מיידעל, אין דער זייט דעם אויפ־געפלאַמטען פּנים פון דעם שיסער־אַרטיסט. ער האָט ערשט מיט א גרויסע בריהשקייט אַראָבגעשאָסען אַן עפּעל פון דעם מיידעלס קאָפּ און דאָס ענטציקטע פּובליקום שרייט אויסער זיך: נאָך א מאָל! בים! בים! די בעגייסטערונג פון פּובליקום געהט איבער צום אַרטיסט, אין זיינע אויגען צינדט זיך אַן אַן אונגעוועהנליכער פייעריל, אַן

עלעקטרישע קראַפט לויפט איבער אַלע זיינע גליעדער. ער וויל זיך אַליין איבערטרעפען. ער קעהרט זיך אָב פון דער מיידעל, קוקט זיך איין אין שפּיגעל, וועלכער ווייזט איהם איהר טויט־בלאַסען פּנים און ציעלט זיך צו... קוקענדיג אין שפּיעגעל וויל ער אראָבשיסען דעם עפּעל פון איהר קאָפּ. זי שטייט רוהיג, איהרע גרויסע אויגען בליקען אויף איהם מיט צוטרוי, און אויף איהרע ליפּען שפּיעלט אַ גוטער שמייכעלע, עס ווערט שטיל...

2.

מיט גוטע האָפנונגען איז זי געקומען אין דער גרויסער שטאָדט, זי האָט געוואָלט ארבייטען און אָרענטליך פערדיענען צום לעבען, אָבער איהרע צוויי שוואַכע אויסגעדאַרטע הענט זיינען געווען איבריג אין דיעזען גרויסען ים פון ארבייטער הענט. און זי האָט לאַנג געבלאָנ־זעט איבער די גאַסען פון שטאָדט, ווי אַ דערשראָקענע שאָף... ווען אין אַ גרויסע צייטונג איז ערשיענען אַן אַנאָנסע, דאָס אַ מיידעל, ניט עלטער פון זיעבצעהן יאָהר קען פערדיענען אַן אַנשטענדיג גע־האַלט, נאָכצופרעגען אין זומער גאָרטען „טיוואָלי", האָבען זיך געמעל־דעט הונדערטער קאָנקורענטקעס. מען האָט זיי ערקלעהרט, דאָס זיי שטעהן פאָר יעדע נאכט אונטערצושטעלען דעם קאָפּ אונטער אַ קויל פון אַ ביקס, דאָס האָט זיי ניט אָבגעשראָקען. דער שיעסער אָבער האָט פון אַלע ערוועהלט די שטילע שעהנע בערטהא.

דאָס בלוט פלעגט פערקיהלט ווערען אין איהרע אָדערען, דאָס הארץ פלעגט אויפהערען צו קלאַפּען, ווען ער האָט געמאַכט די ערשטע רעפּעטיציעס פון דיעזער טרויעריגער און בלוטיגער פאָרשטעלונג, נאָך דעם איז זי צוגעוואָהנט געוואָרען צו איהם, אַ שטילער פריינדליכער געפיהל האָט אויפגעבליהט אין איהר הארצען, זי האָט געגלויבט אין איהם, געגלויבט זיין שטאַרקע האנד, געגלויבט זיין שאַרפע אויג.

ביידע זיינען געווען עלענד,ביידע האָבען געהאַט זעהר ווענינ פרייד אין לעבען, ביידע האָבען געלעבט נור מיט די אינטערעסען פון דער געגענוואַרט און האָבען ניט געוואוסט, וואָס ערוואַרטעט זיי אין דער צוקונפט. איהר איז געווען געפעלען זיין קראַפט, זיין ענערגיע, בעשלאָסענהייט און זאָרגלאָזיגקייט. איהם איז געווען געפעלען איהר שטילער, גוטער כאַראַקטער, איהר צוטרוי צו איהם, איהרע שעהנע

אויגען, וועלכע האָבען געשיינט מיט איבערגעבענהייט און טריי־הייט.

— דו ווייסט, פלעגט ער איהר אָפט זאָגען, זינד איך האָב דיך ליעב, פערליער איך מיין זיכערהייט... איך האָב אָפט מורא, איך זאָל דיך, חלילה ניט דערשיסען. ווען איך האָב דיך ניט געליעבט, האָט מיין האנד ניט געציטערט.

— איך בין רוהיג... זאָגאר דער טויט פון דיינע הענט שרעקט מיך ניט...

זי פלעגט איהם צוגעבען מוטה מיט איהר גוטען שמייכעלע. ער האָט געציעלט אין איהר און איהרע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם מיט צוטרוי מיט ליעבע... איהר געזיכט פלעגט ווערען בלאַס, אָבער זי פלעגט בלייבען שטעהן רוהיג און שטיל... נאָך דעם סעזאָן ענדיגען, האָט ער געטראַכט, און דאַן גענוג... זי איז מיר צו טייער און מיין האנד קען אַ מאָל מיין פערעטהער ווערען... נאָר דעם סעזאָן...

3.

די אפּלאָדיסמענטען, די בעגייסטערונג פון פובליקום, די ברענענ־דיגע אויגען פון די, וועלכע זיינען אזוי גליקליך און צופריעדען מיט דיעזען סענסאציאָנעלען און גרויזאַמען אמוזמענט האָבען אויף איין אויגענבליק צומישט זיינע געדאנקען, ארויסגערופען אַ שווינדעל אין זיין קאָפּ, ער האָט זיך אָבגעקעהרט צום שפּיגעל און האָט זיך צוגע־ציעלט....

טויזענדער מענשען זיינען געקומען אהער אמוזירען זיך... זיי ווילען אַ שטאַרקען, אויפרעגענדען ווילדען פערגעניגען... זיי ערוואר־טען מיט אונגעדולד דעם עפעקט. דעם אטהעם פערשטיקט, די אויגען וויט אויפגעעפענט... און ער דערזעהט זיין בערטהא אין שפּיעגעל; זי איז בלאַס, איהרע אויגען בליקען אויף איהם... אַן אונערוואַרטעטער געדאנק שרעקט איהם איבער אין דעם אויגענבליק... זיין מעכטיגע האנד גיט אַ ציטער... דער ביקס שיסט אויס און די אַרעמע בערטהא פאַלט טויט צו דער ערד...

———(—0—)———

קענדי און טרערן.

זיי האבען א קענדי סטאר.

ער איז אלט א יאהר זעכציג, זי — פינף און פופציג. ער איז א וואלינער אידעל, זי איז א פינסקערין. ער איז א נידריטשגער מיט א האלבע קאפ, א האלבער בארד און איין וואנטשע אין גאנצען גרוי. זי טראגט א געלען פארוק מיט די האאר, וועלכע ווייזען אויס, ווי גראבע דראט. ער איז א קליינינקער, מיט איינגעפאלענער ברוסט, א ביסעל אויסגעקרימטע פיס, מיט מיט א בלאסען, דערשראקענעם פנים, מיט א שטילע, הייזעריגע שטימע, זי איז א דיקע, גאנץ־הויכע אידענע, מיט א פיגור פון א קאזאק, מיט א שטימע פון א בת היענה... זיי האבען חתונה געהאט דא אין אמעריקא מיט פינף יאהר צוריק. זי שרייט און קאמאנדעוועט, ער ארבייט שווער און שווייגט. זיי לעבען גליקליך. קומען ניט אן ניט צו זייערע קינדער, ניט צו לייטען, האלטען ביידע זעהר שטארק פון אידישקייט און האלטען ביידע זעהר ווענינ פון דער ענגלישער שפראכע.

ער איז כל ימיו א שניידער. דא אין אמעריקא ארבייט ער שוין צעהן יאהר ביי איין באס. דער באס האט איהם ליעב, ווייל ער איז א שטילער, פלייסיגער ארבייטער, פערשטעהט ניט קיין פאליטיק. געהט אהיים שטילערהייד ווען מען גיט איהם ניט קיין געלד, שווייגט ווען מען רייסט איהם אראפ פון די ווייזדשעס... אין דער ווירקליכקייט האט דער בעל הבית ניט פון וואס צו רייסען: מעהר ווי פינף דאלאר א וואך האט ער נאך קיין מאל ניט פערדיענט. און פון דעסטוועגען לעבט ער ווי א שעהנע בעל הבית, האט צוויי רומס, איז פערסטרא־כירט אין קאנגרעגיישאן „אנשי בני חושים ומושים”... האט א שטענ־דיגען פלאץ אין זייער בית המדרש און א חוץ אלע זאכען, האט ער

נאָך צוזאַמענגעקליבען 80 דאָלאַר מזומענע געלד, וועלכע זיין אידענע האָט געטראָגען ביי זיך אויפ'ן האַלז,אפילו שבת. ניט גרינג און ניט גיך האָבען זיי צוזאַמענגעקליבען אַזאַ שרעקליך־גרויסע סומע מיט געלד און, זעלבסטפערשטענדליך, ניט גיך איז עס בעשלאָסען געוואָרען, זיי זאָלען קויפען אַ קענדי סטאָר אויף דער עוועניו איי. ער האָט מורא געהאַט פאר'ן געלד, האָט מורא געהאַט אַזוי ווייט צו מופען פון זיין בית המדרש און אַזוי טיעף אריינקלייבען זיך אין אַ גוי'אישען געגענד. זי האָט אָבער געוואָלט, דער קאַפּיטאַל זאָל ניט ליגען אָהן נוצען, און זיי האָבען געקויפט אַ קענדי סטאָר. ער ארבייט ווי פריהער און זי האַנדעלט. לעזען און שרייבען קענען זיי ביידע ניט... ער האָט די ערשטע צייט שטענדיג געבלאָנזשעט, ווייל ער האָט ניט געקענט איז בערלייענען, אַז די עוועניו „איי" רופט זיך „איי"... אָבער איז צו־געוואָהנט געוואָרען. דערפאַר אָבער האָט ער שטענדיג געהאַלטען זעהר פיעל פון איהר ענגלישער שפּראַכע. „ראָדע ווײַ" „וואַט וואָנט יו פון מי ?" „קרעזי לאַויפער" און אַנדערע פראַזען האָט זי געהאַקט, ווי קרויט און האָט געפיהרט דאָס געשעפט.

פאַר די לויפערס איז באַלד געוואָרען די קענדי סטאָר דער בעס־טער פּלעזשור פּלאַסט. מען האָט דאָ געשטיפט, געשטורעמט, געזונגען, געשפּרונגען, געכאַפּט קענדי, געדראַפּעט זיך אויף די ווענט, אַז עס איז געווען אַ פערגניגען זי אָבער האָט געקוקט דאַרויף מיט אַ פילאָזאָ־פישען בליק און האָט זיך ניט געוואָלט פערצווייפלען. זי האָט זיך געבייזערט, מלחמה געהאַלטען מיט זיי, אָפט דערלאַנגט אין באַק אריין, ניט זעלטען געשריען: פּאָליציע!... און האָט געהאַנדעלט. ער אָבער פלעגט פערציטערט ווערען, נאָך איידער ער פלעגט צוגעהן פון דער אַרבייט צו זיין קענדי סטאָר. זיין בלוט פלעגט אין איהם פערקיהלט ווערען, ווען ער פלעגט דערזעהען די גאַנצע כאַפּטע אַרום זיך... זיי האָבען איהם געשטורכעט, געצופּט ביי דער באָרד, געמאַכט פון איהם חוזק, געשלאָגען און ער פלעגט נור נאָך בלאַסער ווערען און פלעגט שווייגען... אָבער דער גרעסטער אונגליק איז געווען פאַר איהם, ווען די אשת חיל פלעגט דאַרפען געהן דאַון טאַון נאָך סחורה און ער פלעגט מוזען בלייבען ביי די ביזנעס... זי האָט ניט געקענט פערשטעהן, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט מען זאָל איהם מאַטערען אויף אַ גיהנם

מאַשינע, איידער לאָזען איהם מיט די לויפערס. זי פערשטעהט ניט, וואָס פיהלט דער שטילער שוויינענדיגער מענש און הייסט איהם בליי־בען אין סטאָר — ער מוז פאָלגען...

עס איז געווען פאר נאכט. ער שטעהט אין סטאָר. דאָס הארץ ציטערט איהם, אָבער ער איז רוהיג — עס איז שטיל, די לויפערס זיינען ערגעץ אין אַן אנדער אָרט בעשעפטיגט... פּלוצלונג גיט אַ קנאַק אַ שטיין אין פענסטער און אַ גרויסע, טייערע שויב ווערט צובראָכען. אַ טויט ערשראָקענער לויפט ער צום פענסטער. וואָס זאָל ער טאָן, וואָהין זאָל ער לויפען? וויפיעל וועט קאָסטען אזא שאָדען? אהא, מען פייפט און מען לאכט — די קאָסטימער געהן... איינער בעט קענדי, דער אנדערע פאָדערט סיגארעטס, דער דריטער האָט ארויפגעקלעטערט אויף דער קאָנטאָרקע... ער וויל איהם אראָפּשטופּען און אַ פיערטער דזשענטעלמאַן קאַטשעט אריין אין סטאָר אַ בארעל מיט מיסט. אונזער קופּעץ מאַכט אַ רחמנות'דיגען פּנים און לויפט צום בארעל מיסט, קעהרט איבער אויפ'ן „פלאָר" אַ גאַנצען באָקס מיט קענדי, בויגט ער זיך אָן צונויפצוקלייבען די קענדי, ווארפט מען איהם אנידער צו דער ערד, מען טרעט מיט די פיס די אַלטע זעכציג־יעהריגע זאַך, וועלכע רופט זיך „איד", מען הירזשעט, מען שרייט... גליקליך האָט ער זיך געשעצט, ווען זיינע „קאָסטימער" האָבען זיך דערשראָקען פאר זיינעם אַ ביטערען קרעכץ און זיינען ארויסגעלאָפען פון סטאָר. ער שליסט צו זיין סטאָר — געהט אריין אין הינטער צימער, דערמאָנט זיך, אז ער האָט נאָך קיין מנחה ניט געדאַווענט... ער הויבט אָן שטיל און מיט אַ זיפץ „אשרי יושבי ביתך" און געגען זיין ווילען רייסען זיך ארויס צוויי טרערען פון זיינע אויגען און אַנקעגען איבער'ן גאַס הערט מען ווי עס הילכט און קלינגט חי! חי! חא! חא! חא!.. עס לאכען אליין די העלדען עס לאכען די דייטשע שכנים, עס לאכען זאָגאר די פערייניקטע „יהודים" און דער אַלטער שטעהט מיט אַ צור־בראָכען הארץ אין אַ ווינקעלע און דאווענט...

א שלעכטע מוטער.

1.

מען האט געפונען צוויי קינדער אויף דער גאס, פערוויינטע, פער־הונגערטע, פערפראָרענע. פיעל מענשען האבען נאך פריהער בעמערקט די אונגליקליכע קינדער און זיינען גלייכגילטיג געגאנגען פערביי. ווי באלד אבער איינער האט זיך אבגעשטעלט לעבען זיי, איז אין איין אויגענבליק געוואָרען לעבען זיי א גאנצע קהילה... ווייבער האבען פון רחמנות געקרעכטשעט, מענער האבען פון מיטלייד געשאָקעלט מיט די קעפּ, פערביי־פאָהרענדע עקספּערטען האבען זיך אבגעשטעלט און די דרייווערס האבען ארויסגעקוקט פון דיביידלאך, אלע גאסען קינדער זיינען געבליבען שטעהן ארום זיי מיט אָפענע מיילער און, זעלבסט־פערשטענדליך, באלד איז אויך געקומען דער משגיח פון גערעכטיג־קייט אין א בלויען ראָק מיט א שווערע דובינע...

— וואו וואָהנט איהר?...

— מיר וואָהנען ערגעץ ניט... זאָגט דאָס עלטערע קינד.

— וואו איז אייער פאָטער?

— אונזער פאָטער האט אונז פערלאָזען...

— וואו איז אייער מוטער?

— זי ארבייט אין א שאָפּ אויף טשערי סטריט... מיר זיינען געגאנגען צו איהר, זי האט אונז אבער ניט געוואָלט נעהמען צו זיך און מיר בלאָנזען אום אין די גאסען... עס איז קאַלט און מיר ווילען עסען...

די קינדער וויינען, אלע צושויער זיינען ערשטוינט, דער בלויער ראָק ברענט פון גרימצאָרן.

.2

די פּאָלים קאָורט איז געפּאַקט. דער ריכטער קלאַפּט בייז מיט'ן האַמער. אַלע קוקען מיט רחמנות אויף די אונגליקליכע צוויי קינדער און מיט האַס און פעראַכטונג אויף דער שלעכטער מוטער... זי קוקט אויף דעם ריכטער ווי אַ דערשראָקענע לעמעלע, ענטפערט שטיל און קיינער קען ניט פערשטעהן איהר געבראָכענע ענגלישע שפּראַך...

— זיינען דאָס אייערע קינדער! פרעגט מיט כעס דער ריכטער. די שלעכטע מוטער האָט מורא אַ קוק צו טאָן אויף יענער זייט, וואו די קינדער שטעהען און ענטפערט שטיל: „יעס"... דער ריכטער קריצט מיט די ציין. אַ פעטער פּאָליסמאַן פּראָטעסטירט מיט אַזאַ מינע, וועלכע זאָגט: „וואָס זאָגט איהר פּאַרט צו אַזאַ מאַמע"?... אַ לאָיער, וועלכער האָט אַ גאַנצע נאַכט געשפּיעלט אין פּינאָקעל עפּענט זיינע פערשלאָפענע אויגען און גיט בייז אַ שנאָרך מיט'ן נאָז, דאָס „הויכ־געעהרטע פּובליקום" איז אויפגעבראַכט און זי שטעהט מיט אַן אָנגע־בויגענעם קאָפּ און אַראָבגעלאָזענע אויגען... אַלע זעהען, דאָס זי איז זעהר אָרעם געקליידעט, דאָס איהרע הענד זיינען אויסגעטריקענט, איהר קערפּער אויסגעדאַרט, איהר פּנים צוקאָרטשעט, אָבער קיינער קען ניט זאָגען, איז דאָס אַן אַלטע פרוי, וואָס זעהט אויס יונג, אָדער אַ יונגע פרוי, וואָס איז פאַר דער צייט פערעלטערט געוואָרען.

— און איהר האָט אייך ניט ערבאַרעמט אויף אייערע אייגענע קינדער? פרעגט דער ריכטער אויסער זיך...

— „יעס", זאָגט זי שטיל.

— אין אונזער צייט, צווישען ציוויליזירטע מענשען, זאָל זיך געפינען אַזאַ מוטער? שאַנדע!

— שאַנדע! שאַנדע! זאָגט אי דער פעטער פּאָליסמאַן, אי דער פערשלאָפענער לאָיער, אי דאָס הויכגעעהרטע פּובליקום...

— אונטער טויזענד דאָלאַר בייל! שרייט אויס דער ריכטער. זי וויל עפּעס זאָגען, נור איהר ענגלישע שפּראַך וויל איהר ניט קומען צו הילפע און דער פעטער פּאָליסמאַן נעהמט אַן גראָב די שלעכטע מו־טער פאַר'ן האַנד און שלעפּט זי אינ'ם געצעלט פון „דזשאַסטיס!"

.3

ארעמע פרוי, קענסט ניט ענגליש דערצעהל אונז אין פּראָסט אידיש, ווי אזוי האָט זיך דאָס געקענט טרעפען, אז א מוטער און נאָך א אידישע מוטער זאָל ניט האָבען קיין רחמנות אויף איהרע אייגענע עופ'עלאך? וועה איז מיר!

— אח! מיין פריינד, וואָס ווייסט איהר? איהר זעהט, ווי איך בין פערחושכ'ט און פערפינסטערט, איך בין דאָך ערשט 28 יאָהר אַלט, און ער? ער איז געזונד און פריש, אויסגעפּוצט, אָבגעשייווט, מיט א ווייסען קאָלנער און מיט א רויטען האַלזטיכעל... א פּראַנט!... צעהן יאָהר האָב איך מיט איהם אָבגעלעבט און אין דער צייט האָב איך איבערגעלעבט טויזענד יאָהר מיט צרות... און דאָך, עס איז טאַקע א בושה צו זאָגען, איך האָב מיט איהם פיער קינדער... וואָס קענען מיר, אונגליקליכע ווייבער, טאָן? מיר זיינען אַלע אונגליקליכע...

איך בין צופריעדען, איך בין גליקליך, וואָס ער האָט מיך אוועק געוואָרפען. אָבער, פיער קינדער! וויפיעל קען איך אויסארבייטען מיט מיינע צוקאַליעטשעטע הענד אין פינסטערען שאַפּ? האָט מען מיר א'ן עצה געגעבען, ארויסלאָזען די עלטערע צוויי קינדערלעך אויפ'ן סטריט... ווי מיינט איהר, גרינג איז דאָס א מוטער צו טאָן? א שעהנער תכלית... אָבער ווי שלעכט די קינדער זאָל ניט זיין אין גערריי'ס סאָסייעטי, איז דאָך דאָס פּאָרט א גן־עדן געגען זייער לעבען ביי מיר. מיין הארץ האָט זיך דאָך מיט בלוט פערגאָסען, ווען איך האָב דערזעהן מיינע אונגליק־ליכע יתומים'לעך... אַזאַ וועלט! אי א טאַטע איז דאָ, אי א מאַמע איז דאָ און די קינדער זיינען דאָך יתומים.

די שלעכטע מוטער פערדעקט דאָס געזיכט און וויינט ביטער. און דער גוטער פאָטער געהט אום איבער די גאַסען פון פילאַדעלפיא און פייפט פריילעך די מאָדנע מעלאָדי: „א האָט טיים, א נייס טיים טו נייט"...

———(—o—)———

אַ גוטע דרשה.

(פון די יום־טובדיגע בילדער).

עס איז יום־טוב. אויף דער בויערי איז ניט אזא טומעל און גע־פילדער, ווי געוועהנליך. אַלע געשעפטען זיינען פערשפּאַרט, עס איז נור אָפען די אַפּטייק אויפ׳ן קאָרנער, דער ביער סאַלון אויפ׳ן אַנדערען קאָר־נער און אין מיטען צוויי ביליגע טרעמפּ־האָטעלען און אַ קריסטליכע בית המדרש, וואו פרומע, גוטע מענשען האַלטען דרשות און זאָגען מוסר...

עס איז נאַכט און גרויסע שטיקער שנעע פאַלען פון הימעל גלייך אויף דער בויערי. ווי זילבער ווייס און ריין די שנעעלעך, וואָס שיטען זיך פון די וואָלקענס און שמוציגע, שווארצע בלאָטע ווערען זיי באַלד אונטער די פיס פון די פערבייגעהער. אזא מזל האָט שוין אַלעס ריי־נעס, וואָס ווערט פערוואָרפען אויף בויערי.

און אין קריסטליכען בית המדרש איז ליכטיג און העלל... עלעקטרישע לעמפּעלעך בעלייכטען דעם גרויסען זאַל. אויף דער גרוי־סער פּלאַטפּאָרמע שטעהט אַ גרויסער גרינער בוים, אויסגעפּוצט מיט שעהנע ציערונג, בעהאַנגען מיט מתנות, רייך איליומינירט מיט שעהנע וואַקסענע ליכטלעך... דער אָרגעל שפּיעלט זיסע הימנען און די בויערי טרעמפּס זיצען אויף די בענק רוהיג און שטיל...

אַן אַלטע דאַמע אין אַ זיידענע שווארצע קלייד איז געקומען אהער זאָרגען פאַר איהרע „געפאַלענע״ ברידער. זי שטעלט זיך אויף דער פּלאַטפּאָרמע און זינגט אַ הערליכעס רעליגיעזעס ליעד. אַמאָל ווען זי איז געוועזען יונג און האָט געהאַט אַ שטימע, האָט זי גערענקט פון אַנדערע פערגעניגענס. אויף דער עלטער איז זי געוואָרען אַ פרומע גבאי׳טע... זי זינגט און זעהט אַנטקעגען זיך אין דער ערשטער רייהע אין אַ ווינקעלע ביים וואַנט אַ בלאַסען אויסגעקריינקטען פּנים פון אַ „געפאַלענעם״ ברודער, זיינע אויגען זיינען אויפגעפלאַמט, זיין גאַנצער קערפּער ציטערט, שווערע זיפצען רייסען זיך אָפּט ארויס פון זיין איינ־געטרוקענטע ברוסט און ער הערט זיך צו זעהר אויפמערקזאַם.

די פרומע זינגערין ווערט בעגייסטערט, זי זעהט, דאָס אָם ווענינ־סטען איינער פון די אַלטע אונגליקליכע האָט זיך דאָך אין דער מינוט דערמאָנט אָן גאָט. דערמאָנט אין דעם גליק, וועלכען דער ערלייזער יעזוס קריסטוס האָט געבראַכט אויף דער וועלט און זי פיהלט, דאָס דעם קרבן וואָס זי האָט געבראַכט אויף דער בויערי, קען מען ניט בי־ליג שעצען! ... דער אונגליקליכער איז געריהרט. צוויי טרערען לויפען איבער זיינע איינגעפאַלענע באַקען ... ער איז געווים איצט פּרטיעפט אין געדאַנקען פון תשובה און תפילה...

די זיסע טענער פון אָרגעל הילכען נאָך איבער'ן האָל און גאָט'ס דיענער אין א נייעם שוואַרצען אַנצוג פערגלאָצט די אויגען צום הימעל און פאַנגט אָן מיט א זיסע תנ'עוודיגע מיענע: „ליעבע ברידער! פרייד איז איצט אויף די הימלען, פריעדען אויף דער ערד און גוט־ווילען צווישען די מענשען... פרייד אין די הימלען, דען היינט איז געבאָרען געוואָרען דער, וואָס האָט גענומען אויף זיינע שולטערן דעם גאַנצען לאַסט און אַלע זאָרג פון אונזער לעבען".

— אוי! וועה איז מיר! זיפצעט שווער דער קריינקליכער צוהע־רער אויף דער ערשטער באַנק אין ווינקעלע. דער פּרעדיגער ווערט אַנ־שווינגען אויף איין אויגענבליק, בעטראַכט זיין ברודער פון וועלכען עס איז אַראָפּגענומען געוואָרען אַלע זאָרג און דער גאַנצער לאַסט פון לעבען און זעצט פאָרט: „יא, ליעבע ברידער, פריעדען איז איצט אויף דער ערד, וויל „ער" האָט אונז געבראַכט ליעבע און פערגעבונג... ברידער זיינען מיר אַלע אין אונזער ברודער־ליעבע. ווער קען זיך היינט פיהלען אונגליקליך און אונצופריעדען, ווען די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין נאָבעלע, הייליגע, געטליכע ליעבע?"

— אוי וועה איז מיר, מורמעלט שטיל דער צוהערער פון ווינקעלע. ער מאַכט מיט'ן האַנד א שוואַכע בעוועגונג, שליסט צו זיינע אויגען און גליטשט זיך אַראָפּ לאַנגזאַם און שטיל אויף דער ערד. אַנקעגען איהם שטעהט דער יום־טוב בוים אין זיין גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ. דער אָרגעל רוישט מיט וואונדערבאַרע אַקאָרדען, די גוטע דרשה הילכט ווי מוזיק און ער זעהט גאָר ניט און הערט גאָר ניט. ער איז טויט. ער איז געשטאָרבען פון הונגער...

———:———

נאָך איינע.

(פון איהר טאָגע בוך).

1.

עס איז אַזוי גוט, אַז מען איז אַ געזונטע און אַ שעהנע. איך האָב ערשט ניט לאַנג געענדיגט גראמאר סקול און אַלע מיינען, אַז איך בין שוין אַ גאַנצע מאַמזעל.

איך בין אַלט פערצעהן יאָהר און מוז ארבייטען — מיינע על־טערען זיינען ארעם. אַלע קליידען זיך שעהן, און איך בין אליין שעהן. און אַז איך געה אין מיט'ן גאַס מאַכען אַלע הערדען צו מיר זיסע אויגעלעך, שמייכלען גוט און גריסען זיך פריינדליך... און איך לאַך שטאַרק און לויף שטיפענדיג אַוועק... און עס געפעלט מיר.

היינט בין איך אריין אין אַ נייעם שאַפּ. איך קריג ארבייט זעהר לייכט. איך בין ניט קיין גרויסע נייטורין, אָבער דער פאָרמאַן איז גוט צו מיר און דער באָס אליין רעדט צו מיר ווי צו אַ לעדי. איך ווייס, עס איז נור דערפאַר, ווייל איך בין שעהן. אַ יאָ, עס איז גוט, אַז מען איז אַ שעהנע?

2.

מיר איז זעהר גוט אין דעם נייעם שאַפּ. אַלע האָבען מיך ליעב, און אַז איך שטיף אָדער פיהר־איבער אַ שטיקעל ארבייט, טוט מען מיר גאָר ניט. אַלע זיינען גוט צו מיר און אַז איך לאַך (איך האָב ליעב צו לאַכען שטאַרק און מיט'ן גאַנצען הארצען) ווערט אַזוי פריילעך אין שאַפּ....

איך האָב זיך היינט אַ ביסעל פערשלאָפען און בין געקומען צו

דער אַרבייט זעהר שפּעט. אָבער דער פֿאַרמאַן האָט זיך ניט געבייזערט אויף מיר. דאָס, הייסט, מיט'ן פינגער האָט ער מיט געדראָהעט, אָבער זיינען אויגען האָבען געקוקט גוט און זיינע ליפּען האָבען געלאַכט צו מיר...

נאָך מיטאָג האָט מיך דער באָס אליין בעגעגענט אין קאָרידאָר. ער איז געווען זעהר פריינדליך צו מיר. ער האָט מיר געזאָגט: „העללאָ, דאַרלינג!" און מיך געגלעט איבער'ן קאָפּ. איך האָב אַזוי געלאַכט, ווען ער האָט מיך געפרעגט: אויב איך האָב ליעב קענדי? אַ גוטע שאלה — הא! ער האָט ארויסגענומען אַ שעהנע קעסטעלע מיט זעהר גוטע קענדי און האָט מיר אָנגעשאָטען אַ פולען הויפען. אין אונזער קענדי סטאָר אויף לודלאָוו סטריט איז גאָר ניטאָ אַזעלכע קענדי...

איך האָב געזאָגט צום באָס: איהר זייט אַזאַ אַלטער מאַן און איהר טראָגט אין קעשענע קענדי. ער האָט געלאַכט און איך האָב אויך געלאַכט. ער איז אַ רייכער מענש און איז אַ גוטער. איך האָב איהם ליעב.

3.

היינט האָט מיר דער פֿאַרמאַן געהייסען געהן אַרבייטען אין אָפיס. אין שאָפּ איז אַזוי פינסטער און שמוציג און אין אָפיס איז אַזוי ליכ־טיג און אַזוי שעהן. דער באָס האָט מיט מיר גערעדט די גאַנצע צייט און איהם האָט גאָר ניט געאַרט, וואָס איך אַרבייט ניט. ער איז אַ גו־טער....

ווען מען האָט איהם פון אַ רעסטאָראַן געבראַכט עסען, האָט ער מיך אויך אַנידער געזעצט צום טיש... איך האָב דאָס געגעבען אַ'ן עס, אַז פונקען זיינען געפלויגען. אַך! די רייכע מענשען איז אַזוי גוט. זיי עסען אַלע טאָג גוטע זאַכען און פערבייסען מיט אייז־קרים.

נאָך עסען בין איך זעהר לוסטיג געוואָרען און איך האָב געשטיפט. דער באָס אליין האָט אויך געשטיפט מיט מיר. איך האָב איהם געפרעגט, אויב ער וויל געהן מיט מיר אויף אַ פּייט און האָב איהם שיער־שיער ניט געמאַכט אַ בלעק איי. אַלע מיידלעך פון שאָפּ האָבען אויף מיר גע־קוקט בייז, ווען איך בין געגאַנגען פון שאָפּ און די „פֿאָרלעדי" האָט מיר געזאָגט זעהר אַ שלעכט וואָרט.

ע! איך ווייס, עס פערדריסט איהר, וואָס איך בין שעהן און זי איז אַלט, גרין און אויסגעדאַרט.... וואָס הער איך זיי אַז דער באָס איז מיין בעסטער פריינד.

4.

נעכטען!... אַך! וואָס פאַר אַ טאָג נעכטען איז געווען... איך וועל אַלעס פערשרייבען... איך האָב איצט צייט — איך זיץ אין דער היים. איך בין היינט געקומען שפּעט אויף דער אַרבייט און דער פאָר־מאַן האָט מיר ענטזאָגט... ער איז געווען בייז און שטאָלץ, גלייך ווי ער קען מיך גאָר ניט. איך האָב געוואָלט זעהן דעם באָס, האָט מען מיר געזאָגט, ער איז ניטאָ אין אָפיס.

ווען איך בין שבת געגאַנגען פון דער אַרבייט, האָט מיר דער באָס געזאָגט, אויב איך וויל האָבען פערגניגען, זיין לוסטיג, פערברענגען זעהר גוט די צייט, זאָל איך קומען זונטאָג נאָך מיטאָג אין אָפיס... איך האָב זיך אַרויסגע׳גנבה׳ט די מאַמע זאָל ניט וויסען אַך! פון אָנפאַנג איז געווען זעהר פריילעך און איך בין געווען זעהר גליקליך! איך האָב געזעהן אַ גרויסען פּאַרק, האָב געזעהן דעם ים, האָב גענומען „אַ רייט" אויף אַ שעהנעם פערד פון אַ קאַרוסעל, האָב זיך אויפגעהויבען מיט אַ מאַשין אויף אַהויכען טורם און פון דאָרטען אַראָפּגעפלויגען אין אַ קליין וואָגנטשיקעל גלייך אין וואַסער אַריין. איך האָב זעהר פיעל געלאַכט, געשטיפט און געשפּרונגען. מוזיק האָט געשפּיעלט און אַזוי פיעל מענשען האָבען אומגעשפּאַצירט.

נאָך דעם האָט דער באָס מיך אַריינגעפיהרט אין אַ זעהר שעהנעם צימער און מיר האָבען ביידע געגעסען אַלע גוטע זאַכען פון דער וועלט און געטרונקען זעהר גוטען ווייִן... איך האָב ניט געוואָלט טרינקען, אָבער דער באָס האָט מיך זעהר שטאַרק געבעטען... און אַז איך האָב דערזעהן, אַז פון וויין ווערט מען נאָך לוסטיגער און עס ווילט זיך נאָך מעהר שטיפען האָב איך אַליין שוין געטרונקען און געטרונקען.

נאַכדעם האָט זיך דער קאָפּ פערדרעהט און איך געדענק נור, ווי דער באָס...

ניין! איך האָב מורא דאָס אויפצושרייבען... די מאַמע קען דערזעהן, וועט מען מיך שלאָגען... קיינער טאָר ניט וויסען... ווען

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט שפּעט ביי נאַכט, האָב איך זעהר געוויינט... און היינט ווען איך בין שפּעט געקומען צו דער אַרבייט, האָט מיר דער פאָרמאַן בייז געהייסען געהן אַהיים...

איך וועל עס קיינעם ניט דערצעהלען. אָבער אַ יאָ דער אַלטער באָס איז זעהר אַ שלעכטער מענש? פאַר וואָס האָט ער מיך אונגליקליך געמאַכט?

נאָך איין אָפּפּער.

(עטיוד).

1.

שנעל לויפט די עלעקטריק־קאר מיט ראקאָווי עווענו. „זום" „זום" ברומען די דראָטען, די רעדער רוישען, דער וואָגען קאטשעט זיך און וויעגט זיך ווי א שיף, וואָס שווימט איבער די וועלען פון מעער... עלעקטרישע בליצען פליהען יעדער מינוט פון דעם מיזע־ראבלען „קנדער וואָגען" צום געטליכען הימעל און דער מאָטאָרמען לאָזט נאָך גיכער און גיכער... די קאר פליהט, דער ווינד וועהעט איהם גלייך אין געזיכט און רייצט איהם אויף, די שנעלע בעוועגונג מאכט איהם ווי שיכור, ווי וואהנזיניג. ער דארף זיך אָבשטעלען אויף די קאָרנערס וואו עס ווארטען מענשען, ער לויפט פערביי. א ווילדע אויפרעגונג רוישט ביי איהם אין הארצען, די געפאהר מאכט איהם אן אונאטירליכען שארפען פערגעניגען.

עס איז עלף ביי נאכט. די שטערען קוקען אראָב שטיל און די געז לאָמפּען לייכטען דונקעל...

„זואום", „זואום" — רוישט עס און ברויזט...

2.

— מאקס, מיין קינד, זעה, דו זאָלסט זיך ניט פערקיהלען, עס בלאָזט א קאלטער ווינד און די קאר איז נאָך ניטאָ! מען זעהט ניט, נאָך ניט, א יאָ?

— ניין, באהעניו, איך וועל זיך ניט פערקיהלען.

— מאקס, זאָלסט זיך, חלילה, מיט קיינעם ניט פּייטען... וואָס איך קלעהר איבער אַ גאַנצע וואָך איידער דו קומסט!...

— באַבעניו, זיי רוהיג! איך האָב פיינד צו פּייטען... געוויס, ווען אַ שלעכטער באַי קריכט אין די אויגען, מוז מען... דו דאַרפסט אָבער קיין יסורים ניט האָבען.

מאַקס און זיין אַלטע באָבע זיינען געשטאַנען ביי'ם קאָרנער. ער איז געווען אַ באָי פון אַ יאָהר 14 און זי אַ אַלטע פרוי, און דאָך זיי־נען זיי געווען די בעסטע און טרייסטע גוטע פריינד אין דער וועלט. ווען מאַקס איז געבאָרען געוואָרען איז נעבעך זיין מוטער געשטאָרבען... די אַלטע באבע האָט איהם ערצויגען... זי איז געווען זיין פאָטער, זיין מוטער, זיין פריינד... פרעמדע וועש געוואַשען, געאַרבעט, געפּע־דעלט אום מאַקס'ן זאָל קיין ראָק פעלען. יעצט איז שוין מאַקס אליין אַ „פּערדיענער", ער איז אַ מעססענדזשער באַי אין אַ גרויסען אָפיס אין ניו יאָרק. דער סופּעראינטענדענט און אַלע קלערקס ליעבען איהם פאַר זיין פעהיגקייט און געשיקטליכקייט, זיינע קאַמעראַדען אַכטען איהם פאַר זיין קלוגהייט און אנשטענדיגקייט. אַ גאַנצע וואָך אַרבעט ער זונטאָג פאָהרט ער אהיים, צו דער געליעבטער באבע... פאַרביידע איז דער טאָג אַ גרויסער יום טוב!... מאַקס לויפט אריין אין שטוב מיט אַ שמחה, קושט און אומאַרמט זיין אַלטע באָבע, זיין שאַרפע אויג בעטראַכט אויב אַלעס איז אין אָרדנונג אין „זייערע צוויי רומס!" ער טרינקט קאַפע מיט די „בעסטע" קייקס, דערצעהלט אַלע נייעס, און די באָבע קוקט אויף איהם מיט ליעבע און פרייד. דאַן זעהט ער אַז איבער'ן סינק דאַרף מען צושלאָגען אַ צוועקיל, דעם לאָנטש צונויפ־קלאַפּען, דעם אַלטען באַסקעט פעררירכטען, די באָבע שטעלט זיך קאָכען אַ „רייכען" דינער פיר איהר געליעבטען גאַסט, און דער גאַסט פּוצט אויס זיין „אוניפאָרם" און געהט אביסעל שפּאַצירען און שמועסען מיט דער באָבעס נאַכבאַרען...

עלף אוהר ביי־נאַכט פאָהרט מאַקס צוריק. די באַבע בעגלייט איהם ביז דער קאַר, זיי האַלטען איינע די אַנדערע פאַר די הענד און רעדען ווי צוויי אַלטע גוטע טרייע פריינד קענען רעדען... דער באָבע איז זעהר שווער צו שיידען זיך פון איהר געליעבטען אויף אַ גאַנצע וואָך, — מאַקס פערשטעהט עס, און ער זוכט פערשיעדענע מיטלען זי פריי־

ליך צו מאַכען... באָבעניו, זאָגט מאַקס, נעכסטען זונטאָג וועל איך דיר ברענגען אַ פּרעזענט... אוי! אוי! דו וועסט זעהן...

— אַזוי? ! טייערער ליגנער מיינער... וואָס וועסט דו ברענגען?

— וואָס? איך וועל דיר ברענגען... איך וועל דיר ברענגען...

מאַקס ווייס נאָך אַליין ניט וואָס ער וועט ברענגען זיין געליעבטער באָבעניו און ווייס ניט וואָס צו ענטפערען... „זואום!" „זואום!" רוישט די קאַר פון דער ווייטען... מאַקס רייסט ארויס זיין האַנד, לויפט צום וועג נעהענטער און שרייט און מאַכט מיט'ן האַנד... סטאָפּ! סטאָפּ די קאַר! גוטע נאַכט! באָבעניו! גוטע נאַכט! עי! סטאָפּ!

דער מאָטאָרמען שטעהט ווי אַ פערוווירטער אויף דער פּלאַטפאָרם און וויל קיין זאַך ניט הערען. ער פליהט און וויל פליהען נאָך שטאַרקער און שנעלער.

3.

די קאַר פערשפּעטיגען וויל מאַקס ניט —ער לויפט ווי אַ פייל פון בויגען, די באָבע איז דערשראָקען, זי ציהט זיך נאָך איהם און שרייט מיט איהר שוואַכער ציטערנדע שטימע: מאַקס! וואָס טהוסט דו? מאַקס! — די קאַר גיט זיך אַ שטאַרקען וויעג און עס גיט אַ קראַך!.. אַ יונגע יאָמערליכע שטימע. אויף איין מינוט ווערען פערלאָשען די עלעקטרישע לעמפּעלעך אין קאַר און דאַן בלייבט די קאַר שטעהן. לעבען קאַר ליגט מאַקס אַ בלאַסער און שווייגט שטיל. פּאַסאַזשירען און דער קאָנדוקטאָר לויפען ארויס, פערביייגעהער זאַמלען זיך צונויף.

מאַקס! מאַקס! שרייט די אַלטע באָבע מיט אַ יאָמערליכען געוויין, איידער נאָך זי ווייס און פערשטעהט וואָס עס איז געשעהען. מאַקס! און זי פאַלט ווי אַן איבערגעהאַקטער בוים לעבען איהר געליעבטען באָי.

מאַקס עפענט זיינע אויגען. ער פיהלט אַן אונערטרעגליכען וועהטאָג, אָבער ער וויל ניט שרעקען זיין באָבע און קרעכצעט ניט, ער וויל זיך שטעלען אָבערביידע פיס זיינען איבערגעבראָכען און ער קריכט צו מיט גרויס מיה צו זיין טייערע באָבעניו און זאָגט מיט אַ שמייכעלע: באָבעניו, עס איז גאָר ניט! שרעק זיך ניט. איך האָב זיך נור

אַ זעץ געטאָן... מיר טוט ניט וועה, באַבעניו!

די באָבע הערט ניט — איהר שוואַך הארץ האָט זיך צוריסען. דער פערקריפּעלטער מאַקס רופט אומזיסט זיין ליעבע באַבעניו, און ארום זיי שטעהט דאָס נייגעריגע פּובליקום און שוויגט.



אָהן אַ טיקעט?

1.

— אויב דו וועסט היינט קומען אַהיים אָהן אַ טיקעט, וועל איך פון דיר די הויט אַראָבשינדען, האָט געזאָגט דער פאָטער גאַנץ ערנסט און האָט מאַקסען שטארק און בייז אַ ציה געטאָן פאַר'ן אויער. מאַקס האָט אַ געשריי געטאָן מעהר פון שרעק, ווי פון ווייטאָג, און האָט אויפגעהויבען אויפ'ן פאָטער זיינע צוויי פערוואונדערטע און מיט טרער־רען אָנגעגאָסענע אויגען. עס האָט זיך נאָך ניט געטראָפען דער פאָטער זאָל זיין מיט איהם אַזוי ערנסט און אַזוי צאָרענדיג. ער האָט פלינק ארויפגערוקט אויף זיין קאָפ זיין צוקנייטשטע מיצעל און איז אַ פער־טראכטער אוועק געגאַנגען אין סקוהל. אויפ'ן גאַס איז צו איהם צוגע־לאָפען זיינער אַ חבר מיט אַ פריילעכער בשורה—מאַקס האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך מיט פעראכטונג. אויפ'ן קאָרנער איז געשטאַנען אַ איד, אַ פעדלער, מיט אַ קאָלטענעוואַטע באָרד, מאַקסי האָט איהם אפילו איין מאָל ניט קיין קרים געטאָן — איהם איז געווען שווער אויפ'ן הארצען.

מאַקס איז געווען דער ליעבלינג און דער יחוס פון דער גאַנצער פאַמיליע ערשטענס, איז ער געווען דער אינגסטער אין הויז, ער איז אַלט געווען זיעבען יאָהר און די מוטער האָט איהם נאָך אַלץ גערעכענט פאַר איהר בייבי. צווייטענס, פאַר איהם זיינען געגאַנגען מיידלעך. ער איז געווען אַ בן יחיד.

עס איז שוין אַ יאָהר, אַז מאַקס געהט אין שול, און מען דאַרף זאָגען די וואַרהייט, זיינע קענטעניסע האָבען זיך פאַר דער צייט זעהר וועניג פערגרעסערט. ער איז ניט געווען קיין גרויסער מתמיד און, ווייל דער צו איז ער נאָך געווען אַ שטיפער אויך, פלעגט ער זעהר זעלטען קומען אַ היים מיט אַ טיקעט. דער פאָטער איז שטענדיג אין דער צייט ווען ער קומט פון שול, אויף דער ארבייט, און פאַר דער מאַמען האָט ער זעהר וועניג מורא געהאַט. האָט ער געוואָלט געהן מיט גוטען,

פלעגט ער זאָגען דער מוטער א תירוץ, א ליגען, א בלאָף. און אז ניט, פלעגט ער אָנהויבען שרייען, בעטען עסען, פאָדערען א סענט און איהם פלעגט נאָך ארויסקומען. איצט אָבער איז שוין צוויי וואָכען זייט דער פאָטער איז שוין אָהן ארבייט און דאָס געפעלט מאקס׳ען זעהר שטארק ניט. ווען ער קומט פון שול — פרעגט ער א טיקעט. אלע מאָל ביי־זער און בייזער און ענדליך היינט איז ער געווען אזוי שרעקליך בייז און שלעכט. ביז׳ן סקול געהט מאקסי אלס סעריאָזנער מענש. עס איז אָבער נאָך פריה און ער הויבט אָן שפּיעלען אין מאַבלס מיט זיינע חברים. איהם געהט גוט — ער געווינט דרייסיג מאַבלס און ער פערגעסט באלד דעם פאָטער׳ס שטרענגען בעפעהל מיט אלע צרות.

.2

עס איז שוין זיעבען א זייגער, און מאקסי איז נאָך ניטאָ פון סקול. די מוטער איז שוין אונרוהיג. אלע טאָג קומט ער פון סקול גלייך אהיים און נאָכדעם געהט ער זיך שפּיעלען זי איז שוין עטליכע מאָל ארויסגעלאָפען אויפ׳ן סטריט, האָט געפרעגט זיינע חברים, האָט ארומגעשיקט איהרע אלע עלטערע פינף מיידלעך — מאקס איז ניטאָ. דער פאָטער איז גאנץ רוהיג און האָט שוין עטליכע מאָל געהייסען דער־לאַנגען דעם סאָפּער.

— ווי אזוי וועלען מיר געהן עסען אָהן מאקס׳ען? פרעגט די מו־טער מיט א ציטערענדע שטימע.

— ער שפּיעלט זיך ערגעץ, דער יונגאטש זאָגט דער פאָטער.

— ניין, איך בעט דיך, געה אומיסטען אריין אין סטיישאָן הויז און איך וועל דאָ דערוויילע גרייטען צום טיש.

— ווייס איך וואָס! משוגענע ווייבער, זאָגט ער אונצופריעדען און געהט זיך גאנץ לאַנגזאַם אין סטיישאָן הויז. ער פרעגט דעם סערזשאַנט, אויב ער האָט ניט געהערט פון א באָי, מאקס שטיינ־בערג?... דער סערזשאַנט קוקט אין בוך און ענטפערט, אז פון אזא באָי האָט ער גאָר ניט געהערט. ווי זיי שמועסען זיךביידע גאנץ פריינדליך און שטיל, לויפט אריין א פרוי, א דערשראָקענע, א פער־סאָפּעטע און שרייט ווי א פערווירטע: „מיין קינד! מיין קינד! לאָזט מיך זעהן מיין קינד!

— וואָס מאַכט איהר אזא ליאַרעם, זאָגט מאַקסים פּאָטער מיט אַן איראָניש שמייכעלע אַט איך בין אויך געקומען פרעגען אויף מיין באַי... אַלע ווייבער זיינען משוגענע...

— איך וויל זעהן דעם באַי... וועלכען מע האָט געבראַכט פון לעקסינגטאָן עוועניו שרייט די פרוי... דער סערזשאַנט שטעהט אויף גאַנץ קאַלט בלוטיג און עפענט די טהיר פון אַן אַנדער צימער. מאַקסים פּאָטער געהט אויך גאַנץ רוהיג צום טיהר. ער איז נייגעריג צו זעהן, וועלכע נארישע האוואיעס וועט די נאַרישע פרוי מאַכען.

3.

מאַקס האָט דעם טאָג אויך ניט געקראָגען קיין טיקעט, אַזוי ווי געוויינליך... צוזאַמען מיט אַלע קינדער איז ער מיט אַ פריילינכען געשריי און געפּילדער, שטיפענדיג און לאַכענדיג, אַרויסגעלאָפען פון סקול אויף דער גאַס... דאָ אָבער האָט ער זיך באַלד דערמאָנט, וואָס דער פּאָטער האָט איהם געזאָגט אין דער פריה און ער האָט מורא געהאַט קומען אַהיים אָהן אַ טיקעט. ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט לעקסינגטאָן עוועניו ביז דער 99טער סטריט. דאָ לעבען עלעקטרישען אַנשטאַלט איז געווען זעהר פריילינך. קאַרס האָבען מאַנעווורירט, קאָנדוקטאָרס און גריפּמען זיינען געשטאַנען גרופּען ווייז, הונדערטער פּאַסאַזשירען האָבען געביטען דאָ זייערע קאַרס... אָהן אַ ציעל איז מאַקס דאָ אָבגעשטאַנען אַ פּאָר שעה, נאָכדעם זיינען צו איהם צוגעשטאַנען נאָך באַיעס... ער איז געווען ניט אויפגעלעגט און דערצו נאָך הונגעריג אויך און עס איז זעהר גיך געוואָרען צווישען זיי אַ געשלעג... מאַקסי האָט זיין געגנער געגעבען אַ שטאַרקען קנאַק און האָט זיך געלאָזט לויפען איבער די טרעקס אויף דער אַנדער זייט. אויף איהם איז ארויף אַ טראָלי קאַר און אין איין אויגענבליק איז פון זיין יונג־קערפּעריל געוואָרען אַ צומאַלענע, צובלוטיגטע מאַסע —
— —
— —

מע האָט מאַקסין געבראַכט אַהיים אָהן אַ טיקעט.

———(—0—)———

איך בין הונגעריג.

1.

דאָס, וואָס איך וויל אייך איצט דערצעהלען, איז ניט קיין אויס־געטראַכטע געשיכטע, ניט קיין נאָוועלע, ניט קיין ריכטונג — עס איז א פאַקט.

דעם טאַפּ פּלאָר פון דעם הויז, וואו איך וואוין, האָט ניט לאַנג פערנומען אַן איירישע פאַמיליע. ער איז אַן ארבייטער, אָבער ווי מע זעהט פונ׳ם מעבעל, פון די קליידער, פון דעם, וואָס זיי האָבען פער־נומען א גאַנצען פלעט האָט ער א גוטען פּלאַץ און „סטעדי" ארבייט. א גאַנצע וואָך הערט מען ניט זיין שטימע — דערפאַר אַלע זונטאָג אָבער הערט מען שרעקליכע קולות, א יאָמער, ווילדע געשרייען. דער פּלאָר ציטערט, ביינקלעך פליהען, א פרוי קוויטשעט, דערשראָקענע קינדער וויינען, אַלע זונטאָג איז ביי מיין שכן א געשלעג.

אין מיטען וואָך אָבער הער איך נור ווי א פרוי בייזערט זיך, שרייט, פּאַטשט און שלאָגט און ווי א קינד, א מיידעלע פון א יאָהר, אכט, וויינט און בעט זיך מע זאָל זי ניט שלאָגען... איך האָב דאָס קינד עטליכע מאָל בעגעגענט אויף די טרעפּ אין האָל. זעהר אָרעם געקליידעט און דאָך שעהן ווי אַן ענגעל... א ווייסע, ווי זילבער, מיט זיידענע בלאָנדע האָאר, מיט צוויי גרויסע בלויע אויגען, וועלכע קוקען אויף אייך דערשראָקען און מעלאַנכאָליש... איך האָב עטליכע מאָל געזעהן פון מיין פענסטער, ווי די קליינע אכט־יעהריגע מיידעלע טראָגט אום אויף איהרע אויסגעדאַרטע שוואַכע הענטלעך א געזונ־טען צוויי יאָהריגען „באַלבעס", א איירישען באָי מיט א ווילדער היי־זעריגער שטימע. דער באָי רייסט זיך פון איהרע הענד, שלאָגט זי מיט די פיסלעך, לאָזט זי ניט רוהען איין אויגענבליק און די קליינע ניאַנקע קוקט א דערשראָקענע אַלע ווײַלע ארויף טאַפּ פּלאָר און האָט

מורא דאָס קינד אַראָפּלאָזען פון די הענד. אַרום איהר שפּיעלען זיך קינדער, טאַנצען, שפּרינגען איבער אַ שטריק. גליטשען זיך אויף רעדלעך און זי וויגט דאָס שווערע קינד אויף איהרע הענטלעך און קוקט מיט אַ מעלאַנכאָלישען, שטילען בליק אויף אַלעס, וואָס קומט פאַר אַרום איהר.

ווי איך האָב ערפאַהרען פון מיינע קינדער, איז די אַכט יעהריגע מיידעלע אַ יתומה. מיין שכנה האָט לאַנג ניט געהאַט קיין קינדער און האָט צוגענומען אַ פרעמד קינד. איצט האָט זי אייגענע פיער קליינע קינדער און די יתומה'לע איז אין הויז אַ פרעמדע. זי רופט נאָך אַלץ די מיסים מיט'ן נאָמען „מאַמאַ", אָבער די מיסים איז איהר קיין מוטער ניט...

.2

דאָס, וואָס איך דערצעהל אייך, איז ניט זעהר אינטערעסאַנט. עס האָט אָבער אויף מיר געמאַכט אַ שווערען איינדרוק און מיט אַזעלכע איינדריקע טהיילען מיר שרייבער, זיך זעהר גערן מיט די לעזער.

אַ בעקער פיהרט מיר שוין עטליכע יאָהר לאַנגע לאַבענס וויםברויט, וועלכע ער רופט „וויענער ברויט..." גאַנץ פריה שטעלט ער אַנידער די לעבלעך ברויט ביי דער טהיר און ווען מיר שטעהען אויף, נעהמען מיר דאָס ברויט אריין אין שטוב. קיינער האָט אונזער ברויט ניט בעריהרט און מיר זיינען געוועזען צופריעדען מיט אונזער בעקער... די לעצטע צייט אָבער, יעדען פריהמאָרגען, ווען מע געהט נעהמען דאָס ברויט, געפינט מען פון איין לאַבען אַ האַלבען ברויט אָבגעבראָכען. איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל — אַ גאַנצע וואָך. וואָס איז דאָס? ווער ברעכט עס אָב אַ האַלבען ברויט? אַ גנב וואָלט צוגענומען אַלע דריי לאַבענס... מען האָט געפרעגט דעם בעקער — ער פערזיכערט, אַז ער לאָזט איבער שטענדיג גאַנצע ברויטלעך. דאָס האָט מיך זעהר פעראינטערעסירט...

דער בעקער האָט אָנגעקלונגען גאַנץ פריה. איך האָב די נאַכט „געבומעלט" דאַון טאַון אויף מיטינגען, און רעסטאָראַנען און בין ערשט געקומען אַ היים. איך בין אַרויסגעגאַנגען אונמיסטען זעהן,

צו זיינען אַלע לעבעלעך גאַנץ... ווען איך האָב געעפּענט די טהיר, איז דער בעקער ערשט אַבגעפאָהרען, אָבער פון איין ברויט איז שוין געווען אַבגעבראָכען א האַלבער. עס איז געווען פינסטער און שטיל אין האַל. אַלע אין אונזער הויז האָבען נאָך געשלאָפען... מיר האָט זיך אויסגעוויזען, איך הער עפּעס א גערויש אויף דער אויבערשטער טרעפּ...

די שוואַכע שטראַהלען פון דעם קומענדען פריהמאָרגען האָבען זיך אריינגע'גנב'עט דורכ'ן גרויסען פענסטער פונ'ם דאַך... און האָבען בעלייכטעט א קליין אַכט יעהריגעס קינד, וועלכע איז געזעסען אין א ווינקעלע און האָט מיט ענערגיע געביסען פון א גרויסען שטיק ברויט. מיינע טריט האָבען זי דערשראָקען, זי האָט אויפגעהויבען איהרע מעלאַנכאָלישע אויגען און האָט אויפגעהערט עסען...

— וואָס טוסט דו דאָס? האָב איך געפרעגט, א פערוואונדער־טער...

— איך בין הונגעריג, האָט זי געענטפערט מיט א נאַאיווע מי־נע... פּלוצלינג האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון איהר אָרט און האָט מיט א בעטענדיגער און ציטערענדיגער שטימעלע אויסגעשטאַמעלט: פּליז!... דערצעהל דאָס ניט מיין „מאַמא“... זי וועט מיך שלאַ־גען...

סאַטירע און הומאָר.

דער הימעל עפענט זיך.

(א באבע מעשה פיר אידישע „קינדער“.)

א שעהנע זומער נאכט. דער בלויער הימעל מיט די ליכטיגע שטערענדלעך האט זיך ניעדריג אנגעבויגען איבער א קליין פויליש שטעטיל אזוי ווי די צופארבטע סטעליע אין נייעם בית־המדרש. די גאנצע שטעטיל שלאפט — נור ר׳ ישראל אברעמעלעם שלאפט ניט. ער זיצט לעבען זיין אלטע איינגעבויגענע שטיבעלע, קוקט אויפ׳ן הימעל און ערווארטעט צו זעהן, ווען דער בלויער הימעל וועט אראפּשטירצען אויף דער ערד. מארגען איז תשעה באב, דער טאג ווען דאס איינציגע אויסערוועהלטע פאלק האט פערלארען זיין הייליג לאנד, זיין היימאטה. דארפען דען די הימלען אין אזא נאכט ניט צו שפאלטען ווערען? דארפען דען די שטערען ניט אראבפאלען אויף דער ערד?

ר׳ ישראליק איז פערטיעפט אין זיינע טרויעריגע געדאנקען, ער זיפצט און דענקט פון די פערגאנגענע צייטען, ער זוכט אויפ׳ן הימעל די ערקלערונג פון זיין שיקזאל, און ער זעהט ניט דעם בארג מיסט לעבען איהם, בעמערקט ניט די אונריינע שווארצע חיות וועלכע שפרינגען איבער זיין לייב, און הערט ניט, ווי זיין שכן איוואנס חזיר קריכט איבער׳ן פלויט, חריאקעט און קריכט צום אידישען מיסט.. ווייט ערגיץ בילט א הונד געגען דער לבנה און פון קליינעם טייכעל הויבט זיך אויף צום הימעל א ווייסער טומאן.

שפעט אין דער נאכט ווערט גאנץ שטיל, א שטערענדיל פליהט פון דער הויך, פאלט לעבען דער לבנה און זאגט איהר עטוואס און די לבנה בלייבט שטעהן איבערן בית המדרש און געהט ניט ווייטער. און די בלויע הימלען הויבען זיך אן וויעגען ווי די וועלען אין גרויסען ים, אין איין זייט הימעל רוקט זיך אוועק אזוי ווי דער פרוכת

פאַר פּתיחת הארון, און די אויבערשטע וועלט בלייבט אָפן און אַז אונגעוועהנליכע מאַכט הויבט אויף ר׳ ישראליקען און ער פליהט אין דער הויך אין די פערבאָרגענע עולמות.

— שטעה! ווער ביסט דו? פרעגט א מלאך ר׳ ישראליק אברע־מעלעס, ווי וואגסט דו אריינצודרינגען אין די העכערע וועלטען? ווי וואגסט דו צו וויסען דעם סוד פון די הימלען, נאַררישער אונ־ווירדיגער מענשעלע?

— ווער איך בין? איך בין ישראליק דער מיוחס, גאָט׳ס גע־ליעבטעס קינד, מיר זיינען דאָס אויסערוועהלטע פאָלק, די הימלען, די שטערען, אלע וועלטען זיינען בעשאַפען געוואָרען נור צוליעב אונז. אונזער פאָלק איז דאָס בעסטע און עלטסטע פאָלק פון אלע פעלקער.

— דאָס עלטסטע און דאָס בעסטע פאָלק? אַז אַלט פאָלק דאַרף האָבען וויכטיגע היסטאָרישע דענקמאַלען.

— פס! נו! ווער האָט נאָך אזוי פיעל אַלטע וויכטיגע היס־טאָרישע דענקמאַלען? גיב אַ קוק ביי מיר אין באָרד ליעגט נאָך אַ „בודיאַק״ וואָס מע האָט מיר געוואָרפען ביי קינות זאָגען; דאָס איז אַ היסטאָרישע זאַך, ביי מיר אין קעשענע קענסט דו געפינען אַבי־סעל אַש פון דער איי וואָס איך האָב דערשלונגען ביים פערפאַסטען זיך... ביי אונז קענסט דו געפינען רצועות, הושענות, תקיעות פון אַ שופר, אַ שאַקעל פון תשליך, אַ קרעכץ פון ונתנה תוקף, אַ זיפץ פון כל נדרי, אַ שמיץ פון ארבעים מלקות, אַ מגן דוד געפלאָכטען פון אַן אַלטען לולב, דעם נוסח פון טל מיט די נאָטען גלייך פון בארג סני... און נאָך, און נאָך פיעל, פיעל אַלטע וויכטיגע היסטאָרישע זאַכען. יאַ, מחשבותו, איך האָב מיך גאָר פערגעסען, נאָך איין נישקשהדיגער היסטאָרישער דענקמאַל...

אין דעם אויגענבליק אָבער שליסען זיך די הימלען ווידער צונויף, דאָס געטליכע בילד ווערט פערשוואונדען און ר׳ ישראליק קען שוין ניט זאָגען אַז אַ חוץ דעם היסטאָרישען בודיאַק, תשליך, מגן דוד האָט ער אויך אַ ליטעראַטור, וועלכע פאַנגט זיך אָן מיט תורה, נביאים וכתובים. אָבער דאָס איז דאָך ניט אזוי וויכטיג, ער האָט גע־נוג געזאָגט און איז גאַנץ צופריעדען. זיינע אויגען מאַכען זיך צו און ער זעהט אין חלום די אַמאָליגע גליקליכע צייטען.

ער דרעמעלט, ר׳ ישראליק אברעמעלעס לעבען זיין אַלטע איינ־

געבויגענע שטיבעלע ביים גרויסען באַרג מיט מיסט, ער הערט ניט ווי איוואַנס חזיר חריאַקעט און קריכט צום אידישען מיסט, דער פרישער ווינטעלע, וואָס לויפט פון פרייען פעלד וועקט איהם ניט אויף, ער פיהלט ניט, אז די נאַכט געהט פערביי און זעהט ניט, אַז אויפ'ן קלאָרען הימעל האָט זיך שוין בעוויזען דער גרויסער, ליכטיגער מאָרגען שטערען.

ער שלאָפט. דאָס גאַנצע שטעטיל שלאָפט.

חיים יענקיל דער וויסענשאַפטליכער.
אָדער
די היסטאָריע פון דער שטאָט חעלעם.
א באָבע מעשה פאַר גרויסע קינדער.

1.

דאָס איז א היסטאָרישער פאַקט—.

אין קיין אָרט אויף דער וועלט איז ניטאָ אזא גערעטעניש אויף נאררען, ווי אין דער בעריהמטער שטאָט חעלעם. איהרע ווייסט דאָך שוין מסתמא אז אין חעלעם אז מען וויל כאפּען די לבנה, שטעלט מען א נידער אַן עמער וואסער און ווי באלד זי בעוויזט זיך דאָרט, דעקט מען זי צו מיט א זיפּ. אָבער ווי אזוי אזא כרך ווי חעלעם איז אין גאַנצען געוואָרען וויסענשאַפטליך, ווייסט איהר נאָך ניט — לעזט דיעזע אמת׳ע בבא מעשה.

די חעלעמער נאררען זיינען פון פאַרצייטיגע יאָהרען אָן געווען פּשוטע נאררען — זיי האָבען ניט געוואוסט פון קיין חכמות. זיי זיינען געווען גוטע נאררען (ווי אם מייסטען, אלע נאררען) און האָבען קיינעם ניט געזוכט אָבצונאררען. זיי האָבען געוואוסט, אז די זונן באַקט איז היים, אז מען איז הונגעריג, דאַרף מען עסען, אז עס טוט וועה — דאַרף מען קרעכצען, אז מען קיצעלט — דאַרף מען לאַכען, אז מע שלאָגט — דאַרף מען אַנטלויפען; מיט איין וואָרט זיי זיינען געווען מענשען, ווי אלע מענשען, נור מיט דעם אונטערשיעד דאָס וועגען אַנדערע מענשען קען מען אמאָל א טעות האָבען, וועגען זיי אָבער האָט מען שוין געוואוסט: א חעלעמער? מסתמא א בול־וואַן.

ויהי היום, טרעפט זיך אמאָל א געשיכטע, און קיין חעלעם פער־

בלאָנדזשעט אַ ציגיינער מיט אַ בער. דער דוב־בער איז געווען זעהר אַ געלערענטער: ער האָט געקענט פאַהרען רייטענדיג אויף אַ שטעקען, שנייצען די נאָז ווי אַ פראַנצויז און טאַנצען אויף צוויי פיס ווי אַ מאַמזעל...

בימים ההם, פונקט אין דער צייט, איז געווען אין חעלעם בעריהמט אַ געוויסער חיים יענקעל חעלמער, וועלכער האָט געהאַט אַן אָפּענעם מוח מיט זעהר אַ שאַרפע קאָפּ. וידבר חיים יענקעל, און האָט גערעדט חיים יענקעל צום ציגיינער און האָט אַזוי געזאָגט: „ווי קומט צום בער אַזוי פיעל וויסענשאַפט? מה הדבר הזה? — פון וואַנען נעהמט זיך אַזאַ זאַך?

ויען, האָט געענטפערט דער ציגיינער און האָט געזאָגט: יש עיר ועם בישראל, — עס איז דאָ אַ בעריהמטע שטאָט ביי די אידען, וועלכע רופט זיך סמאַרגאָן; אין דער שטאָט סמאַרגאָן איז דאָ די בעריהמטע סמאַרגאָנער אַקאַדעמיע, וואו בערן לערנען זיך אויס אַלע וויסענשאַפטען פון דער וועלט פון „א" ביז'ן „ת".

אחר הדברים האלה, נאָך די דאָזיגע רייד, האָט חיים יענקעל זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערען און האָט געזאָגט: חעלעם קען ניט לעבען אָהן וויסענשאַפט! חעלעם מוז האָבען אַ וויסענשאַפטליכען מענשען. ויצא חיים יענקעל מחעלעם, איז חיים יענקעל ארויסגעגאַנגען פון חעלעם, וילך סמאַרגאָנה און ער איז אַוועקגעגאַנגען קיין סמאַרגאָניען.

.2

ויהי מקץ שנתים ימים. — פונקט אין צוויי יאָהר אַרום ויבוא חיים יענקיל איז חיים יענקיל געקומען קיין חעלעם מיט סמיכות פון דער סמאַרגאָנער אַקאַדעמיע אין זיין קעשענע און מיט אַן אוצר פון וויסענשאַפטען אין זיין קאָפּ. די גאַנצע שטאָט האָט איהם אויפגענומען בכבוד גדול און אין אַ קורצע צייט איז ער אין גאַנץ חעלעם בעקאַנט געוואָרען מיט'ן נאָמען חיים יענקיל דער וויסענשאַפטליכער.

האָט אָנגעפאַנגען חיים יענקיל צו לערנען דאָס פאָלק וויסענשאַפטליך צו לעבען און האָט זיי אַזוי געזאָגט: ביז אַהער האָט איהר געמיינט, אַז די זונן באַקט, — איז היים, דאָס איז ניט וויסענשאַפטליך. פערקעהרט, עס איז היים, ווייל די זונן באַקט און באַקען

באַקט די זונן ניט אַבי ווי — זי מוז באַקען וויסענשאַפטליך, אָדער אַז ניט, קען זי ניט באַקען. ביז איצט האָט איהר געמיינט, אַז עס טוט וועה, דאַרף מען וויינען — דאָס איז ניט וויסענשאַפטליך. מען וויינט דערפאַר, ווייל אין די אויגען זיינען דאָ זעקעלעך מיט וואַ־סער... אָבער ווען די זעקעלעך וויינען זיך אויס, פילען זיי זיך באַלד אָן מיט אַנדערע וואַסער. הייגט וואָס געווינט מען וויסענשאַפטליך מיט'ן וויינען? ביז די טעג, אַז מע פלעגט אייך קיצלען, האָט איהר געלאַכט, דאָס איז זעהר אַן אַלטער מנהג, וועלכער האָט קיין וויסענ־שאַפטליכען זינען. איהר לאַכט דערפאַר ווייל דער קיצלען צוקיצעלט אייך די נערוועז... ווי באַלד אָבער איהר ווייסט, אַז דאָס איז ניט מעהר ווייל די נערוועז זיינען צוקיצעלט — איז לאַכען זעהר אונ־וויסענשאַפטליך. ביז יעצט אַז מען האָט אייך געשלאָגען פלעגט איהר אַנטלויפען — עס איז געגען דער וויסענשאַפט: די וועלט איז קיי־לעכדיג און ווי לאַנג איהר וועט לויפען וועט איהר דאָך קומען צוריק צו דעם זעלבען אָרט. וואָס העלפט לויפען? ביז איצט האָט איהר גע־מיינט, אַז מענשען לעבען דאַן וועט זיי לעבען, איצט ווייסט איהר שוין, דאָס מענשען לעבען נור, ווען זיי זיינען וויסענשאַפטליך. און אַזוי ווי נור ביי אונז אין חעלעם לעבט מען וויסענשאַפטליך, איז אַ ראיה אַז נור אין חעלעם זיינען דאָ מענשען... און אַלע איבעריגע מענשען וועלען זיין מענשען נור אין דער צייט, ווען זיי וועלען אַלע קומען צו אונז קיין חעלעם...

בעת ההיא אין דער צייט האָבען די חעלמער אָנגעפאַנגען אַ נייעם לעבען און זיינען שטאַרק פערענדערט געוואָרען. ביז איצט זיינען זיי געוועזען נור חעלעמער נאַררען פון די יאָהרען פון חיים יענקעל דעם וויסענשאַפטליכען זיינען זיי געוואָרען וויסענשאַפטליכע מענשען אויך... והעיר חעלעם צהלה ושמחה!...

עס לעבט די שטאָדט חעלעם, עס לעבט חיים יענקעל דער ווי־סענשאַפטליכער. די חעלעמער האָבען פריהער געהאַט נעמען — ר' שמעריל, ר' געצעל, ר' זרח, איצט זיינען זיי אַלע נומערירט. אַנ־שטאָט ר' געצעל זאָגט מען אין חעלעם נומער 7, אַנשטאָט ר' זרח נומער 8. זאָגאַר די זונן, די לבנה, דער ווינד, דער רעגען א. ז. וו. זיינען אויך רעגיסטרירט געוואָרען אין חיים יענקעל'ס נאָטיץ בוך אונטער נומערן. כדומה למשל די זונן איז נומער 13, די לבנה נומער

11 ... „אויב די זונן, די לבנה און די אַנדערע זאַכען פון דער טבע וועלען ניט זיין צופריעדען מיט מיין וויסענשאַפטליכער סיסטעם און מיט מיינע הגהות צו דער סמאַרגאָנרע תורה, זאָגט חיים יענקעל, דאַן שליסען מיר זיי אוים פון חעלעם. נישקשה, אָהן אַ זונן און אפילו אָהן אַ דער גאַנצער נאַטור קען מען לעבען אין חעלעם, אָבער וואָס וועט חלילה זיין פון אונזער חעלעם אָהן אַ שטרענגע וויסענשאַפטליכע סיסטעם?"

שטיל איז געוואָרען אין דער שטאָדט חעלעם. אַ מאָל פלעגען די חעלעמער רעדען הויך, פריי און הילכיג, איצט שושקען זיי זיך אין דער שטיל — זיי האָבען מורא פאַר חיים יענקילס סיסטעם. אַ מאָל האָט מען געוואוסט, דאָס די חעלמער זיינען טאַקע נאַררען, אָבער זיי זאָגען שטענדיג די וואַרהייט, היינט האָט אַ חעלעמער קיין רעכט ניט צו זאָגען אָפען אין גאַס, אפילו, אַז ר' געציל האָט אַן אונגעוועהנליכען קאַטער! ער דאַרף קומען אויף די שפּיץ פינגער צו חיים יענקיל דעם וויסענשאַפּטליכען און אריינשושקען איהם שטיל אין אויער: „ר' יענקיל, אונזער נומער 7 איז במחילה... הם טם..." אַ מאָל זיינען די חעלעמער געוועזן גוטע, פריינדליכע מענשען, היינט, ווען עס פערבלאָנזעט צו זיי אַן אורח, פרעגען זיי איהם באַלד — אַנערקענט ער חיים יענקיל דעם וויסענשאַפּטליכענס סיסטעם אין גאַנצען ווי עס שטעהט און געהט? זאָגט ער יאַ, שרייבט איהם חיים יענקעל אָן אַ נומער אויף דער פּלייצע מיט קרייד און ער מעג פריי שלאָפען אויף די גאַסען פון חעלעם, געשוואָלען ווערען פאַר הונגער אויפ'ן מאַרק, אָדער אפילו אויפהענגען זיך אויף דעם בעס־טען פּלאַץ אין גאַנץ חעלעם. ווען אָבער דער אורח זאָגט, אַז אפילו איין פינטעלע איז אין חיים יענקעל'ס סיסטעם ניט גענוג קיילעכדיג, אָדער אַ לאַנגע צדיק איז ביי איהם צו פיעל פערדרעהט, — רייסט מען אוים דעם אורח דעם באָרד, מען פליקט איהם אוים די פּאות, מן שפּייט איהם אָן אין פּנים און מיט באַראַבאַנעס יאָגט מען איהם ארוים פון חעלעם...

די חעלעמער, אַזוי ווי אַלע נאַררען, האָבען זיך שטענדיג גע־רעכענט פאַר די גרעסטע חכמים, זיי פלעגען אָבער צוגעבען, אַז פון יענער זייט חעלעם קען זיך אויך געפינען אַ חכם — חיים יענקיל

האָט זיי ערקלערט און זיי האָבען זיך איבערצייגט, אז ווער עס איז ניט קיין חעלעמער, דער איז זעהר א מיאוסער און א נידריגע בריאה. ניט נור אלע חעלעמער זיינען חכמים, זאָגט חיים יענקיל דער וויסענ־שאַפטליכער, — אלע חכמים זיינען אונבעדינגט חעלעמער.

מיט גראָז זיינען פערוואקסען אלע וועגען, וועלכע האָבען גע־פיהרט קיין חעלעם. מיט שטעכיגע בודיאקעס האָבען די חעלעמער פערזייט אלע ארויסגעהנגע פון חעלעם צום פרייען פעלד... אנשטאָט לעבעדיגע מענשען בעוועגען זיך אין די גאסען פון חעלעם געצייי־כענטע נומערען... חעלעם ווערט אָבגעשניטען פון דער גאנצער וועלט און חיים יענקעל דער וויסענשאפטליכער לערנט זיינע חסידים און זאָגט זיי: „א מאָל האָבען מיר געמיינט, אז פון יענער זייט חע־לעם איז אויך עפּעס דאָ, היינט האָבען מיר וויסענשאַפטליך אויסגעע־פונען, אז אלעס הויבט זיך אָן און ענדיגט זיך ביי אונז אין חעלעם. א מאָל איז מען געווען אבערגלויביש און פאַנאַטיש און מען האָט געגלויבט, אז מען קען זיין א מענש, אפילו ווען מען איז ניט קיין חעלעמער, היינט עזהט מען שוין בעשיינפערלעך: ווער עס איז קיין חעלעמער ניט, דער איז קיין מענש ניט.

פערוואָרפען, אָבגעזונדערט, אָבגעצאמט, בלייבט די שטאָט חעלעם... די חעלעמער זיצען אין זייערע ווינקעלעך און ווארטען, ווען וועט מקוים ווערען חיים יענקעל דעם וויסענשאפטליכענ׳ס נבואה און די גאַנצע וועלט וועט קומען און וועט זיך אריינקוועטשען אין חעלעם אריין... און די גאַנצע וועלט געהט ניט קיין חעלעם, און די זונן, אלס נומער 13 פון חיים יענקעל׳ס נאָטיץ־בוך וויל ניט בלייבען שטעהן אין חעלעם, ווי אין גבעון, אין די צייטען פון יהשוע בן נון... זי געהט פערביי חעלעם שמייכלענדיג און צוגיסט שיין, ליכט און ווארימקייט אויף אלעם וואָס לעבט און שטרעבט צו לעבען און צו עקזיסטירען.

יעזוס קריסטוס און קאַרל מארקס צו גאַסט אין ניו יאָרק.

1 פּראָלאָג.

מיט גאָלדענע שטראַהלען איז געווען בעגאָסען דער הערליכער פּאַראַדיז, דער פאַנטאַסטישער גן־עדן. הימלישע פויגעלאַך האָבען גע־זונגען כאָראַלען און הימנען, צויבערישע בלומען האָבען מיט זייערע אונגעוועהנליכע העלע פאַרבען גערייצט דאָס אויג און געשיקט מיט א וואַרעם ווינטעלע יעדען א רח נחות. די אויסערוועהלטע איינוואָהנער פון דיעזען גאָרטען פון פרייד און רוה האָבען שפּאַצירט צווישען וואונדערבאַרע בוימער און האָבען געשמועסט פון ערהאַבענע זאַכען, אַנדערע זיינען געזעסען אויף טהראָנען פון ראָזען און ליליען אונטער דעם שאָטען פון טויזענד־יאָהריגע בוימער... אונטערן אָלטען עץ החיים איז געזעסען משה בן עמרם מיט זיין גרויסע זילבערנע באָרד, קאַלטען קלוגען בליק און גרויסען אָפענעם שטערען. לעבען איהם איז געזעסען ישוע הנוצרי מיט זיין קליינע ניט צוקאַמטע בערדעלע, מיט זיין גוטען און נאַאיווען בליק, מיט זיין קליין קעפּעלע און ליעבליכען פּנים. זיי אַנטקעגען איז געזעסען דער אַלטער בודדאַ מיט א צאָפּ, מיט א קורצען נעזעל, גלאַטען פּנים און מיט אויגען, וועלכע זיינען געווען טיעף ווי די אונענדליכע עוויגקייט און אונבעגרייפליך ווי די אונבעגרענעצטע נירוואַנע.

ניט ווייט פון זיי, אונטערן עץ הדעת, איז געזעסען אַריסטאָטעל, ניוטאָן, דאַרווין, קאַרל מאַרקס און נאָך עטליכע גאונים. פּלוצלינג האָט זיך קאַרל מאַרקס אויפגעהויבען און איז אַריבערגעגאַנגען צו די, וואָס זיינען געזעסען אונטערן עץ החיים. ניוטאָן האָט א ווינק גע־

טאָן צו אַריסטאָטעל'ן און האָט מיט אַ גוטען שמייכעלע געזאָגט:

„עס איז מערקווירדיג מיט די אידעלעך, אפילו דאָ אין גן עדן, אפילו אַזעלכע טיטאַנען פון זיי, ווי מאַרקס, — בלייבען דאָך אידען און עס ציהט זיי איינע צו די אַנדערע... בעטראַכט נור די דריי אידלעך: משה, ישוע און קאַרל?... די גאַנצע וועלט האָט דאָך צו טאָן מיט זיי!

— מיט משה און ישוע'ן האָט מאַרקס אַזוי אָפט צו טאָן, ניט דערפאַר, וואָס זיי זיינען אידען, האָט געענטפערט דאַרווין... ער דיסקוטירט אַזוי אָפט מיט זיי, ווייל ער איז זייער געגנער... משה האָט געשאַפען דעם ערשטען טעסטאַמענט, יעזוס האָט געגעבען דעם צווייטען טעסטאַמענט, — דער דריטער אידעלע, קאַרל מאַרקס, האָט געגרינדעט דעם דריטען טעסטאַמענט, וועלכער וועט זיין די רעליגיאָן פון דער וועלט, דער גלויבען פון אַלע פעלקער...

אין דערזעלבער צייט איז אונטערן עץ החיים געגאַנגען אַ לעב־האַפטער שמועס... יעדער פון די דעבאַטאַנטען האָט געגלויבט דאָס זיינע אידעען רעגיערען די מענשהייט. נאָך אַ לאַנגע דעבאַטע איז בעשלאָסען געוואָרען: בעזוכען אַזאַ גרויסע שטאָט ווי, צום ביישפּיעל, ניו יאָרק, אום צו איבערצייגען זיך אויף ווי פיעל די פּרינציפּען פון „מאָזאאיזמוס", „יעזואיזמוס" און סאָציאַליזמוס רעגולירען דאָס לע־בען פון די היינטיגע מענשען.

— נון, און בודהיזמוס? ווייסט איהר דען ניט, דאָס אין ניו־יאָרק ווערען געגרינדעט נייע טעמפּלען און נייע סעקטען?...

— הערר בודדא, האָט געענטפערט מאַרקס מיט אַ שמייכעלע, אייך וועט מען ניט אַריינלאָזען. אין דעם לאַנד פון יענקים. ווי מען וועט נור דערזעהן אייער צאָפּ, וועט מען אייך אַרעסטירען... נאָך וואָס דאַרפט איהר דאָס! פערגעסט ניט, איצט איז ביי זיי אַן עמיג־ראַנטען־קאָמיסיאָנער פּאָודערלי... ער איז אַמאָל געוועזען אַן אַר־בייטער פריינד... און „געוועזענע" אַרבייטער פריינדע זיינען די ערגסטע שונאים פון טאָלעראַנץ און פרייהייט.

עס איז געבליבען: משה רבינו, יעזוס קריסטוס און קאַרל מאַרקס זאָלען יעדער איינציגווייז בעזוכען די גרויסע מעטראָפּאָלע פון אַמעריקאַ, די בעריהמטע שטאָט ניו יאָרק. דעם ערשטען כבוד

האָט מען געגעבען דעם אַלטען משה. ער האָט באַלד גערופען דעם גרויסען מלאך, דעם קינסטלער מטטרון און האָט איהם געהייסען מאַכען אַן עלעווייטאָר פונ'ם רקיע השמים צו דער ערד... און מטטרון האָט געזאָגט: יהי עלעוויטאָר! און אַן עלעווייטאָר־באָקס איז באַלד בעשאַפען געוואָרען און משה רבינו מיט מטטרון זיינען אַראָפּגעפלויגען פון זיעבעטען הימעל גלייך אויפ'ן רוף פון היברו אינסטיטוט.

אַלע איינוואָהנער פון דעם הערליכען פּאַראַדיז זיינען זעהר פער־אינטערעסירט געוואָרען מיט דיעזער רייזע און האָבען מיט אונגע־דולד ערוואַרטעט איהרע רעזולטאַטען. אונטערן עץ החיים און אונ־טערן עץ הדעת האָט דיעזע רייזע ארויסגערופען זעהר הייסע דיס־קוסיאָנען... אַריסטאָטעל האָט פאָרגעלעגט, מען זאָל פון הימעל דורכפיהרען צו ניו יאָרק אַ ספּעציעלען טעלעפאָן. דער פאָרשלאַג האָט אָבער ניט געקענט אָנגענומען ווערען, ווייל מען האָט אויסגעפונען, דאָס די עקספּלואַטאַציע פון טעלעפאָנען געהערט צו אַ טראָסט און דאָס דערפון קען ארויס אַ פּראָצעס מיט זעהר פיעל שאָדען און אור־נאַנגענעהמליכקייטען... עס איז מיט אַלע שטימען, געגען איינע, בעשלאָסען געוואָרען: פערדאַמען אַלע טראָסטען און אַלע מאָנאָ־פּאָליען. די איין שטימע, וועלכע איז געגען דיעזע רעזאָלוציאָן, האָט געהערט צו יעזוס קריסטוס, וועלכער האָט געזאָגט, דאָס מען טאָר קיין זאַך ניט פערדאַמען און מען דאַרף געגען קיין אונרעכט ניט פּראָטעסטירען... מען דאַרף נור בעטען פאַר אונזערע פיינדע און פערצייהען זיי... קיינער האָט אָבער מיט איהם ניט געשטימט, אפילו איין משומד ניט.

אָבער לאָמיר פערלאָזען די איינוואָהנער פון הימעל און אומקעהרען זיך צו משה'ן, וועלכער איז איצט אויפ'ן רוף־גאַרדען פון היברו אינסטיטוט.

---

2 משה.

משה איז אַראָבגעפאַלען אויפ'ן רוף־גאַרדען פון היברו אינ־סטיטוט אין אַזאַ צייט, ווען דער דזשעניטאָר האָט געראַמט און ווען

מען לאָזט נאָך ניט קיין פרעמדע. דער דזשעניטאָר, אַ געזונטער איי־רישמאַן האָט איהם זיעבען מאָל געזאָגט: „גאָד דעם יו דוירטי שיני" און האָט איהם מיט'ן בעזעם אַראָבגעקעהרט פון אַלע טרעפּ ביז'ן סטריט אַרונטער, ביז'ן רעכטען איסט בראָדוויי.

אין אַ אידישען אינסטיטוט זאָל מען אַזוי בעהאַנדלען אַן אַל־טען גרויען אידען? דעם גרויסען לעהרער איז שוין געוואָרען קאַלאָ־מוטנע אויפ'ן הארצען, ער האָט זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואָס דיעזער אינסטיטוט געהער צו רעפאָרמירטע „יהודים"... אויך מיר אידען!... געוויס, יעזוס זאָל צו זיי קומען, האָט געטראַכט משה רבנו, וואָלטען זיי איהם שעהנער אויפגענומען... זיי וואָלטען אונ־טערגע'חנפ'עט צו די גוים און געוויזען, וועלכע טאָלעראַנטע און אויפגעקלערטע מענשען זיי זיינען... אָבער וועלכע „ביזנעס" קען מען מאַכען מיט'ן אַלטען משה?...

געהט אַזוי משה רבנו און זעהט, אַ אידעל, אַן אמת'ען, צימעס־דיגען איד, מיט ניט צוקעמטע פּאות און אַ קאַלטענאָוואַטע באָרד שטעהט אויפ'ן קאָרנער מיט אַ פּושקאַרט און פערקויפט וויינטרויבען. משה האָט זיך מחיה געווען, ווען ער האָט דערזעהן אַזאַ קרוב... מיט פערגניגען איז ער געשטאַנען געגען איהם און האָט געקוקט ווי ער האַנדעלט. וואָס איז דאָס? אַנשטאָט אַ פונט, גיט ער נור דריי פיערטעל. אַ איד!...

— מיין פריינד — זאָגט צו איהם משה — ווייסט איהר דען ניט, אַז משה האָט אייך געזאָגט: אבן שלמה וצדק יחיה לך... (אַ ריכטיגע וואָג און גערעכטיגקייט זאָלען זיין ביי דיר?)

— וואָס האָט עס צו דיר? דו אַלטער יאָלד... נעהם דעם וועג, אויב דו ווילסט ניט קריגען געבראָכענע ביינער... גרינהאָרן!...

געהט משה רבנו ווייטער און זעהט געגען אַ פענסטער דריי גאָלדענע גוליעס. ער שטעלט זיך אָפּ און קוקט. אַ געזונטער אָפּגע־פרעסענער איד זיצט ביי אַ טיש און פיעל אידען מיט ווייבער ברענ־גען איהם משכנות, ווער ציהרונג, ווער אַ וואַרעמען פּאַלטאָ, ווער אַ קאָלדרע, משה רבנו האָט נור געוואָלט אַריבער טרעטען דעם שוועל, הערט ער ווי דער בעל הבית פון פּאַון שאָפּ שרייט צו איהם: קיינע שנאָרערס! קיינע שנאָרערס! געט אַאוט אָף היער!...

— איך בין ניט קיין שנאָרער, חלילה, איך האָב אייך נור גע־וואָלט פרעגען: שיקט איהר יעדען אָרעמאַן ביי נאַכט זיין קאָלדרע און זיין וואַרעמען צודעק אַזוי ווי משה האָט אייך געלערענט?...

— איך זאָג אייך!... אַ קבצן מעג פריהרען, דער רוח וועט איהם ניט נעהמען. משה! משה! ווער הערט איצט משה'ן? משה האָט געזאָגט מע זאָל ביי אַ איד קיין פּראָצענט ניט נעהמען און איך האָב פון אידישע פּראָצענט אויסגעבויט צוויי טענעמענט הייזער... חאַ, חאַ, ער האָט זיך דערמאָנט אָן משה'ן!... אַלטער! ביסט אַליין אַ גוטער „משה"..*) נעהם דעם וועג! הוש!

אויף יעדען טריט און שריט האָט משה געזעהן, אַז מען הערט דעם פּסוק, ווי אַ פּאָר אַ יאָהריגען שנעע. ער האָט געזאָגט זיינע אי־דעלעך. „לא תסיג גבול רעך". אַ איד זאָל ניט קריכען אויפ'ן אַנדערן און ער האָט געזעהן דוקא פערקעהרט, וואו אַ איד האָט נור אַ שטיקע־לע פּרנסה קריכט אויף איהם דער אַנדערער איד... אַ גראָסער קריכט אויף אַ גראָסער, לעבען איין דרוקער זעצען זיך דריי דרוקאַרניס, אויף איין אַפּטעק שטופּען זיך פינף אידישע אַפּטעקען, אויף איין אידישען צאָהן קריכען זיבען דענטיסטען... ווי עס זעצט זיך איין אידישער דאָקטאָר, ווערט באַלד די גאַנצע גאַס בעזעצט פון אידישע דאָקטוי־רים, ווי אַ שטיקעל צוקער פון פליגען. און אַז משה רבנו איז אריין געגאַנגען פרעגען האָבען די אידלעך פון איהם געמאַכט חוזק. אין אַנ־דערע פּלעצער האָט מען איהם אַראָבגעוואָרפען פון די טרעפּ און אויפ'ן גאַס האָבען איהם אידישע יונגאַטשעס געמאַכט אַן אמת'ען קבלת פּנים מיט אַ געשריי און טיוקעריי. איינינע האָבען איהם גע־פליקט די באָרד, אַנדערע האָבען איהם געשפּיגען אין פּנים.

ער איז געווען קראַנק, צוהרגעט און מיעד, ווען די זונן האָט זיך אָנגעהויבען צו זעצען און ער האָט אַ טראַכט געטאָן פון אַ נאַכט־לעגער... ווי ער געהט אַזוי, זעהט ער געגען זיך אַ שעהנע געביידע און אויף איהר איז אויפגעשריעבען: „בית אל" — גאָט'ס הויז. „זה השער לד' צדקים יבוא בו" — דאָס איז דער טויער פון גאָט אין וועלכען צדיקים קומען...

גאָט'ס הויז, טראַכט משה רבנו, דאָ וועל איך געוויס טרעפען

---

*) אויף דעם היגען לשון — אַ פּראָסטאַק.

אמת'ע אידען... ער געהט ארויף די מארמעלנע טרעפ, עפענט אויף א טהיר און זעהט א שעהנע, פרעכטיגע שול, אויף דער פלאטפאָרם שטעהט א טישעל און דער ראבינער, דער פרעזידענט, דער שמש און א טראָסטי, זיצען און שפיעלען פינאקעל, זעהר שטארק צופלאַ־קערט און צוטראָגען. אויף זיין פראגע: וואו קען ער האָבען נאכט־לעגער, האָט מען איהם פריהער געשיקט צום טייוועל, נאכדעם האָט מען איהם מיט א חוצפה'דיגען געלעכטער געהייסען געהן אין פאַר־סייטה סטריט...

אויף פארסייטה סטריט האָבען איהם בעגעגענט פרייליכע מאמ־זעלען. זיי האָבען איהם געשעפטשעט אויפ'ן אויער מיאוסע סודות, האָבען געלאכט פון איהם, האָבען איהם געשטויסען און איינע האָט מיט חוצפה אראָגעריסען פון זיין גרויען קאָפּ דעם קאפעליוש... און ווען משה רבנו, אן ערשטוינטער און פערוואונדעטער, האָט זיך א כאפּ געטאָן ביי זיין גרויען קאָפּ און האָט אָנגעהויבען צו שרייען: געוואלד, ביי אידען זאָל זיין אזוינס? איך האָב דאָך אייך געזאָגט: לא תהיה קדשה מבנות ישראל? — איז ארוים געלאָפען א אידישער פימפּ, וועלכער האָט זיך געקליבען צו לויפען פאר אן אָלדערמאָן, און האָט איהם געמאכט א בלעק איי... און איינע פון די בנות ישראל האָט אויסגעגאָסען אויף זיין קאָפּ פונ'ם צווייטען שטאָק א קרוג מיט שמוציגע וואסער...

די זונן האָט זיך שוין לאנג געזעצט. עלעקטריק און גאז ליכט האָט בעגאָסען די גאנצע שטאָדט און דער אלטער משה האָט נאָך אלץ אומגעוואנדערט איבער די ענגע גאסען פון ניו יאָרק.

קראנק און בייז האָט געמאכט משה'ן יעדע זאך, וואָס ער האָט געזעהן אין אידישען לעבען... ער האָט געזעהן, אז די רבנים, אנ־שטאָט אכטונג צו געבען אויף משה'ס תורה שרייבען הכשרים און פאבריצירען נייע מצוות. די פרומע אידען האָבען צוגעשטוקעוועט צו זיין תורה אזוי פיעל אנדערע תורות, אז ער האָט ניט געקענט דערקענען זיין תורה... די אויפגעקלערטע יהודים האָבען צוגעטשע־פעט צו איהם אזוי פיעל גוישע רעפאָרמעס, אז ער האָט גאָר ניט גע־גלויבט, דאָס זיי זיינען אידען... זיי רופען זיך רחמנים בני רחמנים האָט משה געטראכט, און ווילען ניט העלפען אן אלטען גרייז־גרויען מענשען. ביים רב הכולל האָט מען איהם געוואָלט געבען א הכשר

פאַר אַ פיערטעל דאָלאַר, אָבער ניט עסען... אין די אידישע לאָדזשען האָט מען איהם געזאָגט, אַז „בענעוואָלענס" איז ביזנעס און דאָס ער איז צו אַלט... אין דער אַכטער סטריט, האָבען די „טשאַריטניקעס" איהם בעלעדיגט און אַ פּאָלים מאַן האָט איהם מכבד געוועזען מיט אַ קאָזיאָנעם פלאָקען איבער'ן קאָפּ... קוים אַ לעבעדיגער, מיט צו־בראָכענע ביינער און אַ צו וועהטאָגט הארץ האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אין פּאַראַדיז. ער האָט שווערען זיפץ געטאָן און, אַלס אַרענטלי־כער אויפריכטיגער מאַן, האָט ער אָפען ערקלערט: פריינדע, דער מאַזאַאיזמוס לעבט ניט מעהר. עס לעבען נור זיינע טויטע אָבגע־שטאָרבענע פאָרמען.

— איך האָב עס פריהער געוואוסט — האָט געענטפערט מיט פרייד יעזוס קריסטוס. די רעליגיאָן פון נקמה, די תורה פון אַ צאָן פאַר אַ צאָן איז שוין לאַנג אָבגעשטאָרבען... די רעליגיאָן פון ליעבע לעבט איצט, די תורה פון פערגעבונג און פערצייהונג הערשט צווי־שען די מענשען... אָט איהר וועט זעהן, וועלכע פריילעכע נאַכ־ריכטען איך וועל אייך ברענגען. מטטרון, לאָז מיך אַראָפּ אין ניו־יאָרק!...

---

3. יעזוס קריסטוס.

אָן ענטיצקטער, אַ גליקליכער איז יעזוס קריסטוס אומגעגאַנגען איבער די אָפּ־טאַונער גאַסען פון ניו יאָרק. וואָס ער האָט געזעהן האָט געפרייט זיין הארץ. פּראַכטפאָלע קירכען אויף יעדער טריט, מאַרמעלנע מיססיאָנס הייזער, יאָנג מען כרישטיאָן אַססאָסיאיישאָנס געביידע... די ביבלישע געזעלשאַפט מיט מיליאָנען עוואַנגעליעם אויף זיעבציג שפּראַכען... עס לעבט! עס לעבט דער „יעזואיזמוס" די רעליגיאָן פון ליעבע.

עס וואונדערט מיך איין זאַך, האָט יעזוס געטראַכט, איך האָב ערוואַרטעט צו בעגעגענען אויף די גאַסען פון ניו יאָרק פיעל קריס־טען מיט אויסגעריסענע אויגען און אָבגעהאַקטע הענט און איך זעה זיי גאַר ניט. איך האָב זיי געלערענט ווען דיין אויג רייצט אויף דיין יצר הרע, רייס דיין אויג אַרויס... ווען דיין האַנד ציהט זיך צו

זינדיגען — האַק אָפּ דיין האַנד... מיינע אָרעמע ברידער, וויפיעל אויגען רייסען זיי און האַקען יעדען טאָג?... ווי ער האָט אַזוי גע־טראַכט, זעהט ער עס געהט אַן איירישער קאַטאָליק מיט אַ צלם אויפ׳ן ברוסט און מיט אַן אויסגעלאָשענע אויג...

— מיין ברודער, דו האָסט נעבעך אויסגעריסען דיין אויג, אום ניט נאָכצוגעבען דעם יצר הרע?...

— אָה! יו פול!.. איך האָב זיך געשלאָגען אויף קולאַטשקעס... האָב איך דזשאָהנען אויסגעזעצט פיער ציין און ער האָט מיר אויסגע־טראַסקעט אַן אויג... אָה! דזשיזשום קרייסט! האָב איהם גענגע־בען אַ טראַסק!

יעזוס האָט ניט געוואָלט הערען זיינע זינדיגע רעד און איז ארויפ־געשפּרונגען אויף אַ קייבעל־קאַר... ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו זעצען זיך — די קאַר האָט געגעבן אַ שפּרונג און האָט זיך אָבגעשטעלט... עס איז געוואָרען אַ ליאַרעם, אַ געשריי... צוויי קינדער איבערגעפאָהרען...

— וואָס הייסט מאָרדען קינדער?... וואו איז אייער ליעבע? פּייער אין הימעל.

— די קאָמפּאַניע, האָט געענטפערט דער קאָנדוקטאָר, דאַרף ניט קיין ליעבע. זי וויל וואָס מעהר פּראָפּיט...

יעזוס האָט ניט געוואָלט פאָהרען אויף אַ קאָר, וועלכע איז בע־שפּריצט מיט מענשען־בלוט און איז אַוועקגעגאַנגען צו פוס. בעגע־גענט ער אַ מענשען, וועלכער האָט נור איין האַנד.

— מיין ברודער, זאָגט ער, דיין בלאַס גוט געזיכט צייגט, דאָס דו ביסט אַ פרומער... דו האָסט אָבגעהאַקט דיין האַנד כדי זי זאָל ניט זינדיגען?

— מיין האַנד האָט אָבגעריסען אַ מאַשין אין אַ פעקטאָרי... דער באָס האָט מיך ארויסגעטריבען און איך בין בלאַס, ווייל איך האָב ניט וואָס צום עסען... מיין לאָיער פיהרט מיט איהם אַ פּראָצעס, אפשר וועט איהם געלינגען עטוואָס אויסצורייסען...

— אויסרייסען? וועה איז מיר, און וואו איז די ליעבע, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט בירושה?

— די ליעבע? פרעגט אָט דעם מענשען, וואָס געהט אהער, דאָס איז פּאַרקהורסט, א פּריעסט, א קריסטליכער רב.

יעזוס איז צוגעגאַנגען צו פּאַרקהורסט'ן און אום צו איבער־צייגען זיך, אויף וויפיעל ער איז איבערגעגעבען דער קריסטליכע מאָראַל האָט ער איהם דערלאַנגט א פּאַטש אין דער רעכטער באַק און האָט אויסגעשריען „שטעל אונטער דיין לינקע באַק, ווי קריסטוס האָט דיך געלערנט!..." פּאַרקהורסט האָט אָבער ניט אונטערגע־שטעלט די באַק, א צוקאָכטער פון רציחה האָט ער זיך מיט זיין שווע־רען שטעקען ארויף געוואָרפען אויף יעזוס'ען, האָט איהם איבער־געבראָכען צוויי ריפּען, צוקוואַטשעט די נאָז, צושפּאָלטען דעם שאַר־בען און האָט איהם נאכדעם געלאָזט ארעסטירען...

יעזוס קריסטוס איז געזעסען דרייסיג טאָג אין וואָרק הויז און ווען ער איז בעפרייט געוואָרען, האָט ער זיך געלאָזט געהן איבער די גאַסען פון ניו יאָרק און פּרעדיגען ליעבע. אויף דער 5טער עווע־ניו האָבען זיך אָבגעשטעלט אייניגע מענשען כדי צו הערען וואָס ער זאָגט:

„עס איז שווער דעם רייכען צו טרעפען אין גן עדן אריין, אזוי ווי דעם עלעפאַנט דורכצוקריכען דורכ'ן קעפּיל פון א נאָדעל..."

— אַנאַרכיסט! אַנאַרכיסט! האָבען אָנגעהויבען צו שרייען אַלע צוהערער. א פּאָליסמען האָט איהם באַלד בעזוכט, אויב ער האָט ניט קיין באָמבעס און האָט איהם געבראַכט אין קאָורט...

— האָט ליעב אייערע פיינדע! פערצייהט אייערע שונאים!... זייט ברידער צווישען זיך, האָט גע'טענה'ט אין איין קול יעזוס קריס־טוס, נעהמט ניט קיין נקמה! האָט ניט קיין שנאָה, קיין קנאָה!...

אין קאָורט איז געוואָרען זעהר א גרויסער געלעכטער. א משוגע־נער! א משוגענער! א קריינק! מען האָט געשיקט נאָך פּראָמינענטע דאָקטוירים, וועלכע האָבען איהם בעטראַכט און האָבען בעשלאָסען, דאָס דער מענש ליידעט פון א שרעקליכע משוגעת, וועלכע רופט זיך „מאַניא רעליגיאָזא"... עס איז זעהר א געפעהרליכע קראַנקהייט און זיי האָבען געראַטהען אָנצוטאָן אויף איהם אן אייזערנע העמד און אָוועקשיקען איהם אויפ'ן „שוואַרצען אינזעל" אין דול הויז. און כך הוה.

4. קאַרל מאַרקס.

ווען יעזוס איז געקומען צוריק אין פּאַראַדיז קוים אַ לעבעדיגער, אין אַ חאַלאַט און אַ מיצעל פון אַ משוגענעם, האָט קיינער איהם ניט געדאַרפט פרעגען די רעזולטאַטען פון זיין רייזע...

— איצט, האָט געזאָגט קאַרל מאַרקס וועל איך געהן זעהן, וואָס הערט זיך דאָרטען מכח סאָציאַליזמוס. מטטרון, לאָז מיך אַראָפּ אין דעם טהייל פון שטאָט, וואו עס וואָהנען מיינע געליעבטע קבצנים׳־לעך.

איהר קענט אייך פאָרשטעלען, ווי ניעדריג קאַרל מאַרקס איז געבעך אַראָפּגעפאַלען, ווען ער האָט זיך דערזעהן לעבען ראָטגער סטריט, ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אָפּצוכאַפּען דעם אטהעם, ווי ער האָט שוין דערהערט ווי מענשען, וועלכע האָבען פולע מיילער מיט קייק און מיט פלייש, שרייען מיט בעגייסטערונג: „דער וויסענ־שאַפטליכער סאָציאַליזמוס! צוואַנציג סענט אַ האַמבורגער סטייק!..." אנדערע האָבען געשריען: „ארבייטער פון אַלע לענדער... איך האָב אייך אין דער ערד!" „די בעפרייאונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און וואו זיינען די דאָמינאָ שטיינער".

קאַרל מאַרקס איז אריינגעגאַנגען אין אַ שמאָל קלייזיל און האָט זיך ארומגעקוקט. ער האָט געהאָפּט צו דערזעהן פּנימער, וועלכע זייי־נען בעשיינט מיט שטראַהלען פון געדאַנק און זעלבסט בעוואוסטהייט, אינטעליגענטע פּנימער פון דענקענדע פּראָלעטאַריער, עהרליכע פּנים׳ער פון אויפריכטיגע סאָציאַליסטען ווען ער האָט אָבער דאָ דערזעהן סוביעקטען מיט אַן אויפשריפט אויפ׳ן שטערן: „אונזער פּאַרטיי איז די באַנדע און נור אונזער באַנדע איז די פּאַרטיי", — האָט ער אַ שווערען זיפץ געטאָן און האָט שטיל געפרעגט: פריינדע, וואו קען איך דאָ קריגען ריכטיגע נאַכריכטען וועגען דעם סאָציאַליז־מוס אין ניו יאָרק?...

— ריכטיגע?... דאָס איז ניט קיין פּאַסענדעס וואָרט. איהר ווילט געוויס זאָגען: „אָפיציעלע נאַכריכטען..." צוויי טריט פון דאַ־נען קענט איהר עס האָבען... דאָ עסען מיר און דאָרט איז דער פּלאַץ פון טעטיגקייט... אויב איהר ווילט אַהין אריינטרעטען, דאַרפט

איהר פריהער ענטפערען אויף עטליכע פראגען פון וויסענשאפטליכען סאציאליזמוס.

דער אלטער לערער האט א גוטען שמייכעל געטאן און האט מיט עניות געענטפערט: וואס איך וויים, וועל איך זאגען...

— האט איהר קיין מאל ניט א קרים געטאן מיט'ן נאז, ווען איהר האט געהערט דעם נאמען פון דע־ליאן?

— אויב דער נאמען האט עטוואס אין זיך, וואס דער נאז קען ניט פערטראגען, וועט ער זיך געוויס קרימען. אבער ער איז מיר גאנץ פרעמד. דעם נאמען הערט מען נור דא ביי אייך.

— האט איהר קיין מאל ניט, אפילו אונגערן, א לאך געטאן, ווען מיר האבען געטראכט פון אונזערע סאציאליסטישע פעלדפעבעלס פון פארטיי דיסציפלין?

— איך וויים ניט, וואס איהר מיינט און פערשטעה ניט, וואס האט עס צו טאן מיט וויסענשאפטליכען סאציאליזמוס.

— איהר הערט? ער וויים ניט און פערשטעהט ניט, בראווא! ער איז שוין כמעט אונזערער... קומט. איהר מעגט האבען די זכיה צו בעזוכען אונזער איסט סייד אפיציעלען האלסייל און ריטייל גע־שעפט פון וויסענשאפטליכען סאציאליזמוס, אדווערטייזמענטס, דיסציפלין און טאקטיק"...

דער אלטער קארל מארקס האט זיך זעהר דערפרייט, ווען מע האט איהם אריין געפיהרט אין צימער, וואו עטליכע מענשען זיינען געזעסען און געשריעבען... אונטען האט גערוישט א פרעס מאשין... פיעלע ארבייטער זיינען אומגעלאפען צוטראגענע, פערהארעוועטע... דאס איז געשאפען געווארען פון אידישע ארבייטער פאר אידישע ארבייטער...

— נו, קינדער, האט פריילעך א געשריי געטאן קארל מארקס, ווי גייט די הייליגע ארבייט?

— די הייליגע ארבייט! חא! חא! וואס זאגט איהר צום אל־טען יאלד. טס'אלטער, האסט געלעזען פון מיר א וויסענשאפטליכען ארטיקעל, ווי אזוי די חינעזער האבען חתונה?... עס איז די פינ־גער צו לעקען... איך שרייב נור אדער פון חתונה האבען, אדער פון מיקראבען, אדער פון זיך אליין. דער סאציאליזמוס וועט זעהר פיעל געווינען, ווען די ארבייטער וועלען לעזען, ווי אזוי איך האב צום

ביישפּיעל געריייזט אהין. אַז מען וועט מיר בעצאָהלען, וועל איך אויך בעשרייבען ווי אַזוי איך האָב געריייזט צוריק. וואָס דען, איך בין אַלעם בערייט צו טאָן צוליעב דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס. איצט שרייב איך מכח די מיקראָבען... „מיקראָב דאָס איז אַזאַ חיה'לע, וועלכע וואַרפט זיך אויף אַן אַנדער מיקראָב, וועלכע איז אויך אַ חיה'לע... און די אַלע מיקראָבען, וועלכע זיינען חיה'לעך, וואַרפען זיך אויף די אַלע חיה'לעך, וועלכע זיינען אייגענטליך מיקראָבען... אַלטער, דו ווייסט איך בין אַ סאָציאַליסט, איך שטעה אויף דער פּלאַטפאָרם פון דער סעקציע, אָבער איך בין געגען דעם מאַטעריאַליסטישען גייסט פון קאַרל מאַרקס טהעאָריע... איבערהויפּט, האַלט איך זעהר ווייניג פון קאַלר מאַרקס... געוויס, איך בין ניט קיין גוטער פריינד פון באַראָן הירש. אָבער מיט קאַרל מאַרקס בין איך אויך קידער ווידער..."

קאַרל מאַרקס האָט זיך צוגעהערט און געשוויגען. ער האָט געהערט, ווי מע האָט דאָ אָפען גערעדט, אַז צוליעב טאַקטיק מעג מען פּערקנייטשען די וואַרהייט... אַז צוליעב טאַקטיק, מעג מען זיך בענוצען מיט אַזעלכע מיטלען, ווי שאַנטאַזש, רכילות ליגען, פאַלשקייט... ער האָט געהערט ציניזשע בעמערקונגען, וועגען דזשאַבס, וועגען ביזנעס, וועגען „פּאָליטיקע"... ער האָט געזעהן, אַז דאָ האָט מען אַלעס אין דער ערד און געהערט פון מחלוקות, קריגערייז, צושפּאַלטונגען און מיט אַ ביטער הארץ און צובראָכען געמיטה איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף דער פרישער לופט...

אַ ווייל'ע שפּעטער איז ער געווען אין וויליאַם סטריט דער וואָרט מיט וועלכען מע האָט דאָ דעם אַלטער קאַרל מאַרקס באַגעגענט, איז געווען: „פּייקער!"

— קען איך פרעגען, וועלכע פאָרשירטע מאַכט די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי?

— יאַ... מיר האָבען גרויסע פאָרשריטע געמאַכט... מיר האָבען אַרויסגעטריבען און אָבגעשטויסען פון זיך אַלע און אונז וועט שוין באַלד ניט בלייבען מיט וועמען צו קעמפּפען.. אָבער, אַלטער פּעיקער, איך זעה, דו ביסט אַ „דזשו" און איך פרעג דיך: מיט וועמען ביסט דו — מיט אונז אָדער מיט „זיי"?

— איך בין מיט קאַרל מאַרקס.

— מיט קאַרל מאַרקס — דאָס איז װעניג... װער עס איז ניט מיט מיר דער איז געגען דעם װיסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס...

— איך בין מיט קאַרל מאַרקס און איך װיל װיסען, װאָס טוט איהר מיט דעם סאָציאַליזמוס, װעלכען...

— איהר הערט? ער איז מיט קאַרל מאַרקס! ער װיל װיסען!... איך מאַך אַ פאָרשלאָג ער זאָל ארױסגעשטױסען װערען...

— אונטערשטיצט, האָבען געענטפערט עטליכע דערשראָקענע שטימען... און קאַרל מאַרקס איז ארױסגעשטױסען געװאָרען.

און װען מע האָט קאַרל מאַרקס ארױסגעפיהרט פון װיליאַם סטריט און װען ער האָט ארומגעבלאָנזעט אַן עלענדער איבער די גאַסען װען ער האָט דערזעהן, װי װעניג אין ניו יאָרק איז געטאָן געװאָרען פאַר זײנע גרױסע אידעען, װען ער האָט פערשטאַנען, װעלכע ניעדריגע און געמײנע אונטערנעהמונגען װערען דאָ אױפגעפיהרט אױף דעם באָדען פון סאָציאַליזמוס, איז צוגעפאַלען צו אַ קאַלטען שטײן פון אַ קאַפּיטאַליסטישע געבײדע און האָט זיך ביטער צו־װײנט.

דאָ האָט איהם דער הימלישער גײסט אױפגעהױבען צו די װאָל־קענס און האָט איהם געזאָגט: װיש אָב דײנע טרערען און זעה און הער!... און דער אַלטער לערער האָט דערזעהען װי איבער'ן גאַנצען לאַנד פאַנגען זיך אָן צו בעװעגען גאַנצע לעגיאָנען מיט ארבײטער, ער האָט דערזעהן אָרגאַניזירטע ארמעען מאַרשירען איבער פעלדער און בערג; ער האָט דערהערט מעכטיגע, ניט געדונגענע און ניט גע־קױפטע שטימען, װעלכע רופען צום קאַמפף און פיהרען צום זיעג.

— אה! האָט דער גרױסער לערער געזאָגט מיט פרײד, דאָס װאָהרע פאַנגט זיך ערשט אָן!... עס געהט! עס קומט און עס זיעגט!...

מוסף של ראש השנה.

(מיט עברי טייטש־פּירוש.)

ובכן ויהי בישורון מלך!

און דער פאר טאָקי האָט דאָס פאָלק ישורון, דאָס אויסערוועהל־טע „אתה־בחרתנו" פאָלק האָט אויף דעם זעלביגען מלך. אָה! דער מלך עליון. ער וואָהנט אין דער הויך ער רעגיערט מיט זיין אומץ ידו, ער הערשט מיט געוואַלד — מלך עליון! זיין שטאַרקייט דויערט אַן עוויגקייט, זיין רוהם, מיינט ער, שטעהט זעהר פעסט... וועט ער אייביג באַלעבאַטעווען, דער מלך עליון?

סוגרין הארון. מען מאַכט צו דעם אָרון, כדי די טרערען און די ביטערע קרעכצען זאָלען אהין ניט אריינדרינגען, און מען זאָגט שטיל: מלך אביון, דער אביונישער מלך, דער אָרעם מענשעלע פוילט און ליגט אין דער ערד. בשאול ובתחת, אין דער העלע און אין גרוב, האָט ניט קיין פרייד און האָט ניט קיין נחת, ער ליגט ווי אין אַ לע־טאַרגישען שלאָף, פערזונקען אין דונקעלהייט און פרעגט אַ'ן ערשראָ־קענער: עד מתי ימלוך?... ווי לאַנג נאָך וועט הערשען דער מלך עליון?

ונתנה תוקף. — נו — מיר דערצעהלען די שטאַרקייט פון דיין היילינגען טאָג, אָה, דו אַלמעכטיגער מלך עליון! פּירכטערליך און שרעקליך איז דיין טאָג און מיט דיזען שרעק און פורכט ווערט ער־הויבען דיין מלוכה. דו זיצט אליין אויף דיין טראָהן און דו ביסט אליין דער דין און ריכטער, דער לערער און שטראַפער, דער קעניג און דער בעל הבית, דער פּאַלאַטש און דער עדות, דער שרייבער און דער חותם, דער צעהלער און דער צאָהלער און דו פארגעסט, אַז מען וועט עפענען דעם גרויסען ספר הזכרונות, דאָס בוך וואו אַלעס איז דערמאָנט און פערשריבען, דעם גרויסען ספר פון דעם מענשענס

לעבענס געשיכטע, וועט מען דאָרט געפינען חותם יד כל אדם, — וועט מען דאָרט געפינען דעם זיעגעל פון יעדען מענשענס האַנד, — פון יעדע האַנד, וואָס האָט געבויט דיין וועלט, געאַרבייט שווער, געזאַמעלט אַלעס, וואָס דו, מלך עליון, פערמאָגסט.

ובשופר גדול יתקע, און ווען דער גרויסער שופר פון פרייהייט ערשאַלט, דאַן הויבט איהר אָן דאָרטען אין הימעל צו ציטערען, דער טראָהן הויבט אָן צו וואַנקען און מיט שרעק זאָגט איהר: הנה יום הדין, עס איז געקומען דער אונערבאַרמליכער יום הדין, לפקוד על צבא מרום בדין, — צו משפט'ן אַלע הערשער, וואָס זיצען אין דער הויך מיט'ן דין.

אָבער כבקרת רועה, אַזוי ווי דער פּאַסטוך שמייסט זיין סטאַדע שאָף מיט'ן רוט, אַזוי בעהאַנדעלסט דו און בעהערשסט יעדע לעבע־דיגע זעעלע, דו שניידסט אָבער זייער קצבה און דו גיסט אַרויס זייער גזר דין... עס ווערט פערשריבען ביי דיר און פער'חתמעט: במה יעברון, וויפיעל זאָלען אומקוקען ביי דיר אין דעם יאָהר און וויפיעל נייע שקלאַפען און קנעכט זאָלען בעשאַפען ווערען. ווער זאָל לעבען, ער זאָל קענען אַרבייטען און ווער זאָל שטאַרבען פון צרות. ווער זאָל אַרויסגעהן מיט זיין נאַטירליכען טויט און ווער זאָל אומ־קוקען פאַר דער צייט. מי במים, ווער זאָל דערטרונקען ווערען אין די וואַסערען אַלס מאַטראָס, אַלס פישער, אַלס אַרבייטער אויף דיינע גרויסע שיפען. אַלס ערד־גראָבער אין דיינע קאַנאַלען. ומי באש, און ווער זאָל אומקומען מיט פייער אין דיינע גיהנם פאַבריקען, ביי די עקספּלאָזיאָנען און שרפות. מי בחרב, ווער זאָל געשטאָכען ווערען מיט די שווערדען פון דיינע מלאכי חבלה, זאָל געשאָסען ווערען מיט די ביקסלעך פון דיינע סאָלדאַטלעך, צובראָכען ווערען מיט די דובינעס פון דיינע בעשיצער. מי ברעב, ווער זאָל אויסגעהן פון הונגער און פון נויט. מי ברעש, ווער זאָל צוריבען און צומאָלען ווערען אין דעם רעש און שטורם פון דיין אונמענשליכע סיסטעם, ווער זאָל שטאַר־בען אין דער מגפה. פון אַלע עפּידעמיען און קראַנקהייטען, וועלכע קומען פון אָרמוטה און נויטה. מי בחניקה, ווער זאָל דערוואָרגען און דערשטיקט ווערען אין די טיעפע מינעס, אין די ענגע טענעמענט הייזער אין די פינסטערע שאָפּס.

און אז מע פרעגט ביי דיר, גוטער מלך עליון, מיט וואָס קען מען

מעביר זיין די שלעכטע גזרה, הייסט דו שרייען:

ותשובה ותפלה וצדקה!

תשובה זאָגסט דו, דאָס איז צום... מע דארף פאסטען, הונגערען. תפלה — הייסט קול... מע דארף האָבען א שטימע נור צו בעטען און צו זאָגען תפילות, און צדקה דאָס איז ממון צדקה איז געלד. ווער עס האָט געלד, דער זאָל זיין א בעל צדקה, א פילאנטראָפּ, א קהל'שער בעל טובה...

אתה יודע יצרם, דו ווייסט די נאטור פון דיינע שקלאָפען, זייער יסוד איז פון אש און שטויב און צום שטויב קעהרען זיי זיך אום, מיט סכנת נפשות דארף ער קריגען זיין שטיקעל ברויט, ווי א צובראָכענער שאַרבען איז ער געשעצט, אזוי ווי א פערוועלקטע גראָז, אקוראט ווי א שטן וואָס געהט פערביי און ווי א רויך, וואָס ווערט פערשוואונדען און נור דו אליין ביסט דער מלך אל חי וקים.

וכל מאמינים, אלע וואָס גלויבען אין אל אמונה, האלטען נור פון האוחז ביד, דערפאר דו מלך אביון זאָג „אנא בכח"... דער יום הדין קומט און ובכן תן פחדך!...

די גרויסע, משוגע׳נע וועלט.

(פון א וואהנזיניגענס טאגע־בוך).

די וועלט איז גרויס. איך האָב א מאָל געררייזט איבער ימים און לענדער, געזעהן פיעל מענשען, געלערנט זייער לעבען. איצט זיץ איך אויף איין אָרט. מיין וואָהנונג איז א גרויסע, דונקעלע הויז, צוטהיילט אויף א סך חדרים... די הויז שטעהט אויף א קליינעם אינזעל, וועל־כער איז ארומגערינגעלט מיט עטליכע אַלטע בוימער און ווייטער איז וואסער, וואסער און וואסער.

פון מיין קליין פענסטערעל זעה איך אָפט ווי אויפ׳ן וואסער שווימען אונ מענשען און שיפען... פון יענער זייט וואסער — גרויסע שטעדט, וואו עס קאָכט און זידט... און ווייטער אין נעבעל פיעל שטעט פיעל דערפער, פיעל מענשען, פיעל טהעטיגקייט, פיעל ליאַ־רעם און געפילדער, אזוי פיעל משוגעים, וועה איז מיר!

אָפט טוט מיר זעהר וועה דאָס הארץ, ווען איך בערעכען, אז אין אזא גרויסער וועלט געפינט זיך נור איין הייפעלע קלאָרע מענ־שען, וועלכע זיינען געצוואונגען צו לעבען אָבגעזונדערט אויף א׳ן איינזאַמען אינזעל, אום זיך ניט צונויף צו מישען מיט די משוגעים... א גרויסע משוגענע וועלט מיט אזא ביסעלע קלאָרע און געזונטע מענ־שען!.. מיר זיינען וועניג און משוגעים זיינען שרעקליך פיעל. זיי אונטערדריקען אונז, אפילו אויף אונזער איינזאַמען אינזעל... עס איז א שאנדע צו זיין איינער פון זיי, פע! זיי זיינען אזוי עהנליך צו אונז, אז דאָס אונזער גליק איז וואָס מיר טראָגנען אַלע גאָר אנדערע קליידער און מען קען אונז דערקענען...

מערקווירדיג, פיעלע פון זיי האָבען די זעלבע אייגענשאפטען, וואָס מיר האָבען. א פנים אַמאָל זיינען זיי געווען מיט אונז פון איין ראַסע און זיינען אויך געווען קלאָר, נור דאָס ביטערע לעבען האָט זיי

נעבעך משוגע געמאכט... צווישען מיינע חברים איז דאָ איינער, וואָס רעכענט זיך פאַר אַ גאָט, עס איז דאָ איינער וואָס טענה'ט אַ גאַנ־צען טאָג מיט גאָט און פאַר גאָט, עס איז דאָ איינער וואָס מאַכט גאָלד פון רויך, עס איז דאָ איינער, וואָס גלויבט, אַז זיין האַרץ ליגט ביי איהם אין מאָגען... זיי אין דער משוגענער גרויסער וועלט, זיי־נען אויך פונקט אַזוי און ווען זיי זאָלען ניט זיין אַזוי געמיין און שלעכט, וואָלטען מיר זיך ניט געשעמט זיי צו רעכענען פאַר אינגלעך... ביי אונז זאָגט איינער, אַז ער איז גאָט, — זיי רעכענען זיך אַלע פאַר געטער, ביי אונז טענה'ט איינער פאַר גאָט, זיי האָבען אַלע פער־שיעדענע געטער און געצקעס טענה'ן פאַר זיי, קריכען אויף די ווענט, פערגיסען בלוט, פערפאָלגען איינער דעם צווייטען. זיי קוסען האַלץ און טאַנצען געגען דער לבנה... משוגעים, נעבעך.

ביי אונז מיינט איינער אַז ער קען מאַכען גאָלד פון רויך, ביי די משוגענע דאָרט אין דער גרויסער וועלט מאַכען מיליאָנען מענשען גאָלד פון שווינדעל און פון רויך... ביי אונז מיינט איינער, אַז זיין האַרץ ליגט אין מאָגען... ער זאָגט עס אָפען פאַר אַלע, ווייל אַ קלאָ־רער מענש פערבאָרגט ניט זיינע מיינונגען. זיי אָבער, די משוגענע, זיי פערמאַסקירען און בעהאַלטען די וואַרהייט... זיי זאָגען דאָס ניט, אָבער דאָס איז אַ פאַקט: ביי מיליאָנען פון זיי ליגען די הערצער אין מאָגען... איך ווייס ניט ווי איהר, איך האָב רחמנות אויף די משוגענע... זיי זיינען נעביך אַזעלכע אונגליקליכע...

דער אונגליק מיט די משוגענע איז, וואָס וואו מען דאַרף זיי ניט, דאָרט זיינען זיי דאָ... ביי אונז זיינען אויך דאָ אייניגע פון זיי. איינער רופט זיך דאָקטאָר... ער האָט געשטודירט דאַרויף, ער זאָל געזונטע מענשען קראַנק מאַכען, קלאָרע מאַכען משוגע. אַ! ער וויל מיך מאַכען משוגע! ער פּלאָגט מיך, ער הייסט מיך אָפּט בינדען מיט שטריק, ער טוט מיר אָן אַן אייזערנע העמד, ער וויל מיך מיט געוואַלד מאַכען פאַר איינעם פון זייער גרויסע משוגענע וועלט... ניין! עס וועט איהם ניט געלינגען! בעסער שטאַרבען, איידער צו דענקען, פיהלען און לעבען ווי זיי! שלעכטע, גרויזאַמע מענשען! אָפּט מאָל קלער איך, דאַכט זיך איך וועל זיך אַ וואָרף טאָן אויף איי־נעם פון זיי און וועל איהם דערשטיקען. געמיינער מענש, פאַלשער מענש, נידריגע בריאה, חיה רעה דו! איך וועל פון דיר אַ תל מאַ־

כען!... ניין! וואָס קען מען פון זיי פאָדערען? זיי זיינען דאָך נעבעך משוגע! משוגענע מענשען, נאַרישע מענשען, אונגליקליכע, קליינינקע מענשעלעך און האָב נאָך אין זיך אַזוי פיעל גאוה מיט חוצפה!... אַ רחמנות, זיי זיינען נעבעך קראַנק...

איך לעג אַנידער מיין פעדער און געה צו מיין קליין פענסטערעל און קוק אין דער ווייטקייט. עס איז נאַכט... דער הימעל שלאָפט, די שטערען דרעמלען, די בוימער שטעהען ווי פערטראַכטע... און דאָרט אין דער משוגענער גרויסער וועלט קאָכט עס, עס זידט און עס רוישט... דער פיבער פון משוגעת ברענט אין זיי און זיי קענען זיך ניט בערוהיגען... איז עס ניט אַ ריס פונ'ם האַרצען, ווען מען זעהט, ווי זיי האָבען פון דער שעהנער וועלט געמאַכט אַ גרויסען דולל הויז?... און דאָס אַ קלאָרער מענש דאַרף זיך בעהאַלטען פון זיי אויף אַ אינזעל אין אַ דונקעלע הויז וואָס זעהט אויס ווי אַ טורמע?... חאַ! חאַ! חאַ! וואָס זאָגט איהר פאָרט צו די משוגענע? זיי גלויבען דאָך ניט, אַז איך בין גבריאל דער מלאך!...

ניין! איך קען ניט שרייבען!

ער זאָגט אליין, אז ער קען ניט שרייבען? איהר זייט איבער־ראַשט. איצט אין אזא צייט ווען קיין שלימזלניקעס זיינען שוין ניטאָ אויף דער וועלט, זאָל זיך געפינען איינער, וועלכער זאָל וועגען זיך אליין זאָגען די וואַרהייט? וואָס זשע, טראַכט איהר, דאַרף ער שוין דעם „דזשאָב" ניט, אָדער אפשר די היץ חלילה?...

ניין! איך מיין דוקא פערקעהרט. נור היינט, היינט, דעם פיער־טען דזשולי, היינט פערשעלט איך די שרייבעריין, אַלע פייער־ווערקס, אַלע רעדאַקטאָרען, אַלע פולווער־פאַבריקען... מע קען משוגע ווערען! איך זיץ ווי אויף שפילקעס, מיינע נערווען זיינען צו רודערט, מיינע ליפען צו ביסען ביז בלוט, מיין קאָפּ פערהילכט, מיי־נע אויערען פערטויבט, מיינע געדאַנקען צו קאַליעטשעט... איך שפּרינג אויף יעדען אויגענבליק פון שטוהל, איך כאַפּ זיך אויף ווי אַן אַבגעבריהטער... איך לויף אום... איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען... ניין! איך קען ניט שרייבען!

מען זאָגט, ווען א מענש לאַכט און רעדט מיט א הויכע שניידענ־דיגע און צו שטאַרק קלינגענדע שטימע, איז א סימן, אז ער איז ניט איבעריג קלוג און ניט געגוג ענטוויקעלט. דער אופן מיט וועלכען ער דריקט אויס זיינע געדאַנקען און זיין פרייד זאָגט שוין אליין, וואָס פאַר אַן „אינהאַלט" זיין דענקען קען האָבען און וואָס פאַר א זינן קען האָבען זיין פרייד... בעטראַכט נור ווי אזוי זיי דענקען פון דער פרייהייט און אויף וועלכען אופן זיי דריקען אויס זייער פרייד... זיי... האַך! טראַך! הוואַו!... ניין! איך קען ניט, עס שיסט, עס קלאַפּט! עס קראַכט, עס קנאַקט, עס האַקט, עס טראַשקעט, עס קנאַרט, עס טראַסקעט, עס ברוזזט, עס ברעכט, עס רייסט, עס טרעס־

צעט, עס סקריפּעט, עס פּליאַסקעט, עס חליופּעט, עס טאַלאַמאַטשעט... ניין, איך קען ניט שרייבען.

און איך האָב געוואָלט מאַכען היינט פאַר זיך אליין אַ שמחה... איך האָב געוואָלט דעם פיערטען דזשולייַ דערצעהלען פון מיין ערש־טען יום טוב אין אַמעריקאַ. פערשטעהט איהר מיך, איך האָב ערהאַל־טען פאַריגע וואָך צוויי בריעף, פון מיינע אונבעקאַנטע לעזער... ביידע זיינען פול מיט דאַנקבאַרקייט, מיט פריינדשאַפט, מיט גוטע וואַרעמע געפיהלע, מיט אמת'ע אויפריכטיגקייט. אין אַן אַנדער לאַנד ביי אַנדערע אומשטענדען האָב איך אָפט געהאַט אַזעלכע יום טובים, אָבער דאָ אין אייער פרייער, עגאָאיסטישער, קאַלטבלוטיגער, גלייכ־גילטיגער אַמעריקאַ, — דאָ, וואו דאָס שרייבען רוהט אויף דעם „דזשאַבינג" באָדען פרייז, — דאָ... איך בין געוועזען אַזוי געריהרט און ערפרייט. דעם פיערטען דזשולייַ אין דעם יום טוב פון פרייהייט, ויעל איך... האָ? טיק! טיק! טוק! טאַק!... באַץ! באַץ! פּרראַה!.. ניין! איך קען ניט שרייבען!

קנאַק! קנאַק!... מיט קנאַקערייען בעעהרט מען די פריי־הייט... וואָס זיינען די אַלע גלענצענדע פראַזען פון פרייהייט, די אַלע הימנען צו דער פרייהייט, די אַלע שבחים פון דער פרייהייט, ווען ניט קנאַקערייען?... וואָס גרעסער עס איז די קנאַקעריי, מיט וועל־כע מען שפּרעכט אוים אַ געפיהל, דאָס ווענינער פיהלט מען דאָס, וואָס מען שפּרעכט. וואָס בלייבט פון די קנאַקערייען? אַ הילעניש אין קאָפּ, אַ רויך אין גאַס, אַ „סמעלינג" אין נאָז, אַ פּוסטער אָרט אין קעשענע און פיעל מיסט אויף די טראָטוּאַרען... אוי! די קנאַ־קערס! די קנאַקערס! ניין! איך קען ניט שרייבען!

אַ גאַנץ יאָהר זעהט מען אַרום זיך קנאַקעריי מאַנופאַקטשירער. אַנשטאַט אמת'ע ענערגיע, נערווען־פייער־קרעקערס; אַנשטאַט וואַהרע התלהבות, געמאַכטע פייער ווערקס; אַנשטאַט ריכטיגען ענטוזיאַזם, געקויפטע פּולווער טראַסקעריי... ענדליך קומט דער פרייהייטס יום טוב און די געטין „ליבערטי" גיט אייך אַנשטאַט געמאַכטע התלהבות, אמת'ע פייער־קרעקערס, אַנשטאַט פאַלשען ענטוזיאַזם אמת'ע באָמבעס... וויפיעל געדאַנקען קענט איהר... בום! בום! טראַך! פּ... פּ...! קנאַק!.. ניין! איך קען ניט שרייבען.

דאַכט זיך ציוויליזירטע מענשען אין אַ ציוויליזירטעם לאַנד,

וואו עס איז דאָ אזוי פיעל מוזיק און אזוי פיעל בלומען, אזוי פיעל טעמפּלען דער קונסט און אזוי פיעל שעהנע פּאַרקען, אזוי פיעל טרויער און אזוי וועניג פרייד, אזוי פיעל „וואָכעדיגע״ טעג און אזוי וועניג ווירקליכע ימים טובים, אזוי פיעל שווערע לאַסט און אזוי וועניג וואָה־רעס, ריינעס פערגניגען... דאַכט זיך, ווען עס קומט דער פיערטער דזשולאַי... עס שיסט, עס קנאַקט, עס טראַסקעט, עס טראַכקעט... עס ברעכט, עס רייסט, עס צופּט... ניין! איך קען ניט שרייבען...



ווארום ער האט זיך גע׳שמד׳ט.

(א פאקט.)

ווען חיים משה סימאָנאָווסקי איז ארונטערגעקומען נאָך ניו־יאָרק פון רוסלאנד, האָט ער זיך באלד אָנגעפרעגט צו זיינע בעקאנטע וועלכע קענען ענגליש, און זיי האָבען איהם קודם־כל געזאָגט, אז ער זאָל זיך משנה השם זיין. זיין נאָמען איז געוואָרען: היימאַן סיי־מאָן.

סיימאָן איז אהער געקומען אָהן זיין פרוי מיט צוויי קינדער, און עס האָט איהם ניט פיעל צייט גענומען ער זאָל זיך אַמעריקאַניזי־רען. ער האָט זיך אָבגעשוירען ביים בארבער, פערביטען דעם לאנגען איבערציהער אויף א קורצען רעקעל, זיך אויסגעלערענט זאָגען „נעווער מאין" און „אי בעטש יו". איינגעקויפט פלייטעד דזשולערי, קאָלאָר־באָטאָנס און הענדקערטשיעפס, און איז ארויס פעדלען.

סיימאָן האָט שטארק געהאלטען פון דעם אמעריקאנישען ווער־טעל: „ווען דו נעהמסט זיך צו א זאך, דאן האלט זיך דערביי", — און פעדלען איז ניט נור געוואָרען זיין ארבייט, זאָנדערן אויך א טהייל פון זיין פערגניגען. פון זונען אויפגאנג ביז אום צעהן אָדער עלף א זייגער ביי נאכט, האָט ער געפעדעלט. אין זעקס מאָנאַט צייט האָט ער אהיים געשיקט אכציג רובעל פאר זיין פרוי און דאן אויך געקויפט שיפס־קארטען אויף אויסצוצאָהלען. קורץ, אכט מאָנאַט נאָך זיין אנקונפט, איז סיימאָנ׳ס פאמיליע געווען אין ניו יאָרק.

סיימאָן האָט זיך מיט דער צייט ארויפגעארבייט און איז געוואָ־רען א קאָסטאָמער פעדלער, פון וואנען ער האָט ערשפּאָרט עטליכע הונדערט דאָלאר. אָבער פעדלעריי איז איהם נמאס געוואָרען, און ער האָט בעשלאָסען צו ווערען א סוחר.

וואו זאָל ער ווערען א סוחר מיט א סטאָר? סיימאָן האָט גע־

וואוסט, אַז מעהרערע פון זיינע בעקאַנטע האָבען מצליח געווען, נאָכ־דעם ווי זיי האָבען זיך בעזעצט אין קלענערע שטעטלעך, און ער האָט בעשלאָסען אויך צו טאָן דאָס זעלבע אייך רובין, זיינען א לאַנדסמאַן, וועלכער וואָהנט אין ק. פון דעם שטאָאט מיסס., האָט איהם געשריי־בען, אַז אין ב., פון דעם זעלבען שטאָאט, וואָהנט קיין איינציגער איד ניט, און עס איז ראַטהזאַם דאָרט צו עפענען א סטאָר. סיימאָן האָט די עצה אָנגענומען און געעפענט א סטאָר אין ב. פון העמדער, קליידער, קנעפּלעך, געפּלייטעטע דזשולערי, א. ז. וו.

עס האָט איהם אָבער ניט פיעל גענומען ביז ער האָט אויסגעפונ־נען, אַז זיינע חלומות וועלען ניט פערווירקליכט ווערען. סיימאָן האָט אַלץ געטרוימט פון אָבשפּאָרען עטליכע טויזענד דאָלאַר, צוריק קעה־רען נאָך ניו יאָרק און עפענען א האָלסייל געשעפט, גראַדע ווי רחמיאל'קע שרה זעליג'ס (אין אמעריקא: רעלף ראָזען) האָט געטאָן. ב. איז ניט געווען דער פּלאַץ דאַפיר דורך פאָלגענדער אורזאַכע: די עטליכע טויזענד איינוואָהנער, האָבען געצעהלט גענויע נײַנציג פּראָצענט קאַטאָליקען און דיעזע, מיט זייער גאַנצער אַמעריקאַניזי־רונג, האָבען געהאַסט דעם אידען היימאַן סיימאָן, אַלס אַן אייניקעל פון יענע אידען, וועלכע האָבען געקרייציגט זייער גאָט.

סיימאָן האָט מיט שווערער מיה געמאַכט א לעבען, און ער האָט אויסגעאַרבייט פערשיעדענע פּלענער ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון די פאַנאַטישע קאַטאָליקען, אָבער ער האָט איינגעזעהן, אַז פערקויפען די סחורה און זוכען ווידער אַן אַנדער פּלאַטץ, בעדייטעט, אַז ער מוז רואינירט ווערען. עס זיינען אַזוי פאַראיבער א פּאָאַר יאָהר און סיי־מאָן איז געווען פערצווייפעלט.

ויהי היום, האָט ער געהאַט אַן אונטעררעדונג מיט זיינעם א שכן, פאַר וועלכען ער האָט זיך בעקלאָגט אַז עס געהט איהם זעהר שלעכט.

„הערט מיך אוים, מר. סיימאָן", האָט זיין שכן געזאָגט. „איהר וואָלט געמאַכט די בעסטע געשעפטען, איהר וואָלט רייך געוואָרען, נור — איהר מוזט ווערען א קאַטאָליק".

סיימאָן האָט פיעל נאָכגעדענקט דאריבער, און איין טאָג, איז ער אריין צו דעם גלח, וועלכען ער האָט ערקלערט, אַז ער איז ענטשלאָ־סען צו ווערען א קאַטאָליק.

דער גלח האָט געטאַנצט פאַר שמחה. סטייטש, ער וועט מכנים

זיין אַ אידען אונטער די פליגלען פון דער קאַטאָלישער שכינה! קען נאָך זיין אַ גרעסער גליק? די נאַכריכט האָט זיך פערבערייטעט איבער דעם גאַנצען שטעטעל און ביי דער טויפע, איז יעדער פרומער קאַטאָליק מיט זיין פרוי און קינדער געווען אַנוועזענד.

דער גלח האָט דורכגעמאַכט זיין צערעמאָניע, און צום שלום האָט ער אויפגעהויבען ביידע הענד איבער דעם אידען און געזאָגט:

„דו ביסט אַ קאַטאָליק! דו ביסט אַ קאַטאָליק! דו ביסט אַ קאַ־טאָליק!"

סיימאָן האָט געשמייכעלט. קיינער פיעלייכט, אויסער איהם זעלבסט, האָט ניט פערשטאַנען דיעזען שמייכעל.

דאַן האָט אָנגעפאַנגען אַ שפּע, יעדער קאַטאָליק האָט עס גע־רעכענט אַלס זיין הייליגסטע פליכט צו געהן קויפען ביי זיין „נייעם ברודער" און „בעקעהרטען צום קאַטאָליציזמוס". און סיימאָן האָט געמוזט ניט נור פערגרעסערן זיין געשעפט, זאָנדערן אויך צו נעהמען פינף מענשען אום איהם צו העלפען צום פערקויפען.

סיימאָנ'ס פערמעגען האָט געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, און זיין באַנק־בוך האָט יעדעס מאָל געקראָגען אַ גרעסערע סומע.

גענויע דריי יאָהר זייגען פאָראיבער און די קאַטאָליקען האָבען פאַטראָניזירט דעם אידען מיט אַלע מעגליכקייטען. דאַן האָט זיך פּלוצלונג פערברייטעט די נאַכריכט, אַז סיימאָן איז ניט זעהר פרום. איבערהויפּט האָט מען אויף איהם געזאָגט, אַז ער ערלויבט זיך צו בעגעהן דעם „שרעקליכען פערברעכען" צו עסען פלייש אַם פריי־טאָג.

„מיין ברודער", האָט דער גלח אָנגעפאַנגען. „עס איז מיין פליכט, נאָכדעם ווי איך בין געווען אייער טויפער, אייך צו זאָגען, אַז איהר בעגעהט אַ גרויסע עבירה דערמיט וואָס איהר עסט פלייש אין אַזעלכע טעג ווען עס איז ניט ערלויבט לויט אונזער רעליגיאָן".

„ווער האָט דאָס אייך געזאָגט"? האָט דער איד געפרעגט זעהר לעבהאַפט.

„איך בין נאַטירליך ניט קיין רכילות'ניק", האָט דער גלח גע־ענטפערט זעהר ערנסט, „אָבער דאָס וואָס מענשען זאָגען, בעווייזט זיך יעצט אַלס וואַרהייט. איך פיהל דעם גערוך פון פלייש וואָס בראָט זיך".

„פון פלייש? איהר האָט א טעות. עס איז פיש — ווירקליך פיש, אזוי זאָג איך".

„מיין ברודער", האָט דער גלח ווייטער געזאָגט, אויפהויבענ־דיג זיינע אויגען מיט א פרומער מינע צום הימעל. „מיין נאָז פיהלט פלייש, נור אום מיך צו בערוהיגען, וויל איך איהר זאָלט מיר ווייזען אום איך זאָל מיך איבערצייגען".

„מיט פערגניגען", האָט סיימאָן געענטפערט. „קומט".

סיימאָן האָט אריינגעפיהרט דעם גלח אין קיך, און אויף דעם אויווען האָט זיך געבראָטען א גרויסע און פעטע הוהן.

דעם גלח'ס געזיכט האָט זיך פערפינסטערט.

„רופט איהר דאָס פיש"? האָט ער געפרעגט צייגענדיג אויף דער הוהן.

„געווים רוף איך דאָס פיש", האָט דער איד געזאָגט, ווערענד דער גלח האָט איהם אָנגעקוקט ערשטוינט.

„געדענקט איהר ווען איהר האָט מיך געטויפט?" האָט דער איד געפרעגט נאָך א פויזע.

„געווים געדענק איך".

„איהר געדענקט אויך, ווען איהר האָט אויפגעהויבען אייערע הענד און געזאָגט צו מיר דריי מאָל: „דו ביסט א קאטאָליק"?

„אקוראט געדענק איך".

„אלזאָ, הײנט, ווען איך האָב געהייסען מען זאָל פאר מיר אָפּ־בראָטען דיעזע הוהן, האָב איך אויפגעהויבען מיינע הענד און געזאָגט דריי מאָל: „דו ביסט פיש".

„אבער עס איז דאָך אלץ געבליבען פלייש"! האָט דער גלח אויסגעשריען שוין אויפגערעגט.

„וואָס איז דער אונטערשיעד"? האָט סיימאָן געזאָגט גלייכגילטיג. „אזוי ווי עס קען ווערען פון א אידען א קאטאָליק אזוי קען אויך ווערען פון פלייש — פיש".

סיימאָן האָט דאַן הערצליך געלאַכט און דער גלח איז אוועק אָהנע צו מאַכען א ווייטערע בעמערקונג.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, האָט זיך סיימאָן ארויסגעצויגען נאָך ניו יאָרק, און זיין טרוים צו ערעפענען אַ האָלסייל געשעפט, איז פערווירקליכט געוואָרען. ער האָט מיטגעבראַכט איבער צעהן טויזענד דאָלאַר מזומנים.

ליעבע, פּאָעזיע און ביזנעס.

(א טראגי־קאָמישע געשיכטע).

איך האָב א גוטען מאטעריאל, פון וועלכען מען קען מאכען זעהר אַן אינטערעסאנטען ראָמאַן — מען דארף עס נור גוט בעארביי־טען. דער קוואל, פון וואנען דיעזער מאטעריאל איז גענומען געוואָרען, איז א דאון טאון׳ער געשיכטע. און דעם פּלאַן נעהם איך פון דער מאָ־דערנער ליטעראטור.

ערשטער קאַפּיטעל.

(די אינטריגע).

אין דעם קאַפּיטעל דארף מען פעראינטערעסירען דעם לעזער. זי און ער זיינען ערשט געקומען פון סיטי האָל, וואו זייער ליעבע איז פערקניפּעלט געוואָרען מיט׳ן קניפּעל פון געזעצליכקייט און זייערע הייליגע געפיהלען האָבען געקראָגען די געהעריגע „לייסענס”... ער פיהלט ניט די ערד אונטער די פיס; זיינע אויגען ברענען מיט א פייער פון ליעבע און ליידענשאפט. ענדליך זיינען זיי אליין!... זי איז אויך פערליעבט, זיין וואהרע פרייד, זיינע גליקליכע אויסגע־שרייען ריהרען זי... אָבער דאָך איז זי אונרוהיג... זי ווייס, דאָס ליעבע און פּאָעזיע זיינען זעהר פיינע זאכען אָבער ביזנעס?... עס איז נאָך ניט שפּעט... זי קען זיך נאָך איבערלעגען!... מיין געליעבטער! זאָגט זי, ערלויב מיר יעצט געהן צו מיין פאָטער!.. יעצט, ווען איך בין דיין געזעצליכע פרוי דארפסט דו פאר איהם קיין מורא ניט האָבען...

ער איז פערליעבט, ער איז גליקליך, ער צוויפעלט ניט, ער גלויבט... זי זאָגט איהם: „אדיע, ליעבער! — איך קום באלד"... דריי יאָהר זיצט ער נעביך ביים פענסטער און ערוואַרטעט זיין גע־ליעבטע דולצינע זיין געזעצליכע פרוי, דריי יאָהר — זי קומט ניט.

צווייטער קאַפּיטעל.

(די סיטואַציאָן.)

עס איז אַמעריקאַ: אדווערטייזמענטס, רעקלאַמען, מיליאָנען, טשו־טאַבעקאָ, פּאַטענטירטע ערפינדונגען, צייטונגען, ווי לייליבער די גרוים; סענסאַציאָנעלע נייעס, ווי ראָזינקעס אין אַ פלאָמען צי־מעס. מאָרדען, גנבות, רציחות, עלעקשען קאַמפּיין, פּאָליטיק, בודעל, האַנדעל, שאַכער־מאַכער, באַנקען־קראַך, באַנקראָטסטוועס, דיוואָר־סען, בריטש אָף פּראָמיסעס, בייסיקלעך, פּייטס, ביים באָלל, רייסעס, בלעק אייעס, גרויסע פּראָיעקטען, זעלבסטמאָרד, ניקעל מוזעאומס, רעפאָרמירטע יהודים, פּיקעלס, פּאַון שאופּס, פילאַנטראָפּי, עקספּלאָ־זיאָנען, אייזענבאַהן־אונגליקען און פריידענקער.

דריטער קאַפּיטעל.

(ירושה און דעגענעראַציאָן)

די עלטערען פון אונזערע העלדען: „איהר" פאָטער איז אַ רווי־טער, געזונטער, גראָבער, אָנגעשטאָפּטער גראָסער... ער דאַוועגט און מאַכט ביזנעס. ער איז אַ קהלשער מענש און מאַכט ביזנעס. ער איז אַ גבאי, אין אַ שוהל, אַ פּרעזידענט אין פערשיעדענע לאָדזשען און מאַכט ביזנעס. ער האָט זעהר אַ שעהנע טאָכטער און האָט ליעב ביזנעס. אז מע האָט איהם צום ערשטען מאָל דערצעהלט, אז עס איז דאָ אויף דער וועלט ליעבע און פּאָעזי, האָט ער געפרעגט: צו וועל־כען „טרייד" געהערען די זאַכען און אויב מע קען מיט זיי מאַכען גוטע ביזנעס?

„זיין" פאָטער איז אַ זייגער מאַכער. ער האָט ליעב שטונדען

ווייז לאַנג רויבערען זיין פּיפּקע און טראַכטען, — טראַכטען פון גרינע בוימער, טראַכטען פון א טייכעלע, פון א בערגעלע... ער זיצט, ציהט זיין פּיפּקעלע און מורמעלט א ליעדעלע... ער האָט ליעב מעשה׳לעך, אַנעקדאָטען, געשיכטען... לעזט דורך אַלע שבת א גאַנצען שונד ראָמאַן און איז א גרויסער קבצן.

זי האָט ליעב געלד; זי האָט א נייגונג צו ביזנעס; זי פערשטעהט, אז לעבען איז ביזנעס. זי האָט ליעב שעהנע קליידער, זי האָט ליעב דזשועלערי, זי האָט ליעב ליעבען און האָט ליעב ביזנעס. איהר געליעבטער האָט בירושה פון זיין טאַטען אַנדערע אייגענשאַפטען. ער לעזט די פּאָעזי פון היינע, ער שפּיעלט אויף א גיטאַרע, ער האָט פיינט ביזנעס און האָט ליעב זיין שעהנע געליעבטע... ער פּאָעטיזירט, ער פאַנטאַזירט און זי נעהמט ביי איהם א ברילִיאַנטענעם רינג, א גאָלדענעם מעדאַליאָן, דיאַמאַנטענע אוירינגלעך און פּאַטעטישע ליעבע... זיין בעגייסטערונג, זיין ענטוזיאַזמוס, זיין אויפריכטיגקייט געפעלט איהר, אָבער דאָך דענקט זי אָפט: און וואָס הערט זיך מכּוח ביזנעס?... אַנדערע מיידלעך האָבען חתונה אָהן ליעבע, אָהן פּאָעזי, אָבער וויפיעל זיינען אַזעלכע זאַכען ווערט? ער פערגעטערט זי, ער ליעבט זי מיט׳ן גאַנצען הארצען, ער אַכטעט זי ווי א פערליעבטער פּאָעט, אָבער קען מען דערפון מאַכען ביזנעס? און ער קוקט איהר אין די אויגען מיט איבערגעבענהייט און טרייע ליעבע און דעקלאַמירט פון היינע:

„איין שעהנער שטערען געהט אויף אין מיינער נאַכט,
איין שטערען, דער זיסען טראָסט הערנידער לאַכט
אונד נייעס לעבען מיר פערשפּריכט —
אָ, ליגע ניכט!
גלייך ווי דאָס מעער דעם מאָנד ענטגעגענשווילט,
זא פלוטעט מיינע זעעלע, פראָה אונד ווילד.
עמפּאָר צו דיינעם האָלדען ליכט —
אָ, ליגע ניכט!...”

פיערטער קאַפּיטעל.

(די „ענטבינדונג”.)

זי שטעהט אין גראָסערי סטאָר מיט פּערקאַטשעטע אַרבעל און פערקויפט גרינע אַרבעס און געקוילעטע הערינג און ער זיצט אין דול־דען־הויז און וויספּערט שטיל: „געה אויף דו שעהנער שטערען פון מיין דונקעלע נאַכט...” ער רופט זי, ער ערוואַרטעט זי... דריי יאָהר זיינען שוין פערביי און זיינע האָפנונגען לעבען נאָך... די גאַנצע וועלט איז שוין פאַר איהם טויט, אָבער זיין ריינע אמת'ע ליעבע איז נאָך ניט געשטאָרבען... זי בליהט נאָך אין זיין קראַנקען צו־ווייטאָגטען האַרצען... ער רופט זי און זי האָפט, דאָס איהר לאָיער וועט גיך קריגען פון קאָורט א דיוואָרס... איהר מאַכט זיך א שידוך מיט זעהר א גוטער ביזנעס.

דער ערמאָרדעטער טויטער אָהן אַ קאָפּ.

—— אָדער ——

די אַקושערקע אויפ'ן עלעקטרישען ברעך־שטוהל.

א נייעסטע, מאָדערנע, סענסאַציאָנעלע, לעבענס־בילדיגע, מעלאָ־דראַמאַטיש־טראַגיש־קאָמישע דראַמאַ, אין 5 אַקטען, 17 בילדער מיט ניט געזונגענע געזאַנג און ניט געטאַנצטע טענץ פון אונזער בעליעב־טען פּערפאַסער אלפּיי. (מיר אליין געבען איהר אינהאַלטס־רייכען אינהאַלט פון אונזער נאָך ניט דאָ געוועזענעם מייסטערווערקען, אום מיר זאָלען ניט דארפען דרוקען קיינע הענדבילס.)

ערשטער אַקט.

א טייך. א צושניטענער קערפּער שווימט אָהן א קאָפּ. (דיעזע ראָליע דאַרף שפּיעלען א בעגאַבטער קאָמיקער, וועלכער דאַרף זיין אויך א בויך רעדנער) עס איז דונקעל. ווייט ערגיץ אויף א בוידים זינגט די אַקושערקע וועלכע איז פּרימאַדאָנאַ. דער ערמאָרדעטער טויטער קערפּער אָהן א קאָפּ, וועלכער האַט פיס (וואָס נאָך דאַרף א קאָ־מיקער?) טאַנצט אויפ'ן וואַסער א הוטשו קוטשו... די דעטעקטיוום בעמערקען איהם. עס ווערט א גרויסען ליאַרעם... מען זוכט דעם מערדער פון דעם ערמאָרדעטען טויטען... דאָ הויבט זיך אויף דאָס צווייטע בילד און עס ערשיינט דער גייסט פון אברהם אבינו, וועלכער זינגט א קופּלעט פון אַן אַלטען מאַן אברעמיל וואָס האָט חתונה גע־האַט מיט א יונגע מיידעל הגר... און דאַן גיט עס א בליץ און די טויטע קאָפּ פון דעם ערמאָרדעטען טויטען געהט ארוים אויף צוויי

גאַפּלען און נעגט זיך צום פּובליקום... אַלע שרייען: „אַך!״ דער באָר פאַלט אויף די קניע און זאָגט „ויהי נועם״. פאָרהאַנג פאַלט.

צווייטער אַקט.

א קליין שטיבעלע. דער ליעבהאָבער, וועלכער שפּיעלט די ראָליע פון דעם א י נ ט ר י ג א נ ט, און די אַקושערקע, וועלכע שפּיעלט די ראָליע פון דעם געליעבטענ׳ס געליעבטע טרויבערןביידע מיט צוויי גרויסע, לאַנגע מעסערס דעם טויטען קערפּער פון דעם ערמאָר־דעטען טויטען (אין דער צייט דאַרף דאָס פּובליקום מאַכען: אי! פּטסאַ! טסע!) דער ערמאָרדעטער טויטער, ווייל ער איז א קאָמיקער, זאָגט אין דער צייט א פּאָאָר וויצען. (דאָ איז דאָס פּובליקום העפ־ליכסט ערזוכט צו לאַכען.) נאָכדעם נעהמט דער געליעבטער איין אָב־געשניטענע פוס אויפ׳ן פּלייצע, די געליעבטע נעהמט די צווייטע פוס אויפ׳ן פּלייצע און זיי זינגען דעם דועט: „די נאַסע וואַסערן זאָלען פּערדעקען, זאָלען פּערדעקען... פּערד... פּערד... פּערד... עקען... עקען ... עקען... עקען (מיט א קוויטש אַרויף) פּערדע־קען!... דאָס פּובליקום שרייט בראַוואָ, דער פאָרהאַנג פאַלט.

דריטער אַקט.

דער קערפּער פון ערמאָרדעטען טויטען אָהן א קאָפּ ליגט אין מאָרג, דער אינטריגאַנט קריכט אריין דורך א פענסטער און כדי מען זאָל איהם ניט דערהערען, זאָגט ער: „שרייט ניט! זאָל זיין שטיל!״ ער גנב׳עט ביידע פיס פון דעם ערמאָרדעטען טויטען און לויפט ארויס. דער ערמאָרדעטער טויטער לויפט נאָך און זאָגט אָפּ לויפענדיג עט־ליכע וויצען. דאָ הויבט זיך אויף דאָס צווייטע בילד, די אַקושערקע זיצט מיט געסט: דאָ געפינט זיך: עוג-מלך הבשן, אחשורוש מיט ושתי המלכה, כדרלעמר און נאָך מלכים מיט מלכות (א פנים עס איז א מאסקען באָל.) דער געליעבטער זינגט א שעהנעם „התעררו״ מיט א ניגון פון „דאָן יואן״... מיידלעך טאַנצען א באַלעט. פּלוצלינג

עפענט זיך די טהיר און דער ערמאָרדעטער אָהן א קאָפּ ערשיינט. די אקושערקע פערכליפּעט זיך, עוג מלך הבשן פערטשעפּעט זיך פאר אחשורוש אוןביידע פאַלען, כדרלעמר דערוואַרגט זיך מיט א שטיק עפעל־פּאַי און ושתי הויבט אָן צו ברעכען אַלע טעלער... א גרויסער געררודער, דעם פּובליקום געפעלט עס. מע שרייט בראַוואָ, דער פאָרהאַנג פאַלט.

פיערטער אַקט.

זיי זיצען ביידע אין געפענגניס און זינגען א טרויעריגען וואַלצער, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען פון א „מה טובו", וועלכע איז געלאַטכעטט געוואָרען פון קאַוואַלעריא רוסטיקאַנא — דער גייסט פון אליהו הנביא ערשיינט אונטער א דינעם לייווענט, וואָס לייכט זיך דורך, און וואו דאָס פּובליקום זעהט אויך דעם סטיידזש קאַרפּענטער און עטליכע סופרים, וואָס ווילען זעהן וואָס טוט זיך אין געפענגניס. זיי ביידע הויבען אָן יאָמערן, שלאָגען זיך מיט די קולאַקעס אין הארצען און בעטען גאָט זאָל אויף זיי קיין פעראיבעל ניט האָבען, ווייל פּונקט איצט דאַרף מען זינגען א קופּלעט, קומט ספּעציעל צוליעב דעם דער ערמאָרדעטער טויטער פון מאַרג... און אום דער אקט זאָל ניט פאַלען אָהן א כאָר — קומען אויך צו געהן די כאָריסטען. ער פאַלט און שטאַרבט. זי ווערט משוגע, צופּאַטעלט איהרע האָאָר און שרייט: „שמע ישראל". דער ערמאָרדעטער טויטער זינגט: „אהא!" איידירידי בורסדירידי בומדירי סאַ! סאַ!" דער כאָר זינגט א „אל מלא רחמים" מיט'ן ניגון פון „אָי, האָפּ מאָי וואָרעניקי"... אַלע אין טהעאַטער וויינען. פאָרהאַנג פאַלט.

עפּילאָג.

עס לאָזט זיך אויס, אז ער איז גאָר ניט געשטאָרבען און זי איז ניט משוגע געוואָרען. זיי האָבען געזינדיגט און זיי טאָרען ניט

שטאַרבען, בעפאָר מען וועט פון זיי ראַכע נעהמען — מען זעצט זייביידען אויף אַ „היסטאָרישען" טשער, צו וועלכען מע האָט צוגעבונ־דען עטליכע שטריקלעך, כדי ער זאָל זיין אַן עלעקטרישער... גאָט בעגנאַדיגט דעם ערמאָרדעטען טויטען פאַר זיינע אומזיסטע יסורים און ער האָט חתונה מיט אַ פּרינצעסין מיט דעם מלך כדרלעמר'ס אַ „גליטש"־שווערטער קינד. פּונקט ווען מען פיהרט זיי צו דער חופּה הויבט זיך אויף דאָס צווייטע בילד. ער און זי קומען אויף אַ וואָלקען פון הימעל און ברענגען דעם ערמאָרדעטען טויטען אַלס אַ דרשה געשאַנק זיין פערלאָרענע קאָפּ. . און „ער" זאָגט צום חתן: ענטשולדיגט, וואָס איך האָב אייך אַביסעל ניט שעהן בעהאַנדעלט און צוטרויבערט אויף שטיקלעך... נאַט אייך אייער קאָפּ... אָהן אַ קאָפּ וועט איהר צייט האָבען צו געהן נאָך דער „חתונה..." דאָ זינגט מען אַ „אַנסאַמבעל" נומער, דאָס הייסט אַ קווינטעט, דאָס הייסט אַלע פינף סאָליסטען זינגען און דער זינגט... אַלע זינגען. דער כאָר זינגט „אָי! מיין זאָקענבענדכען..." ער און זי זינגען דאָס פריערינע דועט „זאָלען פער... פערדעקען" דער ערמאָרדעטער טויטער מיט פּרינצעסין כדרלעומר זאָגען: מיט מזל! מיט מזל! טאָם! טאַראַראָם!... זייער פאָטער זאָגט „אמן, ווי איך בין אַ איד!" די סופּערס שרייען: „הידד! יחי המלך!..." רויטער פייער ברענט, דער אָרקעסטער טראַסקעט. דער ערפּאָלג איז געזיכערט. דער פאָרהאַנג פאַלט.

גראַף קנישיק.

1.

גראַף קנישיק איז געגאַנגען מיט שווערע לאַנגזאַמע טריט פון גרענד סטריט צו בויערי. זיין שוואַרצער „סטאָוופּייפּ" האָט געגלאַנצט, זיין ווייסע וועסט האָט געלויכטען און זיין גרויסער פּנים האָט געשיינט ווי אַן ערשט אויסגעפּוצטע שטיוועל. זיינע צוויי לאַנגע און גרויליכע באַקען־באָרדען האָבען זיך געוויעגט פון ווינד, זיינע גראָבע ליפּען האָבען געפּייפט אַ לידעלע און זיינע שיך האָבען געקלאַפּט אין טאַקט. ער איז געווען צופריעדען און איז געגאַנגען נעהמען אַן אָפּענע „קאַר" אום צו כאַפּען פרישע לופט.

איך קען אייך די עהרע מאַכען און בעקענען אייך מיט גראַף קנישיק. זיין וואַהרער אידישער נאָמען איז פּייוועל קנישיק. אַ מאָל, אין די יונגע יאָהרען איז ער געווען במחילה אַ שניידער. נאָך דעם האָט ער געמאַכט אַ קליידער געשעפט, נאָך דעם האָט ער אָנגעזעצט, נאָך דעם איז ער געוואָרען רייך, נאָך דעם האָט ער פערגרעסערט זיין געשעפט, נאָך דעם האָט ער ווידער אָנגעזעצט, נאָך דעם איז ער געוואָרען ברוגז אויף פּאָני־גנב און איז אוועק קיין אַמעריקאַ מיט אַ צעהן טויזענד דאָלאַר אין קעשינע

אַ גראַף איז ער געוואָרען אין ניו יאָרק. ווען די רעפּאָרטערס האָבען איהם דערזעהן אויפ'ן דאָק מיט אַ צילינדער, מיט באַקען־באָרדען און מיט אַ בייכעל, האָבען זיי באַלד דערקענט אז ער איז אַ וויכטיגע פּערזאָן. אויף דער ערשטער פראַגע פון אַ רעפּאָרטער, האָט ער אַ גלעט געטאָן זיין באַקען־באָרד און האָט גאַנץ שטאָלץ געזאָגט, אי... אי קאָן ניט...

— הי איז אַ קאָונט, האָבען בעשלאָסען די רעפּאָרטערס און האָבען דאָס באַלד פערשריבען. אויף דער אַנדערער פראַגע האָט זיך

קנישיק א פּאַטש געטאָן איבער'ן קעשענע און האָט געזאָגט אין ריין מאַמע לשון: איך האָב מאָנעי... חע! חע! מאָנעי... א מנין זעקלעך.

— הי גאט א מיליאָן, האָבען בעמערקט די רעפּאָרטערס און האָבען דאָס באַלד פערשריבען. אויף דעם אַנדער'ן טאָג איז אין אַלע צייטונגען געוועזן בעריכטעט פון דעם רוסישען קאָונט (גראף) קנישיק, וועלכער האָט זיך צוקריגט מיט'ן צאר און האָט געבראַכט מיט זיך א מיליאָן דאָלארס און פּיוועל קנישיק, איז געבליבען גראף אָדער קאָונט קנישיק.

2.

אַלזאָ גראף פּיוועל קנישיק געהט צו דער בויערי, קוקט מיט אויגען אויף די פערבייגעהענדע שעהנע ווייבלעך און גלעט מיט פערגעניגען זיין קיילעכדיגען בייכעלע. ער לעבט אין אמעריקא א גוטען טאָג, עסט פעטע ראָסעל פליישען אין די אידישע רעסטאָראַנטען און זוכט פּאָרזיכטיג א גוטע ביזנעס, ער איז א סמאַרט פעלאָאָו און וויל ניט ברענגען זיין פאַמיליע ביז ער וועט ניט קענען ווי א וואהרער יענקי „מייק מאָנעי" און א „נייס ליווינג"...

אויף דער בויערי נעהמט ער אָן אָפענע „קאר" און פאָרט אָפּטאַון. ער פערדרויכערט א גוטען סיגאר, מאַכט צו רעכט זיין דיאַמאַנטענע „פּין" אויף דער ווייסער מאַנישקע, גיט א גלאַנץ מיט זיין בריליאַנטענעם רינג אויף דעם „מיזיניק", נעהמט ארויס אַלע ווייַלע זיין גרויסען גאָלדענעם זייגער און וואַרפט אייגלעך אויף די „ליידיעס" וועלכע געהען אריין און ארויס פון דער קאר. זיין געהיימער ווּאונש ווערט ענדליך ערפילט אין א שעהנע יונגע „ליידי" מיט א צוויי יעהריגער „בייבי", זעצט זיך אַנידער נאָהענט, נאָהענט לעבען איהם.

פריהער ריהרט ער זיך אָן מיט זיין קניע צו איהר קניע, זי שווייגט און ער שמייכעלט. דאַן רוקט ער זיך אראָב נידריגער און דריקט זי מיט זיין גאַנצען קערפּער, זי לאָזט אראָב די אויגען און שווייגט און ער קוועלט... דאַן ציהט ער אויס זיין „מיזיניקעל" מיט דעם דיאַמאַנטענעם רינג צו דער „בייבי". און די „בייבי", לאַכט און כאַפּט מיט זיין הענטעלע דעם גראָבען פינגער, און די מאַמע זעהט אויס אַזוי גליקליך און קאָונט קנישיק איז אַזוי צופריעדען, זיינע אוי־

געלעך גלאַנצען און דאָס הערצעלע פּאַכט און קלאַפּט זיך ווי א פויגע־לע אין שטייגעלע. אויף דער 125טע סטריט נעהמט די שעהנע דאַ־מע א טראַנספּער און גראַף קנישיק נעהמט אויך א טראַנספּער. ער העלפט זיין שעהנע נאַכבאַרין אריינשטייגען אין קאר, זעצט זיך נעבען איהר, רעדט מיט'ן קינד אויף שטום לשון און זינגט איהם „אגו אגו"! און אַלע נייע פּאַסאַזשירען מיינען, דאָס דער גליקליכער גראַף קנישיק פאָהרט מיט זיין אייגענער משפחה און זיינען איהם מקנא און דענקען פון דעם גרויסען שפּריכוואָרט: „דעם הונד קומט אָן דער בעסטער ביסען".

ווייט ערגיץ אויף אַמסטערדאַם עוועניו וועגדעט זיך די יונגע פרוי ליעבליך צום גראַף און זאָגט עפּעס. ער פערשטעהט ניט און שמייכעלט, זי גיט א צייכען דעם קאָנדוקטאָר און זאָגט: פּלים, וואָן מינוט... טייק דהי „בייבי"...

און ער זאָגט מיט א טאָן וועלכער פּאַסט נור פאר א גראַף: אָ! יעס! יעס!... און נעהמט דאָס קינד מיט זיינע ווייסע דיקע פינגער און גלאַנצט מיט זיינע אויגעלעך און קוקט אויף אַלע פּאַסאַ־זשירען מיט שטאָלץ און פרייד. און די „ליידי" שטייגט ארוים דער־ווייל פון קאר און ווערט פערשוואונדען.

די „קאר" לויפט פאָראויס, א פרישער ווינטעלע בלאָזט דעם גראַף גלייך אין די באַקענבאַרדען, דאָס קינד קוקט זיך ארום און פאַנגט אָן וויינען ביים גראַף אויף די הענד, און דער גראַף ווענדעט זיך אין אַלע זייטען און געפינט ניט מעהר די שעהנע שכנה, די מוּ־טער פון קינד. א קדחת הויבט איהם אָן צו וואַרפען, ער וואַרפט זיין קעפּיל אהין און אהער, וויל עפּעס זאָגען און קען ניט, וויל שרייען און שעמט זיך, וויל רופען די פּאָליציי און האָט מורא און די קאר לויפט פאָראויס ווייטער און ווייטער און דאָס דערשראָקענע קינד שרייט העכער און העכער און די פּאַסאַזשירען בעטראַכטען דעם גראַף מיט פערוואונדערונג און נייגעריגקייט...

א קאַלטער שוויים בעדעקט דעם גראַפ'ס פּנים, ער קנייטשט זיין שטערען און דענקט וואָס צו טאָן און זיינע בלאַסע ליפּען שעפּ־טשען שטיל: אז מען קען אין ניו יאָרק גאַנץ גרינג ווערען א גראַף, דאָס פערשטעה איך, אָבער אזוי אונערוואַרטעט ווערען א טאַטע פון

אַ צוויי יעהריגע בייבי? וועה איז מיר! וואָס וועט זאָגען די קאָונ־טעסע, מאַדאַם פּייוועל קנישיק? ער זיפצט שווער, די קאָר בלייבט שטעהן. אַלע פּאַסאַזשירען שטייגען אַרוים און פּייוועל קנישיק קריכט לאַנגזאַם מיט זיין כשרה מציאה אויף די הענד...

אַהער גיב דעם פּטום.

(אַ וואהרע היסטאָרישע ערצעהלונג פון דעם, ווי ר׳ אלקנן שטופּעלפּליער און ר׳ פּלטיאל צאַפּענפּלעכטער האָבען זיך, ניט פאר אייך געדאכט, צופּאטשט פאר אַ פּטום פון אַן אתרוג.)

זיי האָבען זיך איבערגעבעטען ערב יום כפור אין פּאָלעש. פאר׳ן פערפאסטען האָבען זייביידע געבראכט צו צוויי גראָבע, פעטע, דיקע, שווערע וואקסענע ליכט, צו שטעלען, ניט דעם סוויאטאָי ניקאָלאַי, ווי דער גוי טוט, נור אָנצוצינדען זיי פאר גאָט אליין און לכבוד די הייליגע נשמות, וועלכע זיינען שוין אויסגעלייטערט געוואָרען אין גן־עדן.

מיסטער שטופּעלפּליער און מיסטער צאַפּענפּלעכטער זיינען ביי־דע אַלטע מעמבערס פון דער „אנשי פּצע וחבורה ומכה טריה" קאָנ־גרעגיישאָן. זיי זיינען שוין לאַנגע יאָהרען שכנים. מיסטער שטופּעל־פּליהער האָט אין בייסמענט אַ שאָפּ פון סוספּענדערס, מיסטער צאַ־פּענפּלעכטער האָט אויפ׳ן סטופּ אַ פאַבריקע פון שטעקענס און אָמ־ברעלעס. זיי זיינען ביידע לאַנדסלייט פון דער שטאָט אָלעדראָלעווע; זיי פערדיענען ביידע גאַנץ שעהן און קענען זיך פערגינען לעבען בשלום — און דאָך איז קיין שלום און קיין פריעדען צווישען זיי ניטאָ. זיי רייסען זיך שטענדיג ווי די קעץ, בלאָזען זיך ווי די אינדיקעס און דערצעהלען איינער אויף דעם אנדערען וואָס אין קאָרט שטעהט. און פרעגט זיי בחרם פאר וואָס קריגען זיי זיך? ביידע זיינען זיי אויף אַזוי פיעל געבילדעט, אַז זיי לעזען אַלע זונטאָג דעם דייטשען העראָלד, ביידע טראָגען שבת גרויסע צילינדער־היט אויף די קעפּ,

ביידע גאָלען זיך די בערד ביי איין באַרבער און גלויבען אין דעם איר־דישען גאָט און אין דער גויעשער פּאָליציע. פאַר וואָס זשע זיינען זיי זיך שונאים? גלאַט דערפאַר, ווייל זיי זיינען אידען. און דאָס ווייס מען דאָך שוין, אַז כל ישראל חברים, דאָס הייסט: אַז איין איד האָט פיינט דעם אַנדערען און וואָלט איהם גערן דערטרונקען אין אַ לעפעל וואַסער...

ויהי היום, און עס איז געווען דער טאָג ערב יום כפור, ווען זיי האָבען זיך ביידע בעגעגענט אין פאָלעש פון שוהל „אנשי פּצע וחבורה ומכה טריה" קאָנגרעגיישאָן. צו כל נדרי איז געבליבען ניט מעהר פון אַ שטונדע און, אי ביי מיסטער שטופּענפּליער, אי ביי מיסטער צאַפּענפּלעכטען האָט געציטערט דער פּופּיק. יעדערען פון זיי האָבען געשראָקען די ווערטער: „מי במים ומי באש"... אין דער אמת'ן, ווער קען וויסען וואָס עס וועט אין דער קאַנצעליאַריע פון דעם אויבער־שטען נכתב ונחתם ווערען? מי במים — ווער וועט פאַרען איבער'ן וואַסער קיין סינג־סינג? ומי באש? און ווער וועט אונטערצינדען זיין שאָפּ. כדי צו פערדיענען אַ כשרע פּאַר דאָלאַר.

און מיסטער צאַפּענפּלעכטער איז צוגעגאַנגען צום מיסטער שטור־פּעלפּליער — ויאמר, און ער האָט געזאָגט: ר' אלקנן! אפילו די גוים להבדיל, אַ כפּרה זאָלען זיי איינגעהמען פאַר'ן מינדעסטען אידי־שען נאָגעל, זאָגען, אַז איין מענש דאַרף ליעב האָבען דעם צווייטען, היינט אַ פּשיטא שוין מיר אידען — האַ? נו, לאָמיר זיך איבערבעטען; טאָמער ווילט איהר ניט אויף שטענדיג, איז חאָטש ביז איבער־מאָרגען, ביז מיר וועלען ארויסכאַפּען ביי גאָט די כתיבה און חתימה טובה...

ווען שטופּעלפּליער ויאמר, און מיסטער שטופּעלפּליער האָט געענטפערט: וואָס דאַרפען מיר זיך קריגען? אומשטיינס געזאָגט, וואָס איז אַ איד און וואָס איז זיין לעבען? אַ בולבע אויפ'ן וואַסער, עפר ואפר — אַש און בלאָטע.

און זיי האָבען געדריקט איינער דעם אַנדערען די הענד און זיי־נען געוואָרען די בעסטע גוטע פריינד. אַ גאַנץ יום כפור האָבען זיי געקוקט איינער אויף דעם צווייטען מיט ליעבע. אַזוי ווי צוויי טייבע־לעך האָבען זיי ביידע געזאָגט פּיוט פון איין מחזור. זייערע מאַדאַמען, וועלכע האָבען ביז יום כפור געשיפּעט איינע אויף דער אַנדערע אַזוי

ווי שלאנגען, האבען פריינדליך געשמועסט אין שול פון זייערע קינ־דערס חכמות, פון כפרות, פון זייערע מענער און פון אנדערע נאַ־רישקייטען מוצאי יום כפור האבען ביידע פאמיליעס גאנץ פיין פער־בראכט די צייט צוזאמען, זיי האבען גענומען צו ביסלעך, איבערגע־חזרט דעם חזן'ס מכלכל חיים, געזונגען א פרייליכען לעבעדיגען „חסיד" און צוגעקנאקט מיט די פינגער. די פנים'ער פון זייערע ווײ־בער האבען געשיינט ווי די לבנה אין צווייטען קווארטעל, און זייערע קינדערלעך זיינען אומגעלאפען מיט אונריינע נעזער איבער'ן שטוב און האבען זיך גע'חכמה'ט אלע האבען געקוואלען און געפרייט זיך. וליהודים היתה...

וידבר ר' אלקנן לאמר: און האט גערעדט מר. שטופעלפליער אזוי צו זאגען: טייערער פריינד, עס געהט באלד סוכות — מיר וועלען מו־זען לולב בענשען. נאך וואס דארפען מיר ווארטען ביז וואנעט דער קאלטענוואטער שמש פון דער שוהל של „אנשי פצע והבורה ומכה טריה" קאנגרעגיישאן וועט אונז ברענגען דעם לולב, וועלכען מיר וועלען מוזען שאקלען שוין נאך דעם ווי דער פרעזידענט, דער וויים־פרעזידענט, די טראסטיעס, דן טרעזשורערס און אנדערע מיוחסים וועלען שוין אבשאקלען? איז דען ניט בעסער מיר זאלען בשותפות קויפען א לולב מיט אן אתרוג פאר זיך אליין און מיר זאלען, במחילה, אויסשטעלען אונזער גאנצע קהילה קדושה א פייג אונטער דער נאז?

ויפתח ר' פלטיאל את פיו — האט מיסטער צאפענפלעכטער געעפענט זיין מויל און האט געענטפערט: פאר וואס דען ניט? מה־דאך אז אפילו אזעלכע יונגלעך און שלעפערס ווי די סאציאליסטען זאגען, אז מענשען זאלען זיין פיינע מענשען, וואלטען זיי זיך צור־טיילט מיט אלץ וואס זיי פערמאגען — הייגט א פשיטא שוין אזעל־כע צוויי פיינע אידען און גוטע פריינד ווי מיר זיינען — פאר וואס זאלען מיר זיך ניט קענען טהיילען מיט איין לולב און מיט איין אתרוג? בפרט אז איך גיב אזוי פיעל געלד צושטייער וויפיעל איהר גיט?... הא!

כך הוה — אזוי איז דאס טאקי געווען. זיי האבען פאר סוכות געקויפט נור פאר זיך א לולוב א צאצקע און אן אתרוג מיט א גרוי־סען פטום. און עס זאל ניט זיין קיין מחלוקות, האבען זיי בעשלאסען איין מאל פאר אלע מאל, אז איין טאג שאקעלט ר' אלקנן פריהער,

דעם אנדער טאָג — ר׳ פּלטיאל פריהער. עה! אָבער אז עס איז בע־שווערט פון גאָט עס זאָל זיין א מחלקה, וועט ניט העלפען קיין פריינד־שאַפט, קיין ליעבע, קיין חכמה. אונזערע צוויי גוטע פריינד האָבען זיך צוקריעגט, און איהר ווייסט פאר וואָס? פאר׳ן פּטום פון אתרוג. מסתמא איז אזוי נגזר געוואָרען מן השמים.

ביז הושענא רבה איז אלץ געגאַנגען ווי עס געהער צו זיין. דעם טאָג, פּונקט ביי די קרעפּלעך, איז עס ארויס געשפּרונגען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען א שרעקליכע מלחמה. מאדאם שטופּעלפּליער האָט געוואָלט ארויסנעהמען פון דער צוקער פּושקע דעם אתרוג. אָבער קוים האָט זי אַראָפּגענומען פון אויבען די וואַטע, האָט זי א געשריי געטאָן ניט מיט איהר קול: „געוואַלד וועה איז מיר!״ ר׳ אלקנן האָט זיך שיר דערוואָרגען מיט א הייסען קרעפּעל און האָט זיך אויפ־געכאַפּט פון זיין ארט ווי אַן אָבגעקאָכטער. וואָס איז מיט דיר, פרומע געליע?

— „געוואַלד, דער פּטום! זעה! זעה!״ ביי די ווערטער האָט מאדאם פרומע געליע אויפגעהויבען דעם אתרוג און ר׳ אלקנן האָט מיט זיינע אויגען דערזעהן, אז דער אתרוג איז נעביך געבליבען א קורנאָסער — ער האָט שוין ניט געהאַט קיין פּטום... און זיין פרוי האָט געיאָמרט און געשריען: „זי! זי! די פערדריפּעטע שלומפּערקע, די משוגענע צאַפּענפּלעכטערשע, זי האָט אָבגעביסען דעם פּטום!..״

איהר מיינט, אז א פּטום פון אַן אתרוג האָט קיין ווערטה ניט און איהר לאַכט שוין פון אונזערע פריינד, ווי אזוי האָבען זיי געקענט מאַכען פון א פּטום א גאַנצען טאַראַראַם? אוי! אוי! אז אָך און וועה איז צו אייער געלעכטער! איהר ווייסט ניט, אז עס זיינען דאָ אומ־שטענדען, ווען דער פּטום פון אַן אתרוג איז ביי אַן עזרליבער כשר׳ער אידענע טייערער פון גאָלד און פון זילבער?...

עס איז שוין א פאַקט, וואָס קיין מענש צווייפעלט ניט אין דעם, אז ווען א שוואַנגערע אידענע בייסט אָפּ דעם פּטום פון אַן אתרוג, וועט זי שוין ניט מפּיל זיין איהר פערשטעהט? מאדאם שטופּעלפּליער איז געווען „אויף דער צייט״ און האָט זיך געוואָלט גאַראַנטירען פון א שלעכטען צופאַל, חלילה, מיט דער קראַפט פון דעם אתרוג׳ס פּטום. מאדאם צאַפּענפּלעכטער האָט אָבער אויך די לעצטע צייט געגעסען א סך זויערע אוגערקעס און האָט זיך אויך געוואָלט בעוואָרע־

נען פון אַן אונגליק... אין קורצען, זי האָט אָבגעביסען דעם פּטום.

אין איין מינוט אַרום איז ר' אלקנן מיט זיין פלונית'טע שוין געווען ביי ר' פלטיאלן אין הויז...

— אַ הער גיב דעם פּטום! האָט געשריען מאַדאַם שטופּעל־פליער.

— מענסט שרייען חי וקים! דעם פטום האָב איך שוין אויפ־געגעסען!

— פאַר וואָס קומט ער דיר? דו האָסט מעהר בעצאָהלט?...

— און פאַר וואָס קומט ער דיר?...

— דעם פטום אהער!

— אַ מכה!...

— גנב! גנב! האָט געשריען ר' אלקנן, און די פיענע האָט איהם געשלאָגען פון מויל...

— און דו ביזט אַ שייגעץ מיט אַ לאָקש! האָט געדונערט ר' פלטיאל; פאָרט פון מיין הויז!

— אָהן דעם פּטום געה איך ניט!...

— דו געהסט ניט? נאַ דיר!

— האַך! טראַך! פּיטש פּאַטש!

און ר' אלקנן שטופּעלפליער מיט ר' פלטיאל צאַפּענפלעכטער זיינען ווידער אויף מעסערם. ר' אלקנן האָט געוואָלט אָנלערנען זיין שונא און האָט אויף איהם דערלאַנגט אין קאָורט פאַר דעמעדזשעס; אָבער דער דזשאָדזש מיט זיין גויעשען קאָפּ האָט ניט געקענט פערשטעהן וואָס פאַר אַ שאַדען עס איז אַרוים פון דעם אתרוג'ם פּטום און האָט אַלץ געפרעגט:

„וואַט איז דהע מעטער וויטה דהע פּיטעם?„... געה גיב אַ גוי צו פערשטעהן דעם ענין פון אידישקייט.

א שמחה אין שטעטיל.

(פון א גרינהארנס בריעף).

לאהובי ידידי החכם, המופלג, המפורסם המושלם בכל המעלות, המהולל והמשובח, אספקלריא המאריה, צנא מלא ספרא במוהר"ר ר' אברהם יוקעל בלינטשיק יחיה, אלל רייט!...

איך שרייב דיר מיין פריינד פון אונזער אידישע שטעטיל ניו־יארק. ראשית, קען איך דיר מעלדען אז איך האב געליטען פיעל צרות, הונגער און שלעק איידער גאט ב"ה האט מיך געבראכט בשלום א לעבעדיגען אין דער נייע אידישע גובערניע אמעריקא. געקומען בין איך א נאקעטער, אן אבגעריסענער, אן אבגעשליסענער באלד נאך סוכות, און דאנקען לויבען השם יתברך איך האב נאך קיין געשעפט און געה אום פוסט און פאס, און שטארב נאך א קאפיקע, גיב גאט דאס זעלבע צו הערען פון אייך אין נחת און פריידען, אמן סלה.

שנית, שרייב איך דיר אז די גאנצע צייט וואס איך בין דא איז ביי אונז אין ניו יארק א שמחה אין שטעטיל! דו האסט געדארפט זעהן ווי אזוי מען רעכט זיך דא צום לאקשען דעי! ביי אייך אין חאלובסק אז מען קלייבט א גבאי, שרייט מען נור אין קהל שטיבעל, מען גיט זיך עטליכע פעטש, מען דערמאנט א פאר מאל דעם טאטען מיט דער מאמען, מען נעהמט צו ביסלעך בראנפען און שוין! האדיע! ביי אונז אז מען דארף אויסקלייבען די יקירי קרתא פון שטאדט שרייט מען גאנצע חדשים ווייז, מען פאטשט זיך וואכען־ווייז און מען שכורט אויף וואס די וועלט שטעהט, און עס איז אלל־רייט!..

דו דארפסט וויסען אז ביי אונז אין אמעריקא מאכען די מענשען אליין א גובערנאטאר, א גאלאווא (א מאיאר), און אלעס וואס זיי דארפען. אזוי ווי עס פיהרט זיך אויף דער וועלט, איז דא אויך דא

חסידים מיט מתנגדים, אז די חסידים ווילען ר' חיים טרייטעל זאָל זיין א ממונא, ווילען די מתנגדים אז ר' גימפעל מלאך זאָל זיצען אויפ'ן כסא המלוכה. דאָ ביי אונז האָט איין צד געוואָלט אז מיסטער טאמאני האָל זאָל זיין דער גאנצער מאכער, אָבער ווייל ער איז א גוי להבדיל און זיין גאָט איז עפּעס גאָר א גרויסע קאַץ מיט גרויסע וואָנצעס און לאנגען עק, *) האָבען אונזערע זיך מישב געווען און האָבען געזאָגט דוקא אויף צו להכעים ווילען זיי א אידען ר' נתן שטרויבעס. נו! נו! האָט זיך אָנגעהויבען א חתונה!

אלע נאכט האָבען גאנצע פאַלקען מיט חיל געמארשירט איבער די גאסען. ביי אייך רופט זיך דאָס ווילענסקי פאָלק, בריאנסקי פאָלק — ביי אונז רופט זיך דאָס דעמאָקראטען, רעפּובליקאטען וכדומה למשל... ביי אייך מאכט מען נור לימונאציעס ווען די קייסערטע איז געלעגען געוואָרען און דאָ אלע נאכט הקפות מיט מפות, שטערען פליהען רויטע, גרינע, בלויע, קארטאָפלעס שפּרינגען אין דער לופטען, מען שיסט פון הארמאטען, מען שרייט ווי משוגענע, אינגלעך לויפען אום איבער די סטריטען ווי שמחת תורה אין בית המדרש, קינדער פישצען, ווייבער קוויטשען, גוים שרייען הורראה! קאראאול! די גלאָקען קלינגען, די טרובעס בלאָזען, די באראבאנעס קלאפּען, וחצוצרות וקול שופר איבער'ן גאנצען שטעדטיל, און די אנשי חיל געהען מיט די נעזער ארויף, מיט שטעקענס אין די הענד, מיט פאָהנען, מיט לאמטערנעס, מיט הבדלות, מיט רויטע בענדער, מיט ווייסע לייליכער, מיט הויכע שווארצע היטלען ווי קוימענס, מיט קלאפּערס, מיט גראגערס, מיט המן קלעפּלעך און מען שרייט און מען שפּייט, און מען פייפט, און מען קנאקט און עס טוט זיך אויף טיש און אויף ביינק...

---

*) דער טיגער, וועלכער שטעלט פאָר די דעמאָקראטישע (טעמעני האָל) פּארטיי פון דער שטאָדט ניו יאָרק.

הער ווייטער. אין דערזעלבער צייט געהען אום איבער'ן שטעד־טעל בדחנים, דרשנים, מגידים. דאָ שטעהט אַ מגיד אויפ'ן סטריט און זאָגט מוסר דעם עולם און דער עולם שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און זאָגט אמן וכן יהי רצון! בדחנים קריכען ארויף אויף גרויסע וואָגענס און בדחן'ען... זיי זאָגען גראַם, גלייך ווערטלעך, שעהנע מעשה'לעך — און דער עולם לאַכט, באַמקעט צו און זאָגט גראַם שטראַם מאַך מיר אַ ליעטניק. (פערשטעהט זיך אין ענגליש) און די דרשנים קלייבען צונויף אין אַלע בתי מדרשים און דרשן'ען על העצים ועל האבנים, אויף פלאַנקעס און אויף שטיינער, מיט ביינער, און די אַמעריקאַנער קוועלען ווי אַ באָקסער, פאַטשען מיט די הענד און טאַפּען מיט די פיס און שרייען חי וקים!...

ענדליך קומט דער לאָקשען דעי, און דאָ ווערט גאָר אָלל־רייט! אַ גאַנצען טאָג געהען אום די אַמעריקאַנער ווי אָבגעשמיסענע. זיי געהען צו צו הילצערנע בודקעס, שושקען זיך, געבען זיך שלום עליכם און געהען שטילערהייד קידוש מאַכען... מסתמא איז אַזאַ מנהג, און ביי נאַכט הויבט זיך ערשט אָן די אמת'ע שמחה אין שטעדטעל. פּאָליסמענס לויפען אום ווי פער'סמ'טע, שיכור'ע חסידים מיט מתנגדים שרייען, שלאָגען זיך אונטער די אויגען, פאַלען פון די פיס. מיליע מיליאָסען מענשען שטעהען מיט ארויסגעשטעלטע צינגער, שקצים'לעך לויפען אום מיט פאַפּיערען און שרייען: אסטראָג! אסטראָג! *) אויף ווייסע לייליכער ווייזט מען חשבונות און מען שרייט הורא ביז די גאַל פּלאַצט. יאָ, אינגלעך שלעפּען ארויס אַלע דייזשקעס, אַלע פעסלעך, אַלע לאָקשען ברעטלעך, קישענס, קאָלדרעס, מחזורים, פיסלעך פון טישלעך, ברעטלעך פון ביינקלעך, צינדען אָן אויף יעדער סטריט גרויסע פייערס... עס ברענט! עס טרישצעט! עס שיינט! עס באַקט! פינסטערע וואָלקענס מיט רויך בעדעקען די גאַנ־

---

*) עקסטרא, עקסטרא!

צע שטאָדט, מען שטיקט זיך פון פרייד און פון דאמפף, מען שמעלצט זיך, מען בריהט זיך, מען ברעכט זיך רוק און לענד, מען טאַנצט חאַליאַנדרע... גרויסע פויערען געהען אום מיט טראָמפּעטען און בלאָזען אזוי שטאַרק, אַז טויטע קענען טויב און משוגע ווערען, רייכע פריצים געהען אום מיט בעזימער אין די הענד. גאַנצע כאָרען זינגען פּיוט מיט די ווערטער: „טע רע רע בומס טעיע!" און והעיר ניו יאָרק צהלה ושמחה...

אַ יאָ, עס איז גוט? קום צו פאָהרען צו אונז, ווענסט דו נעהען העמדער און וועסט ליגען אין דער ערד. פון מיר דיין פריינד וואָס ווינשט דיר גליק חצקאל קנישיק".

אַמעריקאַנער שדוכים.

(אַן אַנעקדאָט).

1.

אין איינע פון די אַמעריקאַנישע צייטונגען איז געווען געדרוקט אַזאַ אַנאָנסע: „אַ אידישע אַלמנה ביי פערציג יאָהר, האָט די ווערטה ביי אַ צעהן טויזענד דאָל. וועגט 270 פונט, וויל זיך בעקאַנט מאַכען מיט אַ מאַן ניט עלטער פון דרייסיג יאָהר, דער צוועק איז חתונה האָבען. אַדרעסירט בריעף אַהין און אַהין . . .״

די גליקליכע אַלמנה וואָס איז ווערטה ביי צעהן טויזענד דאָלאַר און איז אַלט ביי פערציג, האָט אויפ׳ן אַנדערן טאָג ערהאַלטען אַ בריעף מיט די ווערטער: „מילעדי! איך בין נור מיט צעהן יאָהר עלטער פאַר אייך, אָבער מיין זעעלע איז יונג ווי די זונן און מיין בלוט זידט ווי די וואַסערן פון ניאַגאַראַ פאַללס. איך בין אַ געשיקטער ביזנעס מאַן און בין אַ פּראָפעסאָר פון מוזיק, אַ דאָקטאָר טעאָלאָגי, אַ רעווערענד, שוחט ומוהל; בין שטענדיג געווען ביי אינשורענס ביזנעס און די קינדער וואָס איך האָב מל געווען זיינען זעהר קלוג און פעהיג. האָב די בעסטע אַטעסטאַטען און רעפערענסעס. וואָס אַנבעלאַנגט צו מיין צוועק וועל איך געווים ווערטה זיין דאָס, וואָס איהר וועט אויף מיר ספּענדען. פּראָפעסאָר און דאָקטאָר מאַנדעלקנייטש״.

מיט דער ערשטער פּאָסט האָט דאָקטאָר און פּראָפעסאָר מאַנדעלקנייטש ערהאַלטען אַ קורצען און דייטליכען ענטפער: „דזשענטעלמען, אויב עס איז וואָהר וואָס איהר האָט מיר געשריבען און איהר זייט זיכער דאָס איהר וועט קענען אַזאַ נאָבעלע ליידי ווי איך צופריעדענשטעלען, קומט מאָרגען צווישען צוויי און דריי נאָכמיטאָג. לעקסינגטאָן עוועניו. אויב איהר האָט אַ האָרב, אָדער איהר הינקט אויף אַ פוס, אָדער ביי אייך פינטעלט אַן אויג, אָדער עס שמעקט

ניט פריש ביי אייך פון מויל, זאָלט איהר אייך ניט בעמיהען צו קומען".

2.

פראָפעסאָר מאנדעלקנייטש איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און האָט זיך אָנגעהויבען פאָרצובערייטען צום וויזיט. ער האָט אויסגע־רייניגט זיין אַלטען פרינץ־אַלבערט מיט אַמאָניע און קעראָסין, האָט מיט'ן צונג אויסגעלעגט זיין צילינדער, האָט זיך אָרגאַניזירט און פערקאַמט אַזוי, אַז זיין פּליך זאָל ניט אויסזעהן גרעסער ווי די לבנה; אויפ'ן קאָרנער האָט מען איהם אויסגעפּוצט זיינע שיך, ביי אַ חזן האָט ער געליהען אַ קייט מיט אַ זייגער, ביי אַ בעקאַנטען האָט ער גענומען אַ שטאָק מיט אַ זילבערנעם קנאָפּ, ביי אַ סטענד געקויפט צוויי דייטשע און צוויי ענגלישע פּייפּערס, האָט אָנגעזאָ־טעלט דעם נאָז מיט אַ פּאַנסנע, האָט זיך אריינגעזעצט אין אַ קאָר און איז אַוועק געפאָהרען צו דער גליקליכער אלמנה נאָכ'ן אַד־רעס.

דארף מען נאָך דערצעהלען וועלכע זיסע געפיהלע האָבען גע־שטורעמט אין דאָקטאָר מאנדעלקנייטש'ס הארץ ווען ער האָט גע־דענקט פון דער שעהנער מילעדי, וועלכע וועגט, קיין בייזע אויג זאָל איהר ניט שאַטען, 270 פונט און וועלכע איז ווערטה ביי 10 טויזענד דאָלאַר? ווען ער האָט צום דריטען מאָל געמאַכט אַ ברית־מילה האָט ער ניט אַזוי געציטערט, ווי עס האָט איהם נעבעך געוואָרפען ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איהר טהיר. זיין הארץ האָט זיך געצאַפּעלט ווי אַ פייגעלע ביי אַ קינד אין די הענד. ער האָט געבראַכט זיין נאָז אין אָרדנונג, האָט זיך גוט אויסגעהוסט און האָט ענדליך געגעבען אַ קלונג...

3.

אַן אַלטע איירישע גויה האָט איהם געעפענט די טהיר, האָט איהם בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און פערקעהרט און האָט איהם גע־הייסען געהן אין פראָנט־רום אריין אויף דער גויה'ס פערדראָרטע לי־פּען האָט דער פּראָפעסאָר מאנדעלקנייטש בעמערקט אַן איראָנישען

שמייכעל, וואס לאכט זי? זיינען זיי ביי מיר חלילה ניט אלע קנעפ־לעך פערשפּילעט אָדער די סקראפּעטקע אראָבגעקאַטשעט? האָט גע־מיינט דער פּראָפעסאָר. ער האָט זיך אויף גיך ארום געקוקט און געגע־בען דריי שטילע קלאפּ אין טהיר. ער האָט געגלויבט אז די טהיר וועט זיך עפענען און זי... זי אליין, די שעהנע מילעדי מיט איהר וויכטיגען געוויכט און צעהן טויזענדיגען ווערטה וועט ערשיינען, אָבער אנשטאט דעם האָט ער דערהערט ווי עטליכע מענער שטימען האָבען אויסגע־שריען:

„הערײַין!“

ער איז אריין און האָט דערזעהן נאָך צוועלף פּרעטענדענטען וועלכע זיינען געקומען נאָך פריהער פון איהם. זי איז נאָך ניט ארויסגעגאנגען אלע צוועלף האָבען בעגעגענט דעם פּראָפעסאָר פונקט אזוי פריינדליך ווי הינט וועלכע זיינען בעשעפטיגט ביי א געפאלענע בהמה, ווען עס קומט א איבריגער פרעסער. דער פּראָפעסאָר האָט גע־וואָלט זיך איבערצייגען ווער קען זיין דער געפעהרליכסטער קאָנקור־רענט און האָט זיי אלע בעטראכט: דאָ זיינען געווען הויכע און נידריי־גע, פעטע און מאָגערע, מיט פּליעכען און אָהן פּליעכען, א רייכער אסאָרטמענט. ער האָט זיך אנידער געזעצט און א זיפץ געטאָן.

ענדליך האָט זיך די טהיר געעפענט און אין צימער האָט זיך ארײַנגעקאַטשעט א דיקע, א קיילעכדיגע און אונטערגעפּאָרבטע אי־דענע מיט א זעכציג יאָהר אויף די פּלייצעס און מיט א סך דיאמאנ־טענע רינגען אויף די פינגער... אלע חתנים זיינען אויפגעשטאנען און... און פּלוצלונג איז געוואָרען א גרויסער טומעל.

דאָס ביזט דו? האָט א געשריי געטאָן פּראָפעסאָר מאנדעל־קנייטש, טפוי זאָלסט דו ווערען!...

זי איז דאָ! זי איז דאָ! האָבען אָנגעהויבען שרייען אלע איבריגע מענער.

— דאָס איז מיין צווייטע פרוי מיט וועלכע איך האָב חתונה גע־האט אין ניו דזשערסי.

— דאָס איז מיין משולחת, וועלכע איך האָב גע׳גט אין פּראָ־ווידענס.

— דאָס איז מיין זעקסטע מרשעת מיט וועלכע איך האָב מיך בורכ׳ן גערוכט געשיידעט אין סט. לואיס.

דאָ האָבען אַלע פּרעטעדענטען געכאַפּט זייערע צילינדרען, שטעקענס, אמברעלעס, מאַנטלען, אויבער־רעק און אַזוי ווי פער׳סם׳טע האָבען זיי זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו דער טהיר, האָבען זיך געשטורכעט איינער דעם צווייטען מיט די עלענבויגענס, האָבען געטראָטען איינער דעם צווייטען אויף די היהנער־אויגען, האָבען זיך געטשעפּעט פאַר די אייגענע שטעקענס און זיינען געלאָפּען ווייטער.

און די גליקליכע אלמנה האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד, האָט גענומען טינט און פעדער און האָט זיך געזעצט שרייבען אַ נייע אַנאָנסע פאַר אַ נייע צייטונג צוליעב אַ נייעם שידוך.

די מלחמה.

(הומאָרעסטקע).

ניט דער דייטש האָלט מלחמה מיט'ן פּרוססאַק, ניט דער טערק פיהרט אַ קריעג מיט'ן קאַצאַפּ — די מלחמה פיהרט דער אָרדען „בני ירך יעקב" מיט דער חברה „מערת המכפלה", די קריעג קומט פאָר צווישען צוויי גרויסע אידישע פּאַרטייען פון דער בעריהמטער שטאָדט צעלפּווישאָן.

די שטאָדט צעלפּווישאָן ליגט ניט ווייט און ניט נאָהענט פון ניו יאָרק. זי האָט זעהר ווייניג איינוואָהנער און זעהר פיעל קאַמאַ־רעס, אַ קליין קאַפּעטשקע אידען מיט זעהר אַ סך מחלוקות. אז אין צעלפּווישאָן איז דאָ אַ סך מחלוקות איז דאָס טאַקע אַ וואונדער פון גאָט! די 15 אידישע פאַמיליען וואָס לעבען דאָ האָבען 15 בית המדרש'ן — קען יעדער פאַמיליען פאָטער זיין אַ גבאי; זיי האָבען 15 פעראיינען — קען ברוך השם יעדער זיין אַ פּרעזידענט. זיי האָבען 15 „הייליגע ערטער" — קען מען בעגראָבען איינער דעם אַנדערן ווי פיעל מען וויל; זיי האָבען 15 מקואות כשרות לכל בנות ישראל —קען מען.... נור נאָך וואָס זאָל איך דערצעהלען אַלץ וואָס מען קען? עס איז געווען אַז אין אַלגעמיין קען מען לעבען בשלום, טאָן עפּעס פיר עולם הזה און זאָרגען זיך פיר עולם הבא... און עס איז פאָרט ווי מען זאָגט וחלקלקות מיט מכות. מען גליטשט זיך, מען שטופּט זיך, מען רייסט זיך, מען בייסט זיך... און פאַר וואָס?

פערשטעהט איהר מיך, די 15 פאַמיליען ווילען האָבען 15 רבנים, 15 חזנים, 15 שוחטים, 15 מוהלים, 15 קצבים (בוטשער בלע"ז). מען קען קריגען אין אַמעריקאַ מיליע־מיליאַסען מיט חזנים, שוחטים און רבנים... אָבער וואָס וועלען 15 רבנים פּסק'ענען? 15 שוחטים שניידען? 15 מוהלים מל'ען? 15 קצבים טרייבערען? וואו נעהמט

מען אזוי פיעל ארבייט און אזוי פיעל געלד? אז מען קען ניט אריבער מוז מען ארונטער — איז געבליבען מען זאָל קריגען אזא רב, וואָס זאָל ניט זיין נור א מורא הוראה, נור אויך א שוחט ובודק, א חזן, א מוהל, א שמש, א בעדער, א פרעדיגער, א מלמד. און ברוך השם עס האָט זיך געפונען אזא איש ומושלם בכל המעלות, און ער האָט דער־צו געקענט אָפּשפּרעכען אן עין הרע, אָבשרייבען קדחת אָבטרייבען קינדערשע זאכען און פלעכטען שעהנע קעסטעלעך פון פערטריקענטע לולבן. א בוטשער א געזונטער יונג מיט א בליק פון א פּאָליסמען און מיט א קולאַק פון א סטאָליער האָט זיך אויך געפונען און והעיר צעלפּוי־שאָן צהלה ושמחה.

אָי וועה! ניט לאַנג, ניט לאַנג בליהט די שעהנע ראָזע, ניט עוויג זינגען די קליינע פויגעלעך, ניט שטענדיג עסט מען קוגעל מיט צי־מעס — איבערן רעוורענד, שו״ב, חזן, ומוהל און איבערן בוטשער איז רחמנא לצלן געוואָרען אין צעלפּוישאָן אזא קאָכעריי... אז עס האָט אָנגעהויבען ביי יעדער צעלפּיושאָנער איד זיעדען און קאָכען, רוישען און שטורמען, און... צו אַלע גרויסע רבנים זיינען געפלויגען בריעף מיט דעפּעשען, אין די בעק זיינען געפלויגען פעטש, און פון די אויגען פונקען.

מען זאָגט ביי אידען איז ניטאָ קיין אחדות, א ליעגען! די קהילה קדושה פון צעלפּוישאָן האָט זיך ניט צובראָכען אויף 15 קליינע פּאר־טייען, עס האָבען זיך נור אָבגעטיילט צוויי גרויסע אַרמעען, איין אַרמעע איז געשטאַנען מיט דעם אָרדען „בני ירך יעקב״, די אַנדערע מיט דער חברה „מערת המכפלה״, תיכף ומיד האָט מען ארויסגעשרי־בען אַן אַנדער שוחט מיט אַן אַנדער בוטשער... איין פּאַרטיי האָט געפּסלט די אַנדערע, איין שוחט האָט גע׳טרפ׳עט דעם צווייטען, די גרויסע רבנים האָבען געשיקט סמיכות, הכשרים, שאלות ותשובות און מען האָט זיך ווידער געפּאַטשט... געלאָפען אין פּאָליציי, גע׳־מסר׳ט, געשריבען אין „וועכענטליכען שומר ישראל״ און געהאַקט ווי אין קרויט אריין.

א שטורם שטורעמט אזוי לאַנג ביז עס שטורעמט איבער, א ווייב איז ברוגז אזוי לאַנג אויפ׳ן מאַן ביז זי קאָכט קרעפּלעך, די קהילה קדושה פון צעלפּוישאָן האָט זיך געקריגט אזוי לאַנג ביז די רבנים פון די גרויסע שטעדט האָבען זיך בעשלאָסען צו פערדיענען דערביי

א פּאָר דאָלאַר און זיי זיינען געקומען קיין צעלפּווישאַן מאַכען א דין תורה! אה! דאָס שטעטעל האָט געקאָכט! די אידען זיינען אומגעלאָפען מיט ארויסגעשטעקט צונגען, די שוחטים האָבען געציטערט, די בוטשערס האָבען געפּאַכטען מיט די קולאַקעס, און דער גאַנצער עולם מיט קינד און קייט האָט זיך פערזאַמעלט אין דער גרעסטער שוהל פון צעלפּווישאַן.

אָרדער! אָרדער! האָט מען געשריען פון איין זייט! אָרדער! אָרדער! האָט מען גערונערט פון דער אַנדערער זייט און דער עלטסטער רב האָט זיך אַנידער געשטעלט און האָט געזאָגט: „רבנן ורבותי! הערט מיך אויס, דער משל פון א הכשר איז אזוי ווי כהנדוף עשן תנדוף". דאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט דער אַלטער בוטשער, האָט א קלאַפּ געטאָן מיט'ן קולאַק איבער'ן באַלעמער און האָט אויסגעשריען: וואָסער הינדע? און וואָס מיר טינדע? א הכשר גאָר! אז איהר וועט צוקלעפּען א הכשר צו א חזיר וועט דען דער חזיר קיין חזיר ניט זיין? און פערקעהרט, אז איהר וועט צוקלעפּען א חתימה צום רב אז ער איז א חזיר, וועט דען דער רב קיין רב ניט זיין! איך פייף אויף אייער טאַטען!...

דאָס איז געווען גענוג. די מלחמה האָט זיך אָנגעצונדען ווי א פלאַם פייער! פּעטש, קולאַקעס, סטיסאַקעס זיינען געפלויגען רעכטס און לינקס. די טישען האָבען געטרישצעט, די ביינק געקנאַקט, די ווייבער האָבען געיאָמערט, די קינדער האָבען געליאַרעמט... אין דער לופטען זיינען ארומגעפלויגען האַלבע בערד, גאַנצע פּאות, צוקנאַקטע צילינדער היט, צופליקטע יאַרמעלקעס, צוקנייטשטע אָמברעלאָס, צוצויגענע סוספּענדערס, צושפּרייטע טלית קטן'ס, אויסגעזעצטע ציינער, אויסגעוויקטע שנופּף־טיכלעך, אָבגעריבענע רצועות און אָבגעשמיסענע הושענות.

די מלחמה וואָלט אפשר געדויערט ביז ביאת המשיח — אז צוויי טרפ'ענע פּאָליסמאַנס מיט זייערע כשר'ע קלאָבס זאָלען זיך ניט אריינמישען אין דער קאַשע אריין... אן אמבולאַנס האָט אוועקגעפיהרט דריי העלדען אין האָספּיטאַל, די גרויסע רבנים האָבען זיך אומגעקעהרט אין זייערע רעזידענצען מיט גרויסע פּליכען אויפ'ן קאָפּ און די מלחמה האָט אויף א קורצע צייט געסטאָפּט. אויף א קורצע צייט איז די בעריהמטע קהלה קדושה פון צעלפּווישאַן

אין א וואפען־שטילשטאנד... אָבער די מלחמה האָט זיך ניט געענדיגט !

די מלחמה וועט זיך ניט ענדיגען זאָ לאנג דער „פיינט" וועט לעבען.

די נסיונות פון יוקיל קאזיראָק.

אָדער

די ענטוויקלונג דער ציוויליזאַציאָן.

(א הומאָריסטישע ערצעהלונג).

זאָגט דעם אמת, זייט איהר בעקאַנט מיט דעם יונגען הערר מאַקס דזשעפערסאָן? אויב איהר ווילט איהם זעהן, כאָטש פון דער ווייטען, — ווייסט, אז ער שפּאַציערט גאַנץ אָפט אויף דער בויערי און אויף גרענד סטריט. איהר וועט איהם דערקענען, ער איז א דאַרער, א הויכער, א בלייכער און אביסעל א געשטופּעלטער, נאָך ניט קיין אַלטער מאַן. ער געהט אין א פּענסנע, טראָגט לאַיקענע האַנד־שוה, א שעהנעם שטאָק מיט א זילבערנער הענטעל פון ניקעל. אויפ'ן קאָפּ א שוואַרצער צילינדער, אויף די לאַנגע פיס סאַרע הויזען און גרויסע שאָטלאַנדישע קעסטעלעך, די באָרד און די וואָנצעס גאַר אין גאַנצען אָפּגעגאָלט און אין זיין גראָבען רויטען האַלזטוך אריינגעשטעקט א פּין מיט א ביינערנע וויבערשע קאָפּ. ער סמאָקטשעט שטענדיג א גראָבען ציגאַר און קען פּייפען אַזוי הויך און שטאַרק, אז ער האָט טאַקע באמת דאָס רעכט זיך צו רופען: דער ערשטער פּייפער פון דאַון־טאַון. אז איהר וועט איהם בעגעגענען, זאָלט איהר ניט קוקען אויף דאָס, וואָס ער האָט פאַריסען דעם קאָפּ אין דער הויך און האָט אָנגעזאָטעלט דעם נאָז מיט „פּיענצנע", איהר געהט צו צו איהם און זאָגט איהם: „האַלאָ! מיסטער דזשעפערסאָן!" ער וועט געוויס אויפהויבען זיין רעכטע האַנד ביז'ן נאָז און וועט זי א פיהר טאָן ביז'ן אויער און וועט אייך ענטפערען: האַלאָ! מיסטער טעפּעלזאָן! אין דער אייגענער צייט וועט ער אויף אייך ניט קוקען — ער וועט נאָך אמאָל בעטראַכטען זיין אייגענע האַנד מיט דער לאַיקענע

האַנדשוה. האָט אויך איהם קיין פּאַראיבעל ניט, איהם געפעלען זעהר זיינע העטשקעס...

נור טאָמער איז דאָס אַלץ פאַר אייך וועניג און איהר ווילט טאַקע פּשוט, וויסען: ווער איז ער און וואָס איז ער, אונזער פיינער מיסטער מאַקס דזשעפערסאָן? טאָ בעט מיך וועל איך אייך דערצעהלען אין גאַנצען פון אָנהויב ביז דעם סוף...

ער אליין זאָגט, אַז ער איז אַן אונגארישער דייטש פון בעהמען. אויב איהר וועט קיינעם ניט דערצעהלען, וועל איך אייך אויסזאָגען, אַז ער איז איינער פון אחינו בני ישראל און זיין פאָטער עליו השלום איז געוועזן כל ימיו אַ שמש אין ליובאַוויטש אין בית המדרש פון די אנשי חב"ד.

מאַקס דזשעפערסאָן האָט געהאַט אין דער היים אַן אַנדער נאָ־מען: דאָרט האָט מען איהם פּשוט גערופען יוקעל קאַזיראַק. אין חדר האָט ער בשום אופן ניט געקענט אויסלערנען ווער איז געוועזן שלמה בן דוד'ס טאַטע — האָט מען איהם אָבגעגעבען פאַר בעל מלאכה צו אַ ווייבערשען שניידער. איהם האָט געטראָפען דוקא אַ גוטער אָרט, ביי אַ פיינעם מאַדניק און פון איהם וואָלט געווים מיט גאָטעס הילף, ארויס אַ לייט. האָט זיך אָבער אַקוראַט גדאַרפט טרעפען, אַז אונ־זער חכם יוקעל האָט געהאַט, ניט פאַר אייך גערעכט, עטליכע פע־לערען און די בעל הבית'טע האָט איהם ארויסגעטריבען מיט אַ בעזים פון שטוב. דער ערשטער פעלער איז געוועזן, אַז אפילו נאָך זיין בר מצוה האָט ער אַלע נאַכט געזעהן בחלום, אַז ער געהט צום טייך כאַפּען פיש, און דער צווייטער פעלער איז געווען, וואָס ער האָט זיך קיין מאָל ניט געקענט אָנעסען... און אַ חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ טבע צו גנב'ענען קנעפּלעך און העקלעך. מען האָט איהם ארויסגעטרי־בען....

זיין בילדונג האָט זיך דערמיט ניט געענדיגט. ער איז געוועזן נאָך דעם: אַ מורה־דרך ביי אַ בלינדען בעטלער, אַ זינגערעל ביי אַ חזן, אַ אינגעל אין אַ ווייןקעלער, אַ תלמיד בייאַ שמוקלער, אַ משרת ביי אַ פּראָצענטניק, אַ בעהעלפער ביי אַ מלמד, אַ קנעכט ביי אַ קברות־איד און לסוף איז ער אליין געוואָרען אַ בעדער. די גאַנצע שטעטעל האָט געוואוסט, אַז יוקעל קאַזירעק האָט גילדענע הענד, (ער איז נאָך דאַמאָלס ניט געגאַנגען אין לאַיקענע האַנדשוה) און אַז קיי־

נער קען ניט אַזוי בעזעמען ווי ער. פערשטעהט זיך, אַז מען האָט שוין אַזאַ שם בישראל איז ניט שווער חתונה צו האָבען; עס האָט זיך געפונען אַ אידישע טאָכטער, וועלכע האָט געהאַט אַ הויקער, ק״ן קערבלעך און צוויי זילבערנע לעפעל מיט אַ בעכער, און וועלכע האָט גערן געוואָלט ווערען מאַדאַם קאַזיראַק: זיי האָבען חתונה געהאַט מיט מזל.

עטליכע יאָהר האָט אָבגעלעבט ר׳ יוקיל קאַזיראַק מיט זיין ווייב, אַזוי ווי עס פיהרט זיך ביי אונז אידען: אַלע זונטאָג און דיענסטאָג אַ באָרשץ, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג מחלוקת מיט פעטש און אַלע יאָהר אַ קינד. די יאָהרען זיינען געגאַנגען, קינדער האָבען זיך געמעהרט, דער הויקער ביי ר׳ יוקעל׳ס אידענע האָט געוואַקסען און ר׳ יוקעלס שכל איז אויך געוואָרען גרעסער: ער האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז פאַר אַזאַ פיינעם בריה ווי ער איז, איז רוסלאַנד קיין מדינה ניט, ליובאַוויטש קיין שטאָדט ניט, מאַדאַם קאַזיראַק קיין ווייב ניט און בעדערייַ קיין געשעפט ניט. ער האָט נאָך דאַמאָלס ניט געוואוסט דייטליך, אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַזאַ מין חיה, וועלכע רופט זיך ציוויליזאַציאָן און וועלכע מוז וואַקסען... אָבער עס האָט שוין דאָס אָנגעהויבען צו פיהלען. און ווי באַלד ער האָט דאָס דערפיהלט האָט ער שוין ניט געקענט אָנקוקען אפילו זיין טלית־זאַק, זיינע שמוציגע קינדער, די אידישע מנהגים, זיין פלונית׳טע — און ער האָט גענומען זיינע הענט און פיס און האָט געמאַכט אַ ויברח. אָט אַזוי פיהרט זיך אויף דער וועלט; געוועזען אַ פיינער בע־דער, יוקעל קאַזיראַק און פלוצלונג — ניטאָ יוקעל קאַזיראַק!...

וואָהין לויפט אַזאַ מין איד ווי יוקעל קאַזיראַק? פערשטעהט זיך אין אַזאַ לאַנד, וואו די ציוויליזאַציאָן שטעהט הויך און די פרייהייט ליגט ברייט. ויצא יוקעל בליובאַוויטש וילך לאַמעריקאַ. קיין אַמערי־קאַ קומט מען אָבער ניט אַזוי גרינג און אַזוי גיך. יוקעל קאַזיראַק האָט גענוג געשנאָרט, געבעטעלט, געלייגט, געוויינט, געגעסען לאַמי־טישע קיכלעך מיט געקוילעטע הערינג, געוואַלגערט זיך אין הקדש׳ן, אידישע אכסניות און אַנדערע פינסטערע גריבער, איידער ער איז געקומען אין דער פרייער לאַנד, אין דער גרויסער אַמעריקאַ. אין דער צייט האָט שוין די ציוויליזאַציאָן אָנגעהויבען שייערען און כשר׳ען אונזער ר׳ יוקעל. אין בראָד האָט איהם אַ קאָמיטישער איד געשענקט

אַן אַלטען רעקיל, האָט ער אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די לאַנגע פער־שמאַלצענע בעקעשע. אין לעמבערג האָט ער זיך אונטערגעשאָרען איין פּאה אין קראָקאָוו האָט ער אונטערגעהאַקט די צווייטע פּאה. אין בערלין האָט ער זיך אָבגעפּיצקעט די באָרד, און ליווערפּול איז ער פון יוקעל קאַזיראָק געוואָרען מאָריץ קאַזירמאַן, און פון אַ פּראָסטען ליובאָוויטשען הבדניק איז געוואָרען אַ אייראָפּעאישער פריי־דענ־קער! יאַ! וואָס אמת איז אמת, יוקעל קאַזיראָק איז שוין געקומען קיין אַמעריקאַ אַ פאַרטיגער פריידענקער! און אויב די אַמעריקאַנער וועלען זיך בעריהמען און זאָגען פאַר אייך, אַז דאָס איז זייער אַר־בייט, מעגט איהר זיי אַ שפּיי טאָן גלייך אין „ליבערטי״ אריין. אין אַמעריקאַ איז נור געקומען די ענטוויקלונג... אין אַמעריקאַ האָט ער שוין מיט דער צייט גאָר אָפּגעגאָלט אין גאַנצען די באָרד מיט די וואָנצען, אין אַמעריקאַ האָט ער אָנגעהויבען טראָגען סוספּענ־דערס און איז געוואָרען פון מאָריץ קאַזירמאַן מאַקס דזשעפּערסאָן. און דאָס איז גאָר קיין חידוש ניט, אַז אַ מענש קען מגלגל ווערען אין אַ קעלבעל, פאַר וואָס קען ניט מגולגל ווערען יוקעל קאַזיראָק אין מאַקס דזשעפּערסאָן?

יוקעל קאַזיראָק האָט אָנגעהויבען אין אַמעריקאַ אַזוי ווי אַלע אידען הויבען אָן: ער איז געוועזען אַ קבצן, דערנאָך האָט ער געאַר־בייט אין אַ פּעקטאָרי, דערנאָך איז ער געשוואָלען געוואָרען פון הונ־גער, דערנאָך איז ער געוואָרען אַ וועבער, דערנאָך איז ער געווען אַ שנאָרער, דערנאָך אַ פינישער, דערנאָך אַ ביגלער, דערנאָך אַ שוירט מייקער, דערנאָך אַן אָפּערייטאָר... אין קורצען, אַזוי ווייט און אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער האָט זיך דערדיענט ביז אַ פּעדלער. אָט דאָ האָט ער אָנגעהויבן לעבען אויף דער וועלט! ער האָט זיך געקויפט אַ זיי־גער מיט אַ געלע קעטעלע, האָט אָנגעהויבען רויבערען סיגאַרען און האָט אויפגעהערט צאָהלען חובות... אַ פּאָר מאָל האָט ער געהעצקעט די סוחרים וואָס האָבען איהם געבאָרגט סחורה... דער שכל איז גע־וואַקסען ווי טייג אויף גוטע הוין. ער האָט אָנגעהויבען צו פער־שטעהן, וואָס הייסט ביזנעס, וואָס בעדייטעט פּאָליטיקע, ווי עס וואַקסט פּעפּער, ווי אַזוי פערדיענט מען אַ קערבעל און ווי אַזוי מאַכט מען אין אַמעריקאַ אַ לעבען. ער איז געוואָרען פּאָלקאָם ציווי־ליזירט. ער האָט געהאַט איין געבאָט: זיי קיין נאַרר ניט און לעג

ניט דעם צווייטען קיין פינגער אין מויל... ביזנעס הייסט, האָט ער געלערענט דעם פשט: האַפּ אריין ווי פיעל דו קענסט; פּאָליטיקע הייסט: דערלאָז ניט, אז דער אַנדערער זאָל צוגנב'ענען אין גאַנצען, גנב'ע אויך כאָטש אַ ביסעל, אז דו קענסט ניט קיין סך. און פערדיע־נען אַ קערבעל הייסט: אונטערשטעלען דעם אַנדערען אַן אונטערפּי־סעל, אז ער זאָל פליהען צו אַלע שווארצע יאָהר. די הויפּט זאַכע, אַזוי האָט געלערנט אונזער מיסטער דזשעפערסאָן, זיי ניט קיין נאַרר, זיי אַ פריי־דענקער און וויים, אַז אין אונזער צייט דאַרף אַ מענש רעדען, דענקען, גלויבען נור אין דער ענטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציאָן! ווי באַלד דו גלויבסט נור אין דער ענטוויקלונג, מעגסט דו גאָלען די באָרד און די וואָנצעס, אָדער גאָלען נור די באָרד, אָדער גאָלען נור די וואָנצעס, אָדער טראָגען באַקען־באַרדען, אָדער לאָזען זיך פון דער באָרד בייביידע באַקען צוויי שמאָלע לענטעס, — אַלעס איינס, ביסט אַ בראַווער דזשענטעלמאַן און עס מעג קומען אַ ברכה מיט אַ הצלחה אויף דיין קעפּעלע...

די ענטוויקלונג האָט געבראַכט דערצו, אז מיסטער מאַקס האָט פערשטאַנען, אַז ביי פּעדלעריי קען מען זעהר וועניג „פיקסען" די קעשעניע. אַ סטאָר, דאָס איז אַן אַנדער זאַך: אַ נאָמען, קרעדיט, ביזנעס, שאַכער־מאַכער, אַ פייער, פּרעמיע, פּערדיענסט... עפּעס גאָר אַן אַנדער נגון... איינס צוויי דריי — און אונזער דזשעפערסאָן האָט שוין אַ סטאָר... איינס, צוויי, דריי אין דעם סטאָר איז שוין דאָ פיעל סחורה, איינס, צוויי, דריי ביי דער סחורה זעהר שעהנע מיידלעך... נו... איינס, צוויי, דריי: די סחורה ברענט, דער סטאָר ברענט, די מיידלעך לויפען, מאַקס לאַכט, טרינקט ביער און שפּרעכט פון דער ענטוויקלונג... מען זאָגט, אַז איינע פון די שעהנע מיידלעך וויינט נאָך איצט אויף דזשעפערסאָן'ס קאָפּ; מען זאָגט אַז דער פייער וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין זיין סטאָר איז אַריבער־געגאַנגען אויפ'ן גאַנצען הויז און עס זיינען פערברענט געוואָרען צוויי נפשות... און נאָך אַנדערע מעשות דערצעהלט מען, אָבער אונזער מיסטער מאַקס דזשעפערסאָן שפּייט איבער'ן לופט און זאָגט, ווי אַן אמת'ער פריידענקער: ביזנעס בעפאָר פּלעזשור.

פון איין שטופּע אויף דער אַנדערער, אַלץ העכער און העכער איז געגאַנגען אונזער מיסטער מאַקס דזשעפערסאָן. ער האָט פערשטאַ־

נען, אַז אין אַ פרייע לאַנד איז דאָ פּאָליטיק נור אויף דערויף, אַז יעדער פיינער בירגער זאָל אויך קענען כאַפּען אַ שטיקעל פון דעם קהל׳שען לויתן. ער האָט געזעהן בעשיינפערלעך, אַז צום געפילטען לויתן זיצען זעהר נאָהענט די בראַווע סאַלון־קיפּערס. האָט ער טאַקע געעפענט באַלד אַ סאַלון... און ער האָט טאַקע גוט געטראָפען. פאַר יעדער עלעקשאָן־דעי האָט ער גענומען געלד פוןביידע צדדים: ביי איינע האָט ער גענומען געלד ער זאָל שווייגען, ביי די אַנדערע האָט ער גענומען געלד ער זאָל גאָרנישט זאָגען. אַלס סאַלון קיפּער האָט ער געפיהרט אַ גליקליכען און רוהיגען לעבען: די שיכורים האָבען פאַר איהם געצאָהלט רענט, האָבען איהם גוטע קעסט געגעבען און אויך פּראָפיט אין קעשענע אריין. די פּאָליציי האָבען איהם געגעבען רעספּעקט, דער קעפּטען איז מיט איהם געווען אדרבה־ווי־אדרבה, דער דזשאָדזש האָט איהם פריינדליך געדריקט די הענד און אַלע שכנים האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ מענשען מיט אַ גרויסע דעה אין שטאָדט. אָפט פלעגט מיסטער מאַקס דזשעפערסאָן האַלטען אַ רעדע צו זיינע בעזוכער. ער פלעגט זיי דערצעהלען פיעלע טיעפע געדאַנקען פון דער ענטוויקלונג דער ציוויליזאַציאָן און זיי פלעגען אַראָפּלאָזען זייערע אויערען און הערען מיט גרויס שמחה און פערגעניגען. מען זאָגט, ווי באַלד די אויפגעקלעהרטע אידען, די רעפאָרמאַטען, האָבען זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ פיינער רעדנער און אַ קלוגער ביזנעס־מאַן האָבען זיי איהם געוואָלט מאַכען פאַר אַ פּרעדיגער ביי זיי אין טעמפּעל, נור מיסטער מאַקס דזשעפערסאָן האָט געענטפערט, אַז אַ סאַלון געפעלט איהם בעסער פון אַ טעמפּעל און שיכור׳ע לויפערס פערשטעהען מעהר פון פרייהייט ווי די רעפאָרמירטע און ציוויליזירטע אידעלעך... געה, זאָג איהם, אַז ער זאָגט אַ ליגען...

אין דערזעלבער צייט איז מיסטער דזשעפערסאָן געפאַלען אויף אָן אַנדער איינפאַל: געפיהלט האָט ער זיך גאַנץ גוט, דער לונג און לעבער איז ביי איהם געלעגען אויף אָן אָרט. הויכע און פּאַטישע געדאַנקען האָבען ביי איהם געשפּילט אין קאָפּ, אַקוראַט ווי דער גאַז שפּילט אין אַ באָטעל „לעמאָן”. האָט ער זיך מישב געווען און האָט געזאָגט: יעקעל! פאַר וואָס זאָלסט דו ניט אויפשרייבען עפּעס אַ שעהנע דראַמאַ פאַר דעם אידישען טהעאַטער? אַ צילינדער אויפ׳ן קאָפּ טראָגסט דו, די וואָנצעס און די באָרד גאָלסט דו, פון דער ענט־

וויקלונג דער ציוויליזאַציאָן ווייסט דו, אין גאָט און אין שדים גלויבסט דו ניט .. פאַר וואָס טאַקע באמת זאָלסט דו זיך ניט פּרובען? די ביהנע קענסט דו גוט, ווארום ביי דיר אין סאַלון זינגען דאָך אַרטיס־טען מיט אַרטיסטקעס די פיינסטע קופּלעטען; און דער „מענש" איז דיר דאָך גוט בעקאַנט, ווארום ביסט דאָך געוועזען אַזוי פיעל יאָהר אַ בעדער... און וואָס די בעזוכער און די צוהערער פאָדערען ווייסט דו אויך גאַנץ גוט — ווארום האַלטען דריי יאָהר אַ סאַלון איז דאָך קיין קליינינגקייט ניט... אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, דער יצר הרע האָט גובר געווען אין אונזער ר' יוקעל, אָדער בלע"ז מאָקס דזשעפערסאָן, האָט אָנגעהויבען מאַכען דראַמעס מיט טראַגעדיעס. אין היסטאָרישע ווערק האָבען מתים מיט שדים געטאַנצט קאַנקאַן, כהנים גדולים מיט מלאכים געזונגען קופּלעטען. אין לעבענס־ווערק האָבען אָבעזיאַנעס גערעדט פון דער הייליגער טוגענד און מענשען האָ־בען געטרונקען פּעסער בלוט און האָבען געגעסען שווערדען מיט שפּי־זען. די שוישפּילער האָבען געשריען משוגענער־ווייז, די בעזוכער האָ־בען געשריען בראַוואָ און געפּליאַסקעט אַזוי לאַנג ביז וואַנען זיי האָבען זיך אונטערגעריסען... וליהודים היתה אורה, ושמחה וששון, ויקר!....

די ענטוויקלונג איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער, און ויהי היום, אַז אונזער מיסטער דזשעפערסאָן האָט זיך אליין אַ פּאַטש געטאָן אין שטערען און האָט אליין זיך געפרעגט אַ קשיה: זאָג מיר, ר' יוקעל, פאַר וואָס זאָלסט דו ניט ווערען אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג? שרייבען קענסט דו גוט, דאָס זעהסט דו ארויס פון דיינע דראַמעס. פון דער ענטוויקלונג ווייסט דו אין דיין צייטונג קענען בעסער און מעהרער שפּרעכען ווי אין ביער־סאַלון, און מכח פּאָליטיקע דאַרפסט דו גאָר קיין יסורים ניט האָבען, ווארום אויב מען גיט „שוויַיג־געלד" אַ סאַלון־קיפּער, וועט מען נאָך פיעל מעהרער געבען אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג. . אַ קליינינגקייט אַ צייטונג! וואָס איז ציוויליזאַציאָן, און וואָס איז פּראָגרעס, וואָס איז ענטוויקלונג און וואָס איז פּאָליטי־קע אָהן אַ צייטונג?... אַזוי ווי אַ הונט אָהן אַן עק, אַזוי ווי אַ שוהל אָהן אַ גבאי, כך הוה: מיסטער יוקעל קאַזיראַק האָט אָנגעהוי־בען רעדאַקטירען אַ נייע, אַ פיינע, גאַזעטע. ער אליין האָט געשריבען אַרטיקלען „איבער" וויסענשאַפט און קונסט, האָט געלייענט דעם

עולם מוסר, האָט געלערנט ווי אַזוי מען דאַרף זיין אָרענטליך און פיין. אַ חוץ דעם איז ער געוואָרען אַ פּאָעט און האָט אין יעדער נומער געגעבען זיינע לעזער צוויי—דריי שעפּעל מיט פּאָעזי. ער האָט געוואוסט, אַז פּאָעזי פאָדערט, אַז מען זאָל לעבען „רעט" שטעלען „קעט" און לעבען „געוואָרען" — „פערלאָרען"... און דאַטס־אָל!...

איהר זייט שוין יעצט אַליין גאַנץ גוט בעקאַנט מיט מיסטער מאַקס דזשעפערסאָן און אַ סך דערצעהלען אייך פון איהם איז איבע־ריג. איך דאַרף אייך נור זאָגען, אַז ווי באַלד ער האָט דערהערט, אַז מען לאַכט פון איהם ווי פון אַ גראָבען יונג איז ער באַלד געוואָרען אַ סטודענט אין קאָלעדזש... נור דאָרטען האָט מען פון איהם זעהר אָפּט געלאַכט, וואָרעם ער האָט זעהר שווער געלייענט אפילו געדרוק־טע עברי און ער האָט אַ מאָל געטאָן מיט'ן האַנד און האָט געזאָגט: לאָזען אַנדערע גראָבע יונגען שטודירען!...

היינט איז מאַקס דזשעפערסאָן געוואָרען קאָלטבלוטיג און סאָ־ליד. ער זאָגט, אַז שרייבען אַ צייטונג, מאַכען דראַמעס און רעדען צום גראָבען פאָלק פון דער הייליגער ענטוויקלונג דער ציוויליזאַציאָן קען נור אַ הייסער אידעאַליסט... ער שטעהט שוין יעצט העכער פון דאָס אַלעס... ער האָט אַ באַנק וואו די אָרעמע לייט היטען זייער געלט און פערקויפט לאָטס... ער איז פּרעזידענט אין פיער לאָדזשעס און וויצע־פּרעזידענט אין עטליכע ביזנעס אַסאָסיאיי־שענס... ער שפּאַצירט אָפּט אויף דער בויערי, רויכערט אַ האַוואַנאַ סיגאַר און פייפט אוים: דזשאָנני געט יור גאָן.

זעהט וואָס די ענטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציאָן מאַכט פון אַ מענשען?

ניו יאָרקער חברה־קנאַקער.

יאָסי קרעפּעלכאַפּער

ניש־קשה, די דאַון־טאַונער אידען מעגען זיך איבערנעהמען מיט מיסטער יאָסי קרעפּעלכאַפּער! האָט איהר אַמאָל געזעהן דעם פּאַנישען גענעראַל סקאָבעליעוו אין אַ ווייסע קאַפּאָטע אויף אַ ווייסען פערד? זאָג איך אייך, אַז סקאָבעליעוו איז ניט מעהר ווי אַ הונד געגען אונזער מיסטער יאָסי קרעפּעלכאַפּער. קרעפּעלכאַפּערס באַקענבאַרדען זיינען צוויי מאָל לענגער און ברייטער, זיין בויך פיער מאָל דיקער, זיין נאָז אין זיעבען מאָל גרעסער, זיין דאָנערשטימע ניין מאָל שטאַרקער און זיסער, און פּונקט אַזוי ווי סקאָבעליעוו איז ער בעהאַנגען פון גאָרגעל ביז אונטער די ריפּען מיט מעדאַליען, רעגאָלען, מעדאַליאָנען, אָרדענסשטערען, מגן דוד'ס, בענדלעך, לענטעס. סקאָבעליעוו האָט מלחמה געהאַלטען מיט דעם טערק, רייטענדיג אויף אַ פערד, און קרעפּעלכאַפּער האַלט מלחמה אין אַלע לאָדזשען, האָרעוועט אַליין ווי אַ פערד. לויפט אום צו פוס, סאָפּעט, שוויצט, שרייט, קוויטשעט, קנאַקט, טרינקט אויס גאַנצע פעסער ביער, עסט אויף אַלע לאָנטשען אין די ביער סאַלונען און רויכערט אויס אַלע בעסטע סיגאַרען. אין איין לאָדזש איז מיסטער יאָסי פּרעזידענט, אין דער אַנדערער וויס־פּרעזידענט, אין דער דריטער אַ מאַרשאַל, אין דער פיערטער אַ ריטטער, אין דער פינפטער אַ טראָסטי, אין דער זעקסטער אַ טרעזשורער, אין דער זיעבעטער אַ סעקרעטער, אין דער אַכטער אַ בעל עצה, אין דער נײַנטער אַ בעל טובה, אין דער צעהנטער אַ מאַכער, אַ דרייער, אַ מוסר זאָגער, אַ שלום מאַכער, אַ מאַרטש פיהרער, אַ פּאָליטיקע דרייער. . אַ קנאַקער, אַ פייפער, אַ טוער, אַ מיוחס, אַ גוטער ברודער...

מיסטער קרעפּעלכאַפּער פּיהרט זיך ברייט, לאַכט הויך, דענקט פריי און האַלט שטאַרק פון רב הכולל. קיין שונאים, קיין פיינט, קיין קאָנקורענטען האָט ער ניט. אַלע קענען איהם, אַלע ליעבען איהם, אַלע זיינען מיט איהם צופריעדען. דער פּאָליסמען לאַכט צו איהם מיט אַ פריינדליכען געלעכטער, דער סערזשאַנט שיקט איהם פון דער ווייטענס אַ ברייטען שלום עליכם, דער קעפּטען שנעלט איהם אין בייכעל און דער דזשאַדזש ווינקט צו איהם מיט אַן אייגעל. עוויג! עוויג וועט ניט פערגעסען ווערען דאָס, וואָס מיסטער יאָסי קרעפּעלכאַפּער טוט פאַר דעם כלל ישראלס וועגען. בויען אוים די אידען אַ נייע שוהל און ווילען אז אויף חנוכת הבית זאָל ביי זיי זיין קאָראָנער שמאַטקינס און ער זאָל האַלטען אַ רעדע פון דער אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע — וועט שוין דאָס מיסטער יאָסי פּיק־סען און קאָראָנער שמאַטקינס וועט שוין די אידען גליקליך מאַכען. פערגליסט זיך אַ רייכען פעדלער אז ביי זיין טאָכטער אויף דער חתונה זאָל עקס־סענאַטאָר כאַפּלאַפּקינס האַלטען צוויי זאכען... דאָס הייסט, האַלטען אַ רעדע און האַלטען אַ שטעקען פון דער חופּה — וועט שוין מיסטער יאָסי דעם סענאַטאָר ברענגען, און דער סענאַטאָר וועט שוין האַלטען, דער פעדלער וועט שוין קוועלען און דאָס „פּ אָ ר פּ אָ ל ק" וועט שוין טריומפירען. טאָמער דאַרפט איהר, אז ביי דעם פּעטען סאַלון קיפּער אויף'ן ברית זאָל אַסעמבלימאַן מייק קאַנאַליע זיין וויצע־סאַנדעק און זאָל האַלטען אַ ספּיטש איבער דער פרייהייט פון דער גרויסער רעפּובליק און די וויכטיגקייט פון דער מצוה ברית מילה — וועט שוין דאָס מיסטער יאָסי בעזאָרגען... ער וועט ניט שלאָפען, וועט ניט עסען, וועט ניט רוהען, וועט ניט לאָזען צו רוה, וועט בעטען, חנפענען, צו זאָגען פּאָליטישע הרים וגבעות, ביז וואַנען ער וועט שוין מחיה זיין זיינע ברידער מיט אַ קאָראָנער, עקס־סענאַ־טאָר אָדער אַססעמבלימאַן... זאָל ער ניט זיין יאָסי קרעפּעלכאַפּער, אויב ער וועט ניט דאָס ניט אויספיהרען!....

די וואונדערבאַרע אייגענשאַפטען, די זעלטענע מעלות פון אונ־זער בעליעבטען גוטען פריינד מיסטער יאָסי קרעפּעלכאַפּער איז אונ־מעגליך איבערצוצעהלען און אויסצורעכענען, אַזוי ווי עס איז אונ־מעגליך איבערצוצעהלען וויפיעל האָאר אַ יאַרקשירסקי חזיר האָט אויפ'ן רוקען, אָדער וויפיעל מצוות טוט אַן אמת'ר עהרליכער איד,

אָדער וויפיעל מאָל גלאָצט מיט די אויגען אַ רעפאָרמערשער מגיד. אין קורצען קען איך אייך נור זאָגען, אַז ר' יאָסי האָט ליעב צו אונטער־האַלטען זיך נור מיט אנשטענדיגע מענשען, למשל, מיט רייכע פעד־לער, דיקע בוטשערס, קלוגע בעל הבית'טעס פון פריילינכע הייזער, רויטע סאַלון קיפּערס, בודלערס פון טעמעני האָלל, פּרעזידענטען פון שוהלען און לאָדזשען, אפּטייקערס, אַגענטען, ליטעראַטען פון העס־טער סטריט, דעטעקטיוום און אַנדערע עדעל לייטע.

שטענדיג שמייכעלט ער און חנפט זיך צו יעדערען. ער איז ניט קיין בייזער מענש און אַז ער קריגט אַמאָל אַ „קיק" אין די ציין אָדער אַ „באָקס" אונטער די אויגען, אָדער אַ שפּיי אין פּנים ווישט ער אָב די ליפּען און מאַכט אַ שווייג. בייז ווערען און קריגען זיך איז ניט אין זיין כאַראַקטער.

ער לויפט אום גאַנצע טעג, ער איז פערסאָפּעט, דער צונג ארויסגעשטעקט, דאָס געזיכט רויט און פערשוויצט... ער געהט ניט אום לעדיג; ער איז שטענדיג בעשעפטיגט מיט קהל'שע געשעפ־טען. ער שמעקט מיט'ן נאָז, אפשר קען מען גרינדען אַ נייע לאָדזש, אפשר קען מען ערגיץ וואו אין אַ רעסטאָראַן געפינען דעם קאָראָנער שמאַטקין, דעם עקס־סענאַטאָר כאַפּלאַפּקין, זאָגען זיי גוט מאָרגען! און מכבד זיין זיי מיט אַ גלאָז ווייַן.

רעדט ער פון גרויסע פּאָליטישענס, פון פעהיגע בודלער, פון רייכע קאַפּיטאַליסטען, לעקט ער זיך אַרום מיט'ן צונג פון פערגעני־גען, דאָס הארץ פרייט זיך ביי איהם, די נשמה קוועלט. דערמאָנט איהם אָבער, אַז עס זיינען דאָ קבצנים און סאָציאַליסטען, ווערט ער באַלד גרין און בלוי, קריצט מיט די ציין, כראַקעט מיט'ן נאָז. ער האָט פיינט אַ סאָציאַליסט ווי אַ חזיר האָט פיינט אַ אידען... מיינט ניט חלילה, אַז די סאָציאַליסטען האָבען איהם שלעכטס געטאָן און ער האָט עפּעס צו זיי — ניין! זיין רייכע נשמה קען ניט פערטראָגען קיין קבצנ'עשע טעאָריע. ניט פערזענליכקייטען שפּילען דאָ אַ ראָלע — ניין! דאָ שפּילען אַ ראָלע פּרינציפּען!...

ער איז אַ מבין אויף אַלץ אין דער וועלט, אַ קריטיקער, אַ רע־צענזענט: ער זאָגט מבינות אויף אַ דרשה פון רב הכולל, אויף אַ ספּיטש פון אַ פּאָליטישען, אויף אַ שטיק פון אידישען טעאַטער, אויף דעם שפּיל פון אַ שוישפּילער און אויף די פעהיגקייט פון פּייטערס...

ער אַז אַ מבין אויף אַן אָפּערא און אויף אַ חזן און זינגט אליין „עני רוני" און „טע־טע רע בומס טראַם!"

אַליין איז ער אַ בראַווער דעמאָקראַט, האָט ערנסט פיינט די רעפּובליקאַנער און איז הערריסאָנען אַ דם שונא. עס איז נאָך ניט געווען און עס וועט ניט זיין אין ניו יאָרקער דאַון טאַון אַזאַ טרייער, אַזאַ פליסיגער, אַזאַ הייסער דעמאָקראַט ווי מיסטער יאָסי קרעפּעל־כאַפּער!... פאַר די עלעקשאָנס צורייסט ער זיך נעבעך אויף שטיק־לעך, ער שרייט ביז ער ווערט הייזעריג, ער לויפט אום ביז די פיס ווערען איהם געשוואָלען ווי קלעצער, ער שוויצט ביז ער ווערט צו־פּרייעט. ער איז בערייט צו ליגען, שווערען זיך, אונטערקויפען אַלע אידישע צייטונגען, אָבקויפען ביי אַלע אידלעך זייערע וואוטס, דער־טרינקען אַלע סאָציאַליסטען אין איין לעפעל וואַסער, געבען אַלע אַנאַרכיסטען באָמבעס אין די הענד און טריטען אַלע פּאָליסמענס כדי זיי זאָלען שרייען: חי וקים!...

איהר וועט מיך פרעגען, אָבער וואָס קומט ארויס ר' יאָסי קרע־פּעלכאַפּער פון די אַלע געשעפטען? וואָס האָט ער דערפון, וואָס ער שמייכעלט, חנ'פענט, טראָגט אויפ'ן האַרצען פול מעדאַליען, מישט זיך אין אַלע לאָדזשען, שרייט פאַר די דעמאָקראַטען, שילט די סאָ־ציאַליסטען, טראַקטירט דעם קאָראָנער מיט'ן עקס־סענאַטאָר, קריי־טיקירט דעם אידישען טעאַטער און לויבט דעם רב הכולל? וואָס פּערדיענט ער דאַביי, וואָס ער שוויצט, קריצט, שמעקט, שרייט, לויפט און טרינקט, זינגט אַמעריקאַנישע פּאַטריאָטישע לידער — איז ער רייך? ניין! ער האָט מכות מיט קדחת... לעקט ער אַ ביינ־דעל ביי די דעמאָקראַטען? — ניין! זיי גיבען איהם לעקען אַ פייג! האָט ער חאָטש כבוד? שטילערהייד לאַכט יעדער פון איהם און האַלט איהם פאַר אַ יאָלד... הייגט צו וואָס דאַרף ער דאָס? — צו וואָס?? צו וואָס דאַרף די לבנה שיינען אַזוי העל אין אַ קלאָרע זומער נאַכט? צו וואָס דאַרף דער נאַכטיגאַל שעהן און זיס זינגען? צו וואָס דאַרף די געטליכע ראָזע אַזוי גוט שמעקען?...

ר' יאָסי קרעפּעלכאַפּער איז נעביך ניט שולדיג... די נאַטור אַליין האָט געוואָלט, אַז ער זאָל נור זיין מיסטער קרעפּעלכאַפּער און ניט קיין אַנדערער... דאַרום, אַז זי האָט איהם בעשאַפען, האָט זי גענומען אַ נשמה פון אַ שקלאַף, אַ בויך פון אַ זולל וסובא, פיס

פון אַ טאַנצמייסטער, שוויס פון אַ בעדער, אַ קאָפּ פון אַן אייזעל און געהירען פון אַן אַמעריקאַנישען מיניסטער און האָט איהם בעפוילען גענה אין ניו יאָרק אויפ'ן דאון טאַון אוז ווער דאָרט אַ קהל'ס מאַן, אַ פּאָליטיקער, אַ קריטיקער, אַ מבין, אַ טוער, אַ פיהרער...

און מיסטער יאָסי קרעפּעלכאַפּער איז געקומען און איז געוואָרען...

פאַר וואס חיים יענקיל ציקאָוועס איז משוגע געוואָרען.

הלואי זאָל זיך דאָס ניט טרעפען — עס האָט זיך געטראָפען און עס איז גאַנץ מעגליך, אז עס וועט זיך נאָך טרעפען: מיסטער חיים יענקיל ציקאָוועס איז משוגע געוואָרען. ער איז נעביך אראָפּ פון זי־נען. ער ליעגט א געבונדענער אין האָספּיטאַל, שרייט, ניט מיט זיין קול, קוקט ארום זיך, ווי א טויט דערשראָקענער, ציטערט פאר זיין אייגענער שיין און דערקענט ניט זיינע קרובים און פריינד, וועל־כע וויינען ארום איהם.. ער לעבט נאָך און איז אָבגעשטאָרבען פאר דער גאַנצער וועלט. ער איז משוגע געוואָרען... ווען איהר וועט ווי־סען, פאר וואָס חיים יענקיל ציקאָוועס איז משוגע געוואָרען, וועט איהר מוזען צוגבען, אז מיסטער ציקאָוועס איז ניט דער איינציגער קאַנדידאַט און אי״ה מיט גאָטס הילף, ניט איינער נאָך וועט חס חלילה, ענדיגען מיט אזא מיאוס׳ן סוף.

חיים יענקיל ציקאָוועס איז ניט קיין איירישער גוי און ניט קיין דייטשער ערל, ער איז א אידישער געוועהנליכער אינטעלעגענט פון אונזער איסט סייד. די חולאת, פון וועלכע מיסטער ציקאָוועס איז אזוי מיאוס קראַנק געוואָרען, איז אזא מין וואָרעם, וועלכער זיצט אונטער׳ן הארצען, לעבען מאָגען פון יעדער „איסט סיידער" און וועלכער איז בעקאַנט אין דער מעדיצין מיט דעם נאָמען „דהע סאָסייטע וואָרם"... אין רוסישען רופט זיך דאָס, די קהלשע „גליסטאַ". דיעזער סאָסיי־טע וואָרעם זויגט און צופט און נודיעט, און צווינגט יעדען צו גרינ־דען נייע סאָסייעטעס, איינשליסען זיך אין די סאָסייעטעס, וועלכע עקזיסטירען שוין און דענקען פון סאָסייטעס און פעראיינען, וועלכע קענען נאָך געגרינדעט ווערען. די חולאת בעשטעהט אין דעם, וואָס

זיי נארען זיך אליין אָפּ און מיינען, אז די רעזולטאטען פון דער „סאָ־סייטע וואָרם"־קריינק וועלען זיין די דאָזיגע: כבוד, פּאָפּולאריטעט, אַ שעהנער נאָמען, פעטע פראקטיקע, אַ פּאָליטישער דזשאב, אַ קהל'־שער צימעס.. און נאָך פיעל אזעלכע זאכען.

אונזער מיסטער חיים יעקעל ציקאוועס איז געווען אַ מעמבער פון די פּאָלגענדע חברות, פעראיינען, לאָדזשען און סאָסייטעס, וועלכע ערקלערען אַם בעסטען וואָסערע פּרינציפּען און איבערציינגונגען ער האָט נעבעך געהאט, איידער ער איז נעבעך משוגע געוואָרען און וויפיעל ארבייט און מיה זייערע פערזאמלונגען און מיטינגען האָבען פון איהם געפאָדערט, ואלו הן:

„פערבאנד פון ציוויליזאציאָן און פּראָגרעס".

„חברה לומדי משניות ועין יעקב".

„פעראיין פון בילדונג, פון וויסענשאפט, פון קונסט, פון ליטעראטור".

„די מיסטעריעזע סאָסייטע פון קדחת, עין הרע אָבשפּרעכען און איבערהויפּט ספּיריטיזמוס".

„למכ'ס בענעוואָלענט און פילאנטראָפּיקאל סאָסייטע"

„דהע בייסיקעל ענד פינאקעל קלאָב נומער 9".

„די סימפּאָנישע געזעלשאפט פון מוזיק און הארמאָני".

„עוג מלך הבשן'ס לאָדזש נומער 44".

„סאָציאליסטישער טורן פעראיין נומער 17"...

„חובבי ציון וירושלים".

„די פריינדע פון דער קלאסישער דראמא".

„דובנער תהלים זאָגער".

„פריידענקער אטעאיסטען נומער 1".

„די שטיצע דער רעליגיאָן".

„די סאָציאליסטישע פּראָפּאגאנדא".

„בית יעקב לכו ונלכה"...

„מאָצארט'ס און בעטהאָווען'ס מוזיקאליש־כאראלישער פעראיין".

„באקונין־פּראָלעטארי־פעדעראציאָן".

„די סמארגאָנער אנשי גמילות חסדים".

„די ברידערליכקייט פון רוסישע רעוואָלוציאָנערען"....
„די גאַליציאַנער תלמוד תורה"...

און נאָך אַנדערע 77 לאָדזשען, סאָסייטעס און פעראיינען, וועלכע מיר ווערען ניט אָנרופען מיט'ן נאָמען, ווייל מיר האָבען ניט קיין פלאַץ...

יעדען אַבענד איז מיסטער חיים יענקעל ציקאָוועס געווען פערנומען אויף די מיטינגען און פערזאַמלונגען. אַזוי ווי אַ צומישטער איז ער אומגעלאָפען פון איין האָל אין דעם צווייטען. אומעדום האָט ער געוואָלט נעהמען אַנטהייל אין די דעבאַטען, אומעדום זיך בעווייזען און פון זיך לאָזען הערען. כמעט זיין גאַנצען לעבען האָט ער אומגעוואַנדערט אין אַ פערצויבערטען קרייז פון אַמענדמענטס; פון פאָינט אָף אָרדערס און פוינט אָף אינפאָרמיישאָן... ביסלעכווייז איז די ווירקליכע וועלט פערשוואונדען געוואָרען פון זיינע אויגען. אין מיט'ן טאָג אין קאר אויפ'ן גאס האָט ער אָפט אָנגעהויבען זעהן אַנשטאַט מענשען פוינט אָף אָרדערס, וועלכע געהען אום און רעדען און קלאַפּען מיט די ציין און געהען געקליידעט ווי אמת'ע מענשען....

איצט איז חיים יענקעל ציקאָוועס אין האָספּיטאַל. יעדען אויגענבליק גיט ער זיך אַ וואָרף ווי אַ פערווירטער און שרייט: „זעהט, זעהט! דער פוינט אָף אינפאָרמיישאָן, אַ לאַנגער פראַגעצייכען 13 פוט לאַנג, אַ מאָדערנער דזשענטעלמען, וועלכער רוקט זיך צום פרעזידענט'ס טשער! און אָט קומט דער פוינט אָף אָרדער, אַ דיקער נידריגער רוצח, וועלכער דריקט מיר מיין מוח... און די אַמענדמענטס, אַזוי ווי קליינע רוח'לעך שפּרינגען אין די אויגען... אוועק פון מיר! פוינט אָף אָרדער! טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, דו צרה'דיגער פוינט אָף אינפאָרמיישאָן! לאָזט מיך! געוואַלד! קאַראול! אַ מענדמענטס — שמע ישראל...

אוי, וועה איז מיר ציקאָוועס איז משוגע געוואָרען...

———(—0—)———

אַ טשאַריטי קנעפּעל.

(אַ היסטאָרישע ערצעהלונג ווי אַזוי אַ געשיקטער שנאָרער און אַן אייזערנער דלפון ווערט גיך און גוט אַ גאַנצער טשאַ־ריטע קנעפּעל און קריגט ממתקים).

1.

זיין נאָמען איז פיליפּ זאָוער. ער איז ניט קיין פערשפּיצטער חכם; דאָך דאַרף מען איהם קיין פינגער אין מויל ניט לייגען. ער איז ניט שרעקליך געבילדעט; דאָך לעזט ער נור דעם דייטשען „מאָרגען זשורנאַל" און „שפּריכוועט" דייטש; נור דייטש, כאָטש גיט איהם אַ קריינק! ער גלויבט אין גאָט און דאָך פון זיין גאַנצע באָרד לאָזט ער זיך איבער נור צוויי שמאָלינקע פּאַסען; דאָס איבריגע ראַזירט ער אויס ביז'ן דעק. ער איז פרום ווי אַ צאַפּ און דאָך דאַ־ווענט ער אין אַ רעפאָרמירטע שוהל; ער עסט ניט קיין חמץ אום פּסח, בשום אופן, און דאָך איז ער אַן אויפגעקלערטער. ער איז ניט לאַנג אין ניו יאָרק, און דאָך האַסט ער יעדען גרינהאָרן. ער קען נאָך ניט אין ענגליש אַ קאַץ אַן עק פערבונדען און האָט שוין שעהנע עט־ליכע טויזענד דאָלאַר. ער לייגט ניט אריין קיין פינגער אין קאַלטע וואַסער, און דאָך פערדיענט ער געלד אויפ'ן פּוד; ער ארבייט ניט און איז געזונד ווי אַ מויער. קיינער וויים ניט ווער ער איז, וואָס ער איז, פון וואַנען ער איז — און דאָך איז ער שוין בעקאַנט מיט דער גאַנצער „טשאַריטעבעלנע" אַריסטאָקראַטיע „שייקט הענדס" מיט מיסטער סאַלאָמאָן און קיצעלט אונטערן אָרעם מיסטער רייכאָוו... וואָס־זשע מיינט איהר — ער איז אפשר אַ מכשף, אָדער אַ בעל שם,

אָדער א מומחה, אָדער א בעל מופת? חס וחלילה! ער איז א געוועהנ־ליכער בשר ודם; ער עסט און טרינקט ווי אַלע מענשען און אַז ער שלאָפט שבת נאָכ'ן קוגעל, פייפט ביי איהם אין נאָז־לעכעל גלייך ווי ביי יעדער אידען. נור וואָס־זשע דען? אָט דאָס וויל איך דאָך אייך טאָקע דערציילען.

.2

איהר ווייסט פאַר וואָס ער מאַכט חוזק פון די רוסישע אידען און קוקט אויף זיי ווי אַן אַלטער קאָטער אויף קליינע בלינדע קעצ־לעך? ערשטענס דערפאַר, ווייל ער איז א גאַליציאַנער איד און קען ניט גאָטס פערדאַמטע רוסישע שרעקליכע, באַרבארישע, קאַצאַפּישע שוויין־שפּראַכע! א קלייניקייט, ער שפּריכט נור ריין קוגעל דייטש גלייך מיט אַלע אידישע שוואָבען און קאַלבאס־פאַבריקאַנטען. צוויי־טענס, ווייל ער גאָלט און שערט די רוסישע אידלעך אָהן א ראַזיר מעסער און אָהן א שעהר, נור מיט פילאַנטראָפּי, נור מיט טשאַרי־טיעס.. וואָרום וועמען נאָך איז אַזוי לייכט צו נאַררען און פיהרען ביי דער נאָז, ווי דעם רוסישען אידעלע?...

ער איז געקומען קיין ניו יאָרק אין איינעם מיט די רוסישע איד־לעך. אין איינעם מיט זיי האָט ער געגעסען מכות מיט הערינג אויפ'ן שיף און האָט געקראָגען סטיסאַקעס פון די מאַטראָזען. דער חלוק איז נור דאָס, וואָס דער רוסישער איד גאָלט אָב זיין באָרד שוין אין אַמע־ריקאַ, און ער האָט זיך „מגלח" געוועזן נאָך אין האַמבורג, און אין לי־ווערפּול איז ער שוין געוואָרען פון שמריה זוויערטייג — הער פיליפּ זאַוער... נור ניט אין דעם אליין איז געוועזן זיין קראַפט. נאָך אין בערלין, וואו ער האָט געשנאָרעט און איז געקראָכען גאַנצע חדשים־וויז, האָט איהם איינער פון די „אנשי קאָמיטע" געשיינקט א ביסעל א צוגעטראָגענעם שוואַרצען קאָסטיום און א צילינדער הוט... אָט דאָ ליעגט דער הונד בעגראָבען! די דייטשעשע „שפּראַכע", דער שוואַרצער אַנצוג און דער אונגעהייער גרויסער צילינדער הוט האָבען איהם געמאַכט פאַר א לייט... וואָס ער איז געוועזן אין זיין הייליגען פאָטערלאַנד— ווייס איך ניט. אייניגע זאָגען, ער איז געוועזן א משרת אין א אידישער אכסניא, אַנדערע זאָגען — ער איז געוועזן א קעל־נער אין א דייטשישע ביער־האַלע, דריטע זאָגען אַז ער האָט אין אַז

אפּאָטהעקע... געפּוצט די שטיוועל און גערייניגט דעם פלאָר... ער אליין אָבער דערציילט, אַז זיין זיידע איז געווען אַ ראַבינער, זיין פאָטער אַ באַנקיר, און ער אליין אַן אַפּאָטהייקער... מיט אַזאַ יחוס איז שוין ניט שווער אין ניו יאָרק צו מאַכען אַ לעבען.

קוים האָט ער נור דערזעהען פון שיף די אויסגעשטרעקטע האַנד פון דער „סטעטשו אָף ליבערטי" איז ער שוין אריינגעקומען אין זיין שוואַרצען קאָסטיום, האָט בעקרוינט דעם קאָפּ מיט'ן סטאָוו פּייפּ און בעזאָטעלט דעם נאָז מיט אַ פּאָר „פּינצנע", וועלכע ער האָט געקויפט אין דייטשלאַנד פאַר 5 פעניג. ער האָט זיך געשטעלט בעזונדער און האָט געקוקט אויף די רוסישע אידען מיט אַזאַ צאָרן און גאוה, מיט וועלכע אַ האָן קוקט אין בני אדם אריין... דערמיט האָט ער באַלד פערדיענט כבוד און רעספּעקט... מיט רעספּעקט האָט מען איהם דורכגעלאָזט דורך די גראַטעס פון „קאַסטער גאַרדען", מיט רעספּעקט האָט דער עקספּרעסמאַן גענומען זיין קליינינקען טשעמאָדאַנטשיקעל, מיט רעספּעקט האָט אויפגענומען דער קאָמיסיאָנער פון אַן עמיגראַנטען הויז...

הערר פיליפּ זאָוער האָט זיך אויסגעצוואָגען, האָט צוגעגלעט זיין פּליעך (איהר דאַרפט וויסען, אַז אַ פּליעך איז אויך אַ סימן גדלות), האָט פערדרעהט די וואָנסיעס, האָט אויסגעפּוצט די שטיוועל, אויסגעווישט די גלזעלעך פון די פּיענצנע, אַרומגעלעקט מיט'ן צונג דעם צילינדער, כדי ער זאָל זיין גלאַטער, און איז באַלד אַוועק אויף דער אַכטע סטריט... דאָ זיינען די רוסישע געשטאַנען אויפ'ן רעגען אין דרויסען, דער פּאָליסמאַן האָט זיי געשטורכעט, דער דזשעניטאָר האָט זיי געגעבען פּעטש, די מענעדזשערם האָבען זיך געקרימט און געשפּיגען, די סופּעראינטענדענטען האָבען אויף זיי געטאָפּעט מיט די פיס און געשריען. הערר פיליפּ זאָוער אָבער איז באַלד אריין אין קדשי קדשים אריין. דער צילינדער האָט איהם אויפגעהויבען ביז דעם סופּעראינטענדענטס נאָז, די דייטשע „שפּראַכע" האָט איהם געמאַכט פאַר אַ גאַנצען „יאַ טעבע דאַם"... אַזוי ווי אַרבעם פון אַרבעל האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען שיטען: ביטע! נעהמען זי פּלאַץ!... אָ! עס פרייט מיך זעהר!... מיין הערר! מיט פערגניגען!... וואַס מעגליך!... ווי שמעקט איהנען מיינע סיגאַרע?... דאַרף איך איך דערצעהלען, אַז דעם הערר פיליפּ זאָוער האָט די סיגאַרע גע־

שמעקט גוט און אז ער האָט גענומען פּלאַץ מיט פערגניגען... און, אז „וואָס מעגליך" האָט איהם געפּרייט?...

3.

די אכטע סטריט האָט גענומען אונזער הערר פּיליפּ זאווער און האָט איהם געמאַכט פאַר א „טשאַריטע קנעפּעל"... ויאמרו — האָבען געזאָגט די בעלי טובות פון דער אכטע סטריט צו איהם: זי זינד איין פּאָלקאָם אנשטענדיגער מענש.... זי וויסען ווי די אבשייליכע רוסישע אידען ערנידריגען אונז... דארום מוז אייער פּפליכט זיין אַלע עמיגראַנטען ערקלעהרען, זיי זאָלען פון ניו יאָרק פאָרט פאָהרען!... דאפיר קריגט איהר 30 דאָלאַר א וואָך... עס איז וועהניג... אָבער זי וויסען אונזער געלד איז טשאַריטע געלד... און מיר האָבען קיינע רעכט פיעל צו פערשפּענדען... מיט דער צייט!... —

— וואָס קען מען מאַכען! צו הויז העטע איך מיר ניט ערלויבט צו האנדלען מיט זאָלכע נידעריגע געשעפּטע... אָבער היער... איך בין צופריעדען....

און הערר זאווער האָט גענומען 30 דאָלאַר און א חוץ דעם 5 דאָלאַר אויף „קאַר פער" און האָט געטנה'ט מיט די עמגיראַנטען זיי זאָלען פאָרען נאָך וועסט, נאָך איסט, נאָך סאוטה... ער איז שטענדיג געגאַנגען אין זיין צילינדער — האָבען איהם די „בעלי טשאַריטעס" גערעכענט פיר דעם עהרליכסטען מענשען... אין א קורצע צייט אַרום האָט איהם דער גרעסטער סופּעראינטענדענט געזאָגט: מיסטער זאור! זי זינד זעהר א פּעהיגער אונד זעהר א נוצליכער מענש פיר אונז... איהר קריגט פאָן הייטע 50 דאָלאַר פער וואָך, נור, פערצייהען זי איהרע פּפליכטע ווערדען אויך גרעסער זיין... איהר ווירד מוסען אין איהרע טאַשע איין פּאַאר הונדערט דאָלאַר פון אונזער טשאַריטע געלד האבען אונד יעדען עמיגראַנט איין קליינע סוממאַ ביז פינף דאָלאַר געבען... נור, זאָלען זיי זיך פאָרט פּאַקען!... הערר זאור איז געוועזן זעהר א פּעהיגער יונג — די עמגיראַנטען האָבען זיך פאָרט געפּאַקט — לכל הפחות אזוי האָט ער געזאָגט — און די טשאַריטע געלד פּלעגט פערשוואונדען ווערען, ווי שנעע ווערט פערשוואונדען, אז די זונן הויבט אָן באַקען...

אין א קורצע צייט אַרום האָט איהם דער גרעסטער סופּעראינ־טענדענט געזאָגט: הערר זאור, איך בין צופריעדען!... זי זינד איין פעהיגער און זעהר א נוצליכער מאַן פיר אונז און פיר אונזערע אונ־גליקליכע רוסישע ברידער... פון הייטע ווערדעט איהר 75 דאָ־לאַר פער וויק בעקאָמען; אבער, ענטשולדיגען זי, איהר ווערדעט מוסען נאָך מעהר, נאָך מעהר אַרבייטען... זעהען זי, פיעלע אָרימע, וועלכע האבען שוין היער איין וואָהנונג ביטען אום הילפע... איי־ניגע זאָגען זי זינד קראַנק, צווייטע זאָגען זי האבען מאַנגעל אין געלד... זי ווערדען איינע געוויסע סומע געלד האבען אונד יעדען בעזוכען אונד נאָך איהרע מיינונג בעפרידיגען... — מיסטער פיליפּ זאור איז א פעהיגער יונג —— די געוויסע סומע האָט ער גענומען, די קראַנקע אונד די אָרימע בעזוכט... און ווייטער... ווייטער פערשטעהט איהר שוין אליין... מיסטער זאור איז דאָך ניט קיין רוסישער יאָלד — ער פערשטעהט דאָך, דאָס ביזנעס איז ביזנעס... ער האָט אימפּאָרטירט אוים גאַליציען זיינע צוויי ברידער, צוויי גליעדם־שוועסטערקינדער, צוויי פעטערס, צוויי מוהמעס, א שטיף פאָטער..׳ און אלע זיינע זיי געוואָרען אויפזעהער, אויפּקוקער, משגיחים, אָפּפּיסערס פון דער אכטער סטריטיגער טשאַריטע...

אין א קורצע צייט אַרום איז שוין מיסטער זאור אליין געקומען צום גרויסען סופּעראינטענדענט און האָט אָפען געזאָגט: איך פער־שטעהע יעצט גאַנץ גוט מיט וואָס מע עסט אייער טשאַריטע!... איהר זייט א ביזנעס מען, איך בין א ביזנעס מען... נאָך וואָס זאָל אָנקומען דער ריוח וויים ווער? ... הערט! איך וועל רענטען א גרויסען הויז... רענט וועט איהר צאָהלען... איך וועל קויפען מאַטראַצען און בעטען — געלד וועט איהר צאָהלען.. איך וועל זיי געבען עסען קריינק — און געלד וועט איהר צאָהלען... איך מיט מיינע קרובים וועלען פערנעהמען אלע פּאַרלאָר רומס און די עמיגראַנ־טען וועלען ליגען אין בייסמענט — און געלד וועט איהר צאָהלען, — איך וועל אכטונג געבען אז די וואָס האָבען טיפוס זאָלען גוט קרענקען און געלד וועט איהר צאָהלען, און אחוץ דעם וועל איך אייך צושטעלען בילס און געלט וועט איהר צאָהלען...

הערר פיליפּ זאור האָט געדענטעט — און האָט גענומען דאָללאַרס האָט געקויפט מכות און האָט גענומען דאָלאַרס, האָט געגעבען עסען

א קריינק און האָט גענומען דאָלאַרס, האָט די געזונטע קראַנק גע־
מאַכט — און האט גענומען דאָלאַרס, האט די קראַנקע אויף דעם
חשבון פון דער אַכטער סטריט עקספּאָרטירט אויף יענער וועלט און
האט גענומען דאָלאַרס און דאָלאַרס... צו לעצט האט ער געזאָגט,
אז פון די קראַנקע האט ער זיך אַליין אָנגענומען טיפּוס און פאר דער
טובה האט מען איהם בעזונדער געגעבען א גאַנץ גראָבע פּויתיקע...

היינט טראָגט מיסטער פיליפּ שוין ניט יענעם ראָק וואס ער האט
אויסגעשנאָרעט אין בערלין און ניט יענעם הוט און ניט יענע
„פּיענצנע"... ניין!... ער איז איינער פון די ערשטע פּראַנטען,
טראָגט גילדערנע פּיענצנע, א שטעקען מיט א גילדערנע הענטעל,
דיאַמאַנטענע זאַפּינקעס, דיאַמאַנטענע רינגען... און האט א שעהנע
פּאָר טויזענד דאָלאַר אין באַנק...

שטעלט זיך פּאָר וואס פאר א גילדערנע זאַך טשאַריטי איז, אז
אזא קליינער טשאַריטע קנעפּעל מאַכט אזעלכע גילדערנע געשעפטען...
אוי! הלואי אויף אַלע גוטע אידען געזאָגט געוואָרען... אמן סלה!

די אַבלאַווע

(אויס דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד.)

עס איז געווען א שעהנע און פיינע נאַכט, איינע פון די נעכט, וועלכע זיינען גוט בעקאַנט יעדען, וועד עס האט נור אַמאָל געלעבט אין זיד־רוסלאַנד. די גאַנצע שטאָדט קיעוו האט שוין געשלאָפען מיט א טיעפען און רוהיגען שלאָף. די הייזער זיינען געווען בעדעקט מיט א דונקעלען שאָטען־מאַנטעל פון אַלטע און שעהנע בוימער, און נור דער קלאָרער טייך, דער גרויסער דניעפּער, איז געווען פּרעכטיג איליומינירט פון דער לבנה מיט די שעהנע לייכטענדע שטערען. שטיל האבען געפּליסטערט די וועלען פון טייך, לאַנגזאַם האבען גע־שוואומען אין רקיע השמים די לבנה מיט איהרע בליצענדע קינדער־לעך — אַלעס אין דער נאַטור איז געווען רוהיג און שטיל.

און ווער וואָלט געגלויבט, אז אין די זעלבע מינוטען זיינען דאָ מענשען וואס האבען ניט קיין רוה, קיין פריעדען? יא! אַלע רוהען יעצט נאָך זייער ארבייט און מיה, נור פיעלע אידעלעך אויפ'ן פּאָדאָל, אין דער אידישער גהעטאָ, שלאָפען נאָך ניט און האבען קיין רוה. אַלעס איז יעצט, אין די שפּעטע שטונדען פון דער נאַכט, פערגעסען; אַלעס שלאָפט, נור די שנאה צום אידען שלאָפט ניט; נור דאס, אז מען קען דעם אידען דריקען און פּייניגען צו יעדע צייט און אין יעדער שעה — דאס פערגעסט מען ניט!

טס! ווער וועמעס איילענדע טריט הערען זיך יעצט אין אזא שפּע־טער צייט? וועמעס קופּערנע קנעפּלעך זיינען בעלויכטען מיט די בלאַסע שטראַהלען פון דער לבנה? וועמעס שווערדען קלאַפּען אָן די שטיינער פון די גאַסען? אידעלע שאַ! דער פּאַטרול קומט... ווער פערשוואונדען! בעהאַלט זיך! גרייט אָן די לעצטע גראָשען צו געבען באַקשיש (חאַבאַר), גרייט אָן דיינע בלאַסע באַקען צו ליי־

זען אייזערנע פּאַנישע פּעטש, גרייט אָן דיינע פּיס צו געהן „פּאָ־עטאַפּו" צוזאַמען מיט מערדער און פערברעכער, נור דערפאַר ווייל דו ביסט א איד און ווילסט אויך לעבען און עסען... שאַ! די קו־פּערנע קנעפּלעך קומען צו נעהענטער און נעהענטער, זיי געהען רוהיג, נור עס הערט זיך ווי זיי קלאַפּען אָפּ מיט די פּיס: ראַז דוואַ! ראַז דוואַ!

* * *

עס איז שוין האַלבע נאַכט, און אויף דעם פּאַדאַל ביי ר' משה לעווין אין שטוב ברענט נאָך די קעראָסין לאָמפּ. דאָ שלאָפט מען נאָך ניט; ווייטאָגען און יסורים טרייבען אוועק פון דאַנען דעם שלאָף... אין די צוויי איינגע און קליינע צימערלעך פון ר' משה'ס קוואַרטיר הערען זיך אָפּט שטילע רייד און טיעפע קרעכצען. געוויס איז אין דער שטוב ניט אַלץ בשלום. ביי'ם טיש וואו עס ברענט די קליינע קעראָסין לאָמפּ, זיצט ר' משה אַליין — ער איז בלאַס און דערשראָקען; אַנקעגען איהם זיצט אַן אַלטער דיקער איד מיט אַ פערענדערטען געזיכט פון שמערץ און קומער. שטיל רעדען זיי צוויי־שען זיך. אָפט ווערען זיי פלוצלונג אנשוויגען, ציהען אוים זייערע קעפּ און הערען זיך צו. ווען זיי דערהערען אין דרויסען א פייף אדער א קלונג פון א גלעקעל, כאַפּען זיי זיך אויף פון זייערע ערטער און בלייבען שטעהן ווי פערשטיינערטע; דאס בלוט ווערט זיי פערקיהלט, דאס האַרץ הערט אויף צו קלאַפּען.

וואס האבען די צוויי אידעלעך געטאָן, וואס פאר א פערברע־כען האבען זיי בעגאַנגען, וואס זיי האבען אזוי מורא? האבען זיי וועמען עס איז גע'הרג'ט, אדער בע'גנב'עט, אדער איז ביי זיי דאָ אַ פאַבריק פון פאַלשע אסיגנאַציעס? ניין! דאָ זיצען שטילע, אָרענט־ליכע לייט; זייער גאַנצער פערברעכען בעשטעהט אין דעם, וואס זיי זיינען אידען און, וואס זיי האבען דאס גליק און די עהרע צו זיין אונטער דעם „שוץ" פון דעם רוסישען געזעץ. א איד איז מחויב צו ציטערן אין רוסלאַנד. אין דער הייליגער שטאָדט קיעוו, וואו עס איז דאָ אזוי פיעל טעמפּלען צו לויבען דעם גאָט, וועלכער האט געזאָגט „ווער עס ליעבט ניט דעם נעכסטען, דער איז א בעטריגער," אין קיעוו וואו די רוסען האבען זיך געטויפט אין דעם וואַסער פון דניע־

פער און האבען אָנגענומען די אידישע לעהרע, אז עס איז נור דאָ איין מצוה: ואהבת לרעך כמוך — אין דיזער הייליגער שטאָדט דארף א איד ניט נור ציטערען, נור אויך קריינקען פון יסורים און שאַנדע, פון די גרויזאַמקייט פון די ליעבענדע קריסטען און פון די גראָבקייט פון איהרע בעאַמטע.

יא! מען דארף זאָגען דעם אמת: ר' משה לעווין האט קיין רעכט ניט צו וואָהנען אין קיעוו. ער איז קיין בעל־מלאכה און קיין רייכער קויפמאַן — ער איז אַן אָרעמאַן. נור וואס זאָל מען טאָן ווען אַן אָרעמאַן וויל אויך עסען און האט די העזה קינדער צו האבען, אז אַן אָרעמאַן וויל אויך ניט, אז זיינע קינדער זאָלען שטארבען פון הונגער און קעלט? אין די קליינע, פינסטערע און שמוציגע שטעטלע, וואו ר' משה לעווין האט פריהער געוואָהנט, האט ער ניט געהאט מיט וואס זיך מפרנס צו זיין, וואס האט ער געזאָלט טאָן? בעזעצען זיך אין א דאָרף טאָר ער ניט, איבערציהען זיך אין טיף רוסלאַנד האט ער קיין רעכט, זיין א גזלן קען ער ניט. האט ער געטאָן וואס אַלע אנדערע אָרימע אידען זיינען געצוואונגען צו טאָן: געבען כאַבאַר און ציטערען, ארום־געהן דעם זאַקאָן און זיין א קבצן, האָרעווען און ניט דענקען וואס מאָרגען וועט זיין...

— שש! האט פּלוצלונג א געשריי געטאָן ר' משה און איז געוואָרען ווייס ווי קאַלך, מען געהט! איך הער טריט! איך הער א גערויש!

ער האט גיך פערלאָשען דעם לאָמפּ און זיי זיינען ביידע געבליבען זיצען, ווי פערשטאָרבענע. אסתר'קע האט געהערט, ווי איהר ברודער האט א געשריי געטאָן: „מען געהט!” און דאס בלוט איז ביי איהר פערקיהלט געוואָרען. זי האט געוואָלט זיך אויפהויבען און זעצען זיך אויפ'ן בעט, נור די כוחות האבען איהר פערלאָזען, און זי איז געבליבען ליגען אין אָנמאַכט. אין דער אייגענער מינוט האט אי־מיצער מיט גרויס כח א שלעפּ געטאָן דעם גלעקעל פון דער טהיר...

— אוי! מען קלינגט... האט ר' משה אויסגערופען מיט א יאָ־מער־קול און האט פערבראָכען מיט די הענד.

און דער גלעקעל האט ניט אויפגעהערט צו קלינגען... און א חוץ דעם האבען די פּאָליציסטען אָנגעהויבען שטארק צו פייפען מיט זייערע פייפלעך.

אוי, וועה איז מיר געשעהען! — האָט אויסגעקרעכצט דער אַלטער פאָטער מיט אַ ציטערענדע שטימע. אַלע קינדער האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף זעהר דערשראָקען.

— מיר האָבען מורא! האָבען אָנגעפאַנגען צו וויינען די קלענע־רע קינדער, וואו איז דער לאָמפּ? מיר ווילען ניט בלייבען אין דער פינסטער!

— עי זשיד! מאַך אויף די טהיר! האָט אַ געשריי געטאָן פון דרויסען דער עלטסטער מיט כעס.

— וועה איז מיר, וואָס זאָל איך מיט אייך טאָן? האָט געיאָ־מערט ר' משה ארומלויפענדיג פון איין צימער אין אַנדערען ווי אַ צודולטער.

מיר זיינען פערלאָרען! האָט געזאָגט מיט אַ געוויין ר' משה'ס פרוי.

— ווייסט דו וואָס? האָט זיך פּלוצלונג אָפּגערופען דער אלטער לעווין, בעהאַלט מיך אין דעם קליידער שקאַף.

— אָ טאַקי, דו ביזט גערעכט! האָט געענטפערט מיט פרייד ר' משה, נו, און וואָס טהוט מען מיט אסתר'קען? וואו קען מען איהר בעהאַלטען?

— אסתר'קען, האָט זיך אָבגערופען ר' משה'ס פרוי, וועלען מיר בעהאַלטען אין בעט אונטער די קישענס.

— עי זשיד! האָט ווידער אויסגעשריען אַ קול פון דרויסען, לאַנג וועל איך נאָך דארפען ווארטען אויף דיר?

— באַלד! באַלד! האָט געענטפערט ר' משה. מאַכט עס גע־שווינד קינדער! לעגט זיך אויף אייערע ערטער און בלייבט שטיל. ווער עס וועט זיך ריהרען פון אָרט, וועל איך דער'הרג'נען.

אין איין מינוט איז אין שטוב ווידער געוואָרען שטיל. דער לאָמפּ האָט געברענט אויפ'ן טיש. דער אַלטער לעווין און די קראַנקע אסתר'קע זיינען פערשוואונדען געוואָרען. די דערשראָקענע קינדער האָבען זיך איבער געדעקט איבער'ן קאָפּ און האָבען אפילו מורא גע־האַט צו אטהעמען. ר' משה איז אַוועק געגאַנגען אויפמאַכען די טהיר.

* * *

ר' משה לעווין איז געקומען מיט זיין פאַמיליע קיין קיעוו.

ער האָט זיך געדונגען אויפ'ן פּאָדאָל אַ קליינע און וואָלוועלע דירה'לע און האָט אָנגעפּאַנגען פּיעל צו האָרעווען, ווענינ צו פערדיענען און צו געבען פיעל האַבּאַר די פּריסטאַווס, קוואַרטאַלנעס, גאָראָדאָוואָ־יעס און אַלע הייזשעריקען פון דער פּאָליציי, און צו האָבען דערביי זעהר ווענינ רוה און זיכערהייט.

ר' משה לעווין, דער פיינער העברעער און תלמודיסט, דער משכיל און קלוגער מאַן, איז פשוט געוואָרען אַ „זשיד מאָשקאָ", וועלכער האָט געדאַרפט נייגען דעם קאָפּ פאַר יעדען שיכור'ן פריץ, אַראָפּנעהמען די היטעל און בוקען זיך צו יעדען פּאָליציייסקען און געבען שוחד יעדען, ווער עס וועט אויף איהם שרייען — און ווער האָט ניט דאָס רעכט צו שרייען אויף דעם זשיד מאָשקאָ? נור, ווי זאָגט מען, דער מענש איז שטאַרקער פון אייזען — דאָס איז וואָהר; ער איד אָבער איז נאָך פיעל שטאַרקער ווי גלאַט אַ מענש. דאָס וואָס אַ איד קען איבערטראָגען, קען ניט איבערטראָגען קיין מענש אין דער וועלט; מיט וואָס אַ איד קען זיין צופריעדען, קען זיך ניט בעגני־גענען קיין בעשעפּינס אין דער גאַנצער נאַטור.

ר' משה לעווין איז געוואָהנט געוואָרען מיט זיין לאַגע און איז געווען צופריעדען די פּאָליציי האָט גענומען ביי איהם מאָנאַטליכע געהאַלט און ער האָט זיך אליין גערעכענט פיר איינעם פון די גליק־ליכסטע. אַזוי זיינען פערבייגעגאַנגען עטליכע יאָהר.

נור זייט צוויי טאָג האָט ר' משה ווידער אָנגעהויבען צו ציטע־רען די לעצטע צוויי נעכט שלאָפט ער ניט, ער זיצט און וואַכט פון מינוט צו מינוט. זיין האַרץ פיהלט און זאָגט איהם, אַז עס דאַרף ביי איהם עטוואָס שרעקליכעס געשעהען. די אורזאַכע פון זיין שרעק איז וואָס פּאָר־געסטערען איז צו איהם געקומען פון פּוילען זיין אַלטער פּאַטער מיט אַ שוועסטער, אַ מיידעל פון אַ יאָהר 17. ניט צו גאַסט זיינען זיי געקומען און ניט צו בעזעצען זיך אין די הייליגע שטאָדט קיעוו — אהער האָט זיי געבראַכט אַ נייער אונגליק: ר' משה'ס שוועסטער, די שעהנע און פיינע אסתר'קע, איז פּלוצלונג געוואָרען געפעהרליך קראַנק אויף די אויגען. זי האָט געהאַט אַ פּאָאַר שעהנע, לייכטענדע, שוואַרצע אויגען און האָט פּלוצלונג אויפגעהערט צו זעהן. דער אַלטער פּאַטער האָט געמוזט ברענגען זיין אונגליקליכעס און געליעבטעס קינד צו אַ בעריהמטען פּראָפעסאָר. ער האָט גע־

האָפט און פיעלע דאָקטוירים האָבען איהם פערזיכערט, אז מען קען זי נאָך אויסקורירען. יאַ, דער פּראָפעסאָר האָט שוין נעכטען אויך געזאָגט, אויב אסתר'קע וועט פערבלייבען אין קיעוו אויף צוויי וואָכען, וועט זי זיין ווידער געזונד.

אָבער וואָס וועט זאָגען די פּאָליציי? די לעצטע צייט איז אויפ'ן פּאָדאָל יעדע נאַכט אָבלאַוועס — מען רינגעלט ארום מיט זעלנער און פּאָליציסטען יעדע הויז, וואו עס וואָהנען אידען, מען זוכט אין יעדע ווינקעלע, מען כאַפּט דעם אידען ווי א שעפּס און מען פיהרט איהם אין געפענגניס, ווי צום שלאַכט. מיט וואָס איז ר' משה בעסער ווי אנדערע אידען?

* * *

דער זייגער שלאָגט איינס, ווייט ערגעץ האָט דער האָהן, דער שומר פון דער נאַכט, אויסגעשריען הויך, אז עס איז שוין פערביי געגאַנגען די צווייטע אשמורה, און עס איז ווייטער געוואָרען שטיל. ר' משה לעווין זיצט אַלץ ביי'ם טיש פערזאָרגט און פערטראַכט: זיין אַלטער פאָטער האלט אָפען דעם תהלים און לייענט זיינע אויגען זיינען פול מיט טרערען, ער זיפצט און זאָגט „אלי אלי למה עזבתני רחוק מישועתי דברי שאגתי"... „אלהי, אקרא יומם ולא תענה ולילה ולא דומיה לי"...

אין צימער, וואו ר' משה מיט זיין פאָטער זיצען, שלאָפען אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט אַלטע קליידער, פיער קליינע קינדער; אין אנדערען דונקעלען צימער שלאָפט ר' משה'ס ווייב מיט דער קראַנקער אסתר'קע. די קינדער זיינען גליקליך, זיי ווייסען ניט וואָס הייסט רעכט, וואָס הייסט אונרעכט, און שלאָפען רוהיג... זיי ווייסען ניט, אז עס זיינען דאָ קינדער, וואָס שלאָפען אין גראַמע, ליכטיגע צימערס, וואָהין קיין פּרעמדער מענש האָט ניט דאָס רעכט אריינצוגעהן, אין שעהנע בעטעלעך און ווארעם צוגעדעקט. די אָרימע קינדער קענען אַלץ איבערטראָגען, און זיי שלאָפען געשמאַק. זייער מוטער איז מיעד און שלאָפט מיט אן אונרוהיגען שלאָף. ווי א קינד גיט א געשריי פון שלאָף — הויבט זי זיך שוין אָן צו קערען און זאָגט פון שלאָף: „גאָט איז מיט דיר, מיין קינד!" אסתר'קע שלאָפט ניט זי ליגט מיט אָפענע אויגען און זעהט גאָר ניט. די גאַנצע וועלט איז פאר

איהר גלייך שווער, נור זי קרעכצט שטיל, שטיל, דער פּאָטער און דער ברודער זאָלען ניט הערען.

ביידע צימערען ביי רב משה'ן אין הויז זיינען פול מיט פּאַ־ליציסטען. אייניגע שטעהען ביי'ם טהיר בעוואפּענט פון קאָפּ ביז די פיס; אייניגע זוכען אונטער'ן טיש, די אנדערע קריכען אונטער'ן בעט, אויף וועלכע עס ליגט ר' משה'ס ווייב מיט איהר קליין קינד.

— וואָס איז דאָ ביי דיר אויף דער ערד? האָט געפרעגט דער עלטסטער און האָט אַ שטארקען שטויס געטאָן די קינדער מיט'ן פוס.

— דאָס זיינען מיינע קינדער.

— דעק זיי אויף! אפשר ליגט דאָרט בעהאַלטען נאָך אַ זשיד.

— די קינדער האָבען זיך נאָך מעהר דערשראָקען און האָבען אָנגעהויבען צו וויינען ניט מיט זייער קול.

— שאַ! האָט אויף זיי אַ געשריי געטאָן דער עלטסטער, אויב איהר וועט ניט אויפהערען, וועל איך אייך הייסען אריינוואַרפען אין טייך.

די דערשראָקענע קינדער האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן צו זייער מוטער מיט אַ שרעקליכען געשריי: „מאַמע! מאַמע!"

דאַן איז צוגעגאַנגען צום בעט דער עלטסטער און האָט אָהן אַ שום בושה אַראָפּגעשלעפּט פון ר' משה'ס ווייב די קאָלדרע...

— וואו איז דיין פּאַס? האָט געפרעגט מיט כעס דער עלס־טער.

ער האָט שוין פיעל מאָל געזעהן ר' משה'ס פּאַס און האָט שוין ניט איין מאָל געגומען ביי ר' משה'ן חאבאר; נור ער האָט סתם געוואָלט פּייניגען דעם „זשיד". ר' משה האָט איהם דערלאַנגט זיין פּאַס און אליין האָט ער זיך אַנידער געשטעלט פון דער ווייטען און האָט אַראָפּגענומען די היכעל פון קאָפּ מיט אַ בעטענדיגען בליק.

— אַ! דו האָסט אויך ניט קיין רעכט צו וואָהנען אין קיעוו, מאָרגען זאָלסט דו קומען צו מיר אין קאַנצעלאַריע, אויב דו ווילסט ניט איך זאָל דיך ארויסשיקען..

ר' משה האָט פערשטאַנען וואָס דאָס מיינט און האָט אַ נייג גע־טאָן מיט'ן קאָפּ.

קוים זיינען די שפּעטע געסט ארויסגעגאַנגען און ר' משה האָט

ווידער פערשפּאַרט די טהיר, איז אַרוים געקראָכען פון שאַפּע דער אַלטער לעווין, ער איז געווען גאַנץ נאַס — אַזוי פיעל שוויים האָט זיך פון איהם געגאָסען, זיינע הענד און פיס האָבען געציטערט — ער האָט ניט געקענט שטעהן. דאָך איז ער געווען גאַנץ פריילעך און האָט אַ געשריי געטאָן: „דאַנקען גאָט! איבערגעקומען!"...

— איבערגעקומען! דאַנקען גאָט! האָט געענטפערט ר' משה אפשר וועט שוין יעצט אסתר'קע קענען פערבלייבען ביי מיר אויף צוויי וואָכען. אסתר'קע, קריך אַרוים!

ר' משה'ס פרוי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָט אָנגע־הויבען אַראָפּ צו נעהמען די בעטגעוואַנט.

— אסתר'קע, האָט זי געזאָגט, וואָס שווייגסט דו? יעצט מעגסט דו שוין רעדען. אונזערע מערדער זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען.

אָבער אסתר'קע האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט און האָט זיך ניט קיין ריהר געטאָן.

— אסתר'קע, וואָס איז דיר? האָט געפרעגט ר' משה'ס ווייב אַביסעל שוין דערשראָקען, וואָס שווייגסט דו?

קיין ענטפער...

— וועה איז מיר! האָט זי אַ געשריי געטאָן און האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס אונגליקליכע מיידעל פאַר אַ האַנד.

די הענד זיינען נאָך געווען גאַנץ וואַרעם.

דער אַלטער פאָטער און ר' משה זיינען דאַן אַריינגעלאָפען אין צימער און האָבען ביידע געפרעגט מיט אַמאָל, — וואָס איז דאָ?

— אוי, זעהט, וואָס איז דאָס געשעהען מיט אסתר'קען! האָט די פרוי געיאָמערט

— אסתר'קע, וואָס איז דיר? האָט אויסגערופען דער אַלטער פאָטער. שרעק אונז ניט, מיין קינד! עס איז שוין גענוג שרעק און יסורים. אסתר! אסתר!

אסתר'קע איז געלעגען שטיל ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. איהרע פיס און הענד זיינען געווען אויסגעצויגען. די אויגען פער־מאַכט.

— מיין קינד! האָט ער אָנגעהויבען צו קלאָגען און וויינען. וועה איז מיר! מינטערט איהר אָפּ! ראַטעוועט איהר!...

דער אַלטער לעווין האָט אַ קוק געטאָן זיין טאָכטער אין געזיכט,

און זיין הארץ האָט איהם באַלד אויסגעזאָגט דעם גאַנצען אמת: ער האָט דערפיהלט אז אַלעס איז שוין פערלאָרען...

— מיין קינד! האָט ער אָנגעהויבען צו קלאָגען און וויינען. ערוועק זיך און דערבאַרם זיך אויף דיין אַלטען פאָטער! אסתר! גיב איין בליק אויף דיין אַלטען פאָטער! אסתר גיב איין בליק אויף דיין אַלטען אונגליקליכען טאַטען, וועה איז מיר, ווי אַזוי וועל איך קומען אהר זאָגען און מיט וואָס טרייסטען? מיין קינד! מען האָט דיר גוט אויסגעקורירט אין דעם בעריהמטען קיעוו!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אסתר'קע האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט פון דעם געיאָמער, איהרע שווארצע שעהנע אויגען האָבען זיך שוין קיין מאָל ניט געעפענט; זי איז אנשלאָפען געוואָרען אויף אייביג.

אָ, אָרימער אַלטער פאָטער! אָ, אָרעמער אונגליקליכער איד... ער קלאָגט און יאָמערט דער אָרעמער איד אויפ'ן פּאָדאָל, און די לבנה מיט די שטערען האָבען זיך אזוי ווי אָבגעשטעלט אין מיטען הימעל, און די קלאָרע וועלען פון דעם דניעפּער זיינען געבליבען שטיל שש! די ריינע אונשולדיגע אסתר'קע שלאָפט מיט אַן אייביגען שלאָף...

די העלדען פון עללים איילאנד.

די צייט פון העלדען, גבורים אנשי חיל איז שוין לאַנג פאַראי־בער געגאַנגען. ניט נור ביי די אידען, אפילו ביי די יונגערע פעלקער זיינען שוין ניטאָ אַזעלכע מוטהיגע און שטאַרקע מענשען, וועלכע זאָ־לען קענען צורייסען אַ לייב ווי שמשון הגבור, אָדער ארויסגעהן קעגען גלית הפלשתי, ווי דוד המלך. עס איז דערפאַר, ווייל די מענשען פערלירען יעצט די קראַפט פון זייערע מוסקולען אין שווערען קאַמפּף פאַר'ן לעבען, און פערשווענדען די ענערגי פון זייערע נערווען אין שווערען קאַמפּף מיט דער דומהייט און אונוויסענהייט. דאָך זיינען נאָך ניט אַלע העלדען אויסגעשטאָרבען און אפילו צווישען אונזערע פערשראָקענע און אָבגעשוואַכטע אידעלעך געפינען זיך גבורים, וועל־כע וואָלטען געווים געמאַכט אַ רעש אין אַמאָליגע יאָהרען... פון דעם העלדענטהאַט פון אייניגע רוסישע אידען, וועלכע זיינען פון רוס־לאַנד פערוואָגעלט געוואָרען אין עלים איילענד, דעם עמיגראַנטען אינ־זעל, פון אונזער ניו יאָרקער קאַראַנטין, וועל איך אייך דאָ דער־צעהלען. הייגטיגע צייטען זיינען די צייטונגען אונזערע דברי הימים, אונזערע היסטאָרישע אַנואַלען.

1.

שמואל בעזיק.

שמואל בעזיק איז געבאָרען געוואָרען אין אַ קליין שטעטעל אין קאָוונער גובערניע. אַזוי ווי אַלע אידישע אינגלעך איז ער געגאַנגען אין חדר, האָט געלערענט חומש מיט רש"י, האָט זעהר וועניג פער־

שטאַנען, וואָס וויל פון איהם די שווערע סדרה „ואלה המשפטים“, האָט זעהר פריה אָנגעהויבען צו זאָרגען וואו נעהמט מען אַ שטיקעל ברויט, האָט חתונה געהאַט צו אַכטצעהן יאָהר און ווען ער איז געווען אַלט איין און צוואַנציג האָט מען איהם צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט צוזאַמען מיט נאָך פיעל יונגע לייט האָט ער געוויינט, ווען ער האָט געמוזט פערלאָזען זיין היים, האָט געליטען קעלט און הונ־גער, איז געגאַנגען הונדערטער ווערסט צו פוס אין בלאָטע און שנעע, ביז ער איז געקומען אין זיין פאָלק. וויל ער איז געווען אַ הויכער, אַ געזונטער, האָט מען איהם געמאַכט די עהרע און מען האָט איהם פערשריבען אין אַ דראַגונער פאָלק. אַזאַ גליק און אַזאַ כבוד קומט אָן אַ אידען זעהר זעלטען.

איהר מיינט געוויס, אונזער העלד האָט אויסגעזעהן שרעקליך, זיינע אויגען האָבען געברענט און אַלע האָבען פאַר איהם געציטערט? אָבער גאָר ניט! פערקהרט, אַלע זיינע רוסישע קאַמעראַדען פלעגען איהם מיט אונגלויבליכע גרויזאַמקייט פערפאָלגען, האָבען איהם אויף יעדען שריט און טריט בעלעדיגט און צום שפּאַט געמאַכט, געשטור־כעט, געשלאָגען, גענאַרט. און זיין וואַכמייסטער האָט איהם ניט אנדערש גערופען ווי „ריאַבאָי זשיד“ — במיחלה, געשטופּעלטער איד. עס איז געווען דערפאַר, וויל מען האָט שמואל׳קען פערגעסען צו שטעלען פּאָקען ווען מען האָט געדאַרפט טאָן.

אין אָנפאַנג האָט אונזר העלד מורא געהאַט צו געהן צו זיין פערד, וועלכען מען האָט איהם געגעבען. און ער האָט איהם געמוזט רייניגען און וואַשען אַלע טאָג. דאַרף איך אייך דערצעהלען ווי פיעל מאָל זיין פערד האָט איהם געגעבען שלום עליכם מיט דער קאָפּיטע? ווי פיעל מאָל שמואל בעזיק איז ארויסגעפאַלען פון זאָטעל? ווי פיעל מאָל זיינע חברים האָבען פון איהם שרעקליך געלאַכט ווען ער איז געלעגען אויף דער ערד אַ צו־וואונדערטער? און ווי פיעל דער וואַכמייסטער האָט אונזער אידישען קאַוואַלעריסט געגעבען אין די ציינער מיט זיין הארטען סאָלדאַטסקען פויסט?

שמואל בעזיק האָט געליטען און געשוויגען. ער האָט זיך קיין מאָל ניט געקלאָגט, ווי שלעכט מען זאָל איהם ניט בעהאַנדלען, ער האָט זיך קיין מאָל ניט געבעטען ווי שווער מען זאָל איהם ניט בע־שטראָפען ער האָט געשוויגען, אָבער אין קאָפּ האָבען ביי איהם גע־

רוישט אָפּט שרעקליכע געדאַנקען. זיין בלוט האָט אין איהם געקאָכט און אין די לאַנגע שלאָפלאָזע ווינטער נעכט פלעגט ער אָפט דענקען פון בלוטיגע ראַכע, פלעגט טרוימען פון פערשיעדענע פּלענער ווי זיך צו בעפרייען פון זיין שרעקליכע געפענגניס און פון זיינע בלוט־דורשטיגע קאָמאַנדירען. אַזוי איז אוועק צוויי יאָהר און אונזער שמואל׳קע איז געוואָרען אַ קאַוואַלעריסט מיט אַלע ביינער...

2.

ויהי היום... עס איז געווען אַ הייסער זומער טאָג! דער גאַנ־צער פּאָלק האָט געמאַכט מאַנעוורען ניט וויט פון עסטרייכער גרע־נץ. שמואל בעזיק מיט אַן אונטער אָפיציר און מיט נאָך אַ סאָלדאַט זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען אַלס פראָטיערס... זיי האָבען גע־לאָזט דעם פּאָלק אונטער זיך אויף צוואַנציג ווערסט... די זונן האָט געבאַקט, גאַנצע וואָלקענס שוואַרצער שטויב האָבען זיך אויפגעהויבען פון אונטער די פיס פון די מידע פערד, וועלכע האָבען געברויזט און געניסט... אונזערע דריי סאָלדאַטען האָבען אַראָבגעקעהרט אַבי־סעל פון וועג, זיינען אַראָב פון די פערד און האָבען זיך צוגעלעגט אויף דר׳ערד. די 2 רוסען האָבען גערויכערט, געלאַכט און שמואל האָט גע־שוויגען.... זיינע אויגען זיינען געווען געווענדעט אַהין, צום טיי־כעל... פון יענער זייט האָט זיך געזעהן אַ וועלדעלע... און נאָך ווייטער אַזוי ווי אין אַ נעבעל, הייזער, — דאָרט איז געווען עסט־רייך... אַ נייע פרעמדע לאַנד... פון יענער זייט טייכעל איז די פרייהייט און דאָ שקלאַפעריי, שמערץ, צרות... שמואל האָט אַראָב־געלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך פערטראַכט. — געשטופּעלטער איד, וואָס שווייגסט דו? האָט געפרעגט דער אונטער־אָפיציער?

„איך טראַכט דערפון, האָט געענטפערט שמואל גאַנץ רוהיג, אַז איך זאָל אייך צוזאַמענבינדען מיט מיין רימענעם גאַרטעל וואָלט איהר ניט געקענט זיך אליין בעפרייען...

— אַזוי גאָר? האָט געזאָגט דער אונטער־אָפיציר... אי! אי! וואָס פאַר אַ בריה דו ביסט! אַ נו פּרוביר. די הענד פון אונ־זער העלד האָבען אביסעל געציטערט ווען ער האָט גענומען זיין לע־דערנעם גאַרטעל, דאָך האָט ער זיינע בעגלייטער צוזאַמענגעבונדען

זעהר שטאַרק און איידער זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט איז שמואל'קע געווען שוין אויפ'ן פערד. . אין איין מינוט אַרום שוין גאַלאָפּירט פון יענער זייט טייך... אַ ליאַרעם... אַ געשריי עטליכע קאָזאַקען פון סקאַדראָן האָבען אויסגעשאָסען און שמואל בעזיק איז פערשוואונדען געוואָרען אין וועלדעל.

אין מאָנאַט אָקטאָבער 1894 יאָהר איז שוין אונזער העלד פערביי געפאָהרען די גרויסע סטאַטוע דער פרייהייט און אַלס געפאַנגענער איז ער טראַנספּאָרטירט געוואָרען קיין עלליס איילאַנד. אויף די פראַגען: האָסט דו געלד, האָסט דו פריינד אין אַמעריקאַ? האָט ער געענטפערט „ניין" און די קאָמישיאָנערס האָבען בעשלאָסען שיקען איהם צוריק נאָך אייראָפּאַ.

צוריק! זיין אין אַמעריקאַ, זעהן פון דער ווייטען די הויכע מויערן פון ניו יאָרק, אָבזאָגען זיך פון אַלע זיסע האָפנונגען און נאָך אַזוי פיעל צרות און אונגליק פאָהרען צוריק! ניין! דאָס טוט ניט שמואל בעזיק. עס איז געווען אַ פינסטערע נאַכט, דער רעגען האָט געגאָסען דער ווינד האָט געשטורעמט און געפייפט ווען שמואל און נאָך מיט צוויי פּאַלאַקען האָבען זיך אַראָבגעלאָזט פון פענסטער פון זייער געפענגניס, שטיל צו געגאַנגען צום ברעג .. אָבגעבונדען אַ קליין שיפעלע און שנעל אָבגעשוואומען... אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מען דאָס שיפעל געפונען לעבען ברוקלין ברידזש און די אַנטלאָפענע עמיגראַנטען זיינען ווי אין וואַסער פערשוואונדען... עס איז קיין צווייפעל ניט געווען, דאָס אין דער שרעקליכער שטורעם־נאַכט זיינען זיי אַלע דערטרונקען געוואָרען אין די טיעפע און קאַלטע וועלען פון טייך.

אונזער העלד לעבט זיך גאַנץ רוהיג אין פילאַדעלפיא, ער איז אַ קבצן, נעהט העמדער און רעכענט זיך פאַר איינעם פון די בעסטע שוירט מייקערס...

3.

יענקיל בעל תכלית.

„איך וויל פאָהרען קיין אַמעריקאַ, דאָס הייסט, ניט קיין אַמעריקאַ, נור קיין „ניו יאָרק", האָט געזאָגט יענקעלע בעל תכלית, און

אַזוי איז דאָס געבליבען. פאַרוואָס איז ביי איהם ניו יאָרק געוואָרען „ניי ראָק", קען קיינער ניט וויסען, נור עס קען זיין עס איז דערפאַר, ווייל אליין איז ער געוועזען אַ שניידער, ער אליין אָבער האָט קיין מאָל קיין נייעם ראָק ניט געהאַט, ער האָט אויך קיין מאָל קיין נייען ראָק גענעהט, ווארום ער איז געוועזען אַ פּאַרטאַטש, ער האָט נור געקענט פּעררירכטען אַן אַלטע טראַנטע, פּערלאַטען, איבערפּרעסען, איבער־ניצעווען, ארויסנעהמען פּלעקען וכדומה למשל.

הערט וואָס ביי אידען קען פּאַסירען: יענקילע בעל תכלית איז געוועזען דרייסיג יאָהר אַלט און דאָך געוועזען נאָך אַ בחור. ער איז טאַקע ניט געוועזען קיין פּאַרשוין, מען דאַרף זאָגען דעם אמת. אין מיט׳ן נאָז האָט ער געהאַט אַ טיעפען טהאָל, וועלכער האָט איבערגעטהיילט דעם נאָז אויף צוויי חלקים, די אויבערשטע טהייל האָט ארויסגעוויזען ווי אַ שטעהענדיגע קוואַסאַליע און די אונטערשטע ווי אַ קאַרטאָפּעל. דער גאַנצער פּנים האָט אויגעוויזען ווי אַ רעטעך מיט׳ן קאָפּ אראָפּ... איהר פערשטעהט שוין אַליין, אַז מיט אַזאַ נאָז האָט יענקעלע ניט געקענט ווי אַ כשר׳ער איד דאַרף זאָגען „אפּפוני". ער איז נאָך גע־וועזען דערצו אַביסעל טויבלעך... ער זאָגט, אַז דעם נאָז און דעם אויער האָט איהם קאַליע געמאַכט די בעל הבית׳טע ווען ער איז נאָך געוועזען אַ לערען־אינגעל.

יענקעלע בעל תכלית, ווי איהר זעהט פון זיין נאָמען, האָט שטענדיג געלעבט מיט תכלית, ער האָט שטענדיג זעהר ווייניג גע־האַלטען פון אַזעלכע נאַרישקייטען ווי זייף, אַ באַד, אַ קעמעל, וועש, במחילה אונטער־הויזען, וכדומה למשל. נור אויף איין איבריגע זאַך פּלעגט ער זיך יא ערלויבען אויסצוגעבען אַ סך געלד, ער פלעגט אַלע טאָג עסען אַ גאַנצע שיסעל וואַרעמע סופּ מיט אַ פעטען מאַרך־ביין. ווי אָבער ער האָט זיך בעשלאָסען צו פאָהרען קיין „ניי ראָק" האָט ער גאַנצע חדשים גענעסען טהע און געטרונקען וואַסער. קאָפּי־קעס ווייז, פּיטאַקלעך ווייז האָט ער געקליבען אַ יאָהר, צוויי יאָהר, דריי יאָהר... ער האָט געציטערט איבער יעדען גראָשען, האָט אָפּט ניט געשלאָפען וואָכען ווייז און איז ענדליך פאָרט געקומען צו זיין ציעל: אין דער וואַטע פון זיין אַלטען ווינטער פּאַלטאָ איז געוועזען פערנעהט 90 קערבעל מזומן געלד.

ביז׳ן גרענעץ איז יענקעל בעל תכלית געגאַנגען צופוס, איבערן

גרענעץ האָבען איהם אידעלעך אריבערגעפיהרט. ביז האמבורג איז ער געפאָהרען מיט'ן פיערטען קלאַס און מיט איין ברויטעל. אין האמ־בורג האָט ער געקויפט זעהר ביליג אַ שיפס־קארטע ביי אַ אידען, וועלכער האָט ניט געוואָלט פאָהרען קיין אמעריקא, און יענקעלע בעל תכלית איז ארויף אויפ'ן שיף מיט'ן נאָמען מוזעס יאַצמאַך און איז אוועקגעשוואומען. אויפ'ן שיף האָט ער געליטען קעלט, הונגער, די מאַטראָזען האָבען איהם געטורכעט, די פּאסאזשירען האָבען פון איהם געלאַכט און ער איז געווען גליקליך און רוהיג — ער האָט געוואוסט, אז די שיף פיהרט איהם קיין „ניי ראָק”, ער האָט געוואוסט אז אין דער וואַטע פון זיין אַלטען פּאַלטאָ איז נאָך ביי איהם איינגענעהט אַ שעהנע פותיקי, און ער האָט געלאַכט פון דער גאַנצער וועלט.

ווי איז אייער נאָמען? האָט געפרעגט דער נאַטשאַלניק פון קאַסטעל גאַרדען ווען יענקעלע בעל תכלית איז צוגעגאַנגען צום טי־שעל אַ פריילינער, אַ גליקליכער מיט איין קליין פעקעלע אונטערן אָרעם און מיט אַ האַנד אויף זייט פון פּאַלטאָ וואו זיין גרויסע סומע געלד איז געווען פערנעהט.

— מיין נאָמען איז יענקעל בעל תכלית!

— זאָ! ווארום זייט איהר פערשריבען אויף דער ליסטע אַלס מאָזעס יאַצמאַך?

ווייל, ווייל.... יאַצמאַך איז מיין נאָמען אין דער רוסישער שפּראַך און איבערזעצט אויף דייטשעם הייסט עס בעל תכלית!

— קיין עלים איילענד און פון דאָרט צוריק אין איירָאפּאַ . .

אזוי פיעל צייט, אזוי פיעל געלד און מיה פערליערען און ניט זיין אין ניו יאָרק?... מיט ביטערע טרערען האָט נעבעך יענקעלע געוויינט, ווען מען האָט איהם פון עלים איילענד צוריק אָבגעשיקט נאָך האַמבורג. געדאַנקען פון פערצווייפלונג זיינען איהם געקומען אין קאָפּ, ער האָט זיך געוואָלט הענגען, אריינוואַרפען זיך אין וואַסער, שטעכע זיך מיט זיין אַלטע שער, וועלכע איז געלעגען ביי איהם אין פּעקעל. אָבער... אָבער יענקעלע בעל תכלית איז געווען אַ העלד און העלדען שטאַרבען ניט פון פערצווייפלונג. ווען מען האָט איהם מיט קלעפּ און סטוסאַקעס אראָבגעיאָגט פון שיף אין האַמבורג, האָט ער באַלד אָנגעהויבען צו זוכען אַ אידישען שניידער. זעקס חדשים האָט ער געאַר־בייט ווי אַן עזעל, ניט געשלאָפען נעכט, ניט געגעסען, ניט געטרונקען

און האָט שוין געקויפט אַ שיפס־קאַרטע ניט אויף יאָצמאַח'ס, נור אויף זיין אייגענעם נאָמען. אָבער פאָהרען גלייך קיין „ניו יאָרק" האָט ער מורא געהאַט, די שרעקליכע „נאַטשאַלסטוואָ" זאָל איהם חלילה ניט דערקענען. ער איז אַוועק פריהער קיין קאַנאַדאַ... דאָרט האָט ער ווידער אַ פּאָר מאָנאַט געאַרבייט און איז אַ גרויסער מאַן געקומען קיין „ניו יאָרק" מיט'ן באַהן...

שוין דריי וואָכען וואַנדערט ער אַרום איבער די גאַסען פון דאַון־טאַון און זוכט זיך אַרבייט. די באָסעס טרייבען איהם, די לויפערס לאַכען פון איהם און ער פייפט זיך מיט'ן נאָז „אַפּפּוני" און ער איז גליקליך: דען ער איז דאָך אין דער גרויסער שטאָט „ניי ראָק", ער פיהלט זיך ניט עלענד און הילפלאָז, ער פרעגט זיך ניט קיין קשיות: וואָס האָט איהם אַהער געבראַכט און וואָס דאַרף ער דאָ? יענקעלע בעל תכלית האָט געזאָגט: איך וויל זיין אין „ניי ראָק" און אויף צו להכעיס אַלעמען איז ער אין „ניי ראָק". איז דען יענקעלע בעל תכלית ניט קיין העלד?

אַ פערקעהרטע וועלט.

(אַ מאָנאָלאָג פון אַן אַלטען שניידער.)

שש! רבותי, בעיני ראיתי, מיט מיינע אייגענע אויגען האָב איך דאָס געזעהן אויף דער אידישער גאַס און לפיכך „ויברחת”... אָבער קודם כל לאָמיך זיך ארומקוקען וועמען דבר (דאָבער) איך דאָ. קיין עין הרע, אַן עולם. אידען? האָ? איך זעה דאָ אפילו אַ סך גוי'שע מאָרדעס. אָבער איך וויים שוין, ברוך השם, אַז היינטיגע צייטען נעהמט מען ניט קיין ראיה פון קיין גוי'שע מאָרדע, די מאָרדע טאָקע אַ גוי'שע און דאָס הארץ איז אידיש. לפיכך, אַז מיר זיינען דאָ יאָ אייגענע מעג איך דערצעהלען די גאַנצע מעשה שהיה. הערט זשע, זייט זשע מוחל... אָבער עס קען גאָר זיין, אַז איהר ווייסט ניט, ווער איך בין און איך רעד צו אייך. דאָס איז יאָ — דבר אל העצים ואל האבנים.

איך בין משה זאַנוועל וואַטע, דאָס הייסט, מיין אמת'ע פאַמיליע איז ניט „וואַטע”, חלילה וחס! מיין ריכטיגע פאַמיליע ווי אין די מעטריקעס פערשריבען, איז משה זאַנוועל ברוך יאַנקעלעוויץ דריפקין. נור מען רופט מיך „וואַטע” שוין אַ יאָהר דרייסיג. והמעשה שהיה כך היה....

איך בין ניט פאַר אייך געדאַכט, אַ שניידער. ויש אומרים, זיי זאָגען, יאַק בי מיט דרייסיג יאָהר צוריק, אַז איך האָב געשטעפּט פאַר דער אַלטער רבצין מייטקעס, עליה השלום, האָב איך אַראָבגעלאַטכענט אַ גאַנצע „יריעה” מיט וואַטע. לפיכך דאַרף איך אייך זאָגען, קודם כל איז דאָס גלאַט אַ בלבול, און, שנית, ווען אפילו יאָ, בין איך דען ניט אַ איד ווי אַלע אידען? וואַטע? לפיכך איז וואָס? זאָל זיין וואַטע, מען איז דאָך ניט מעהר ווי אַ איד... און מע דאַרף לעבען אויף דער וועלט... אָבער, חלילה, געגען אידישקייט, אָדער געגען

א העכערען מענשען, אָדער געגען א שעהנעם אידען א בעל־תורה, אָדער געגען דיני מלכות — לגמרי לחלוטין חלילה וחס, אין מיין לעבען ניט! היינט אָבער ביי די איצטיגע איז, ניט פאר אייך גע־דאכט, אלעם קאפוירעם מיט די פיס... אוי! אויף דער אידישער גאַס איז איצט א פערקעהרטע וועלט. עולם ומלואה!

איך האָב אָבגעלעבט כל ימים ושנים דאָ אין שטעטעל, ווער האָט דען געהערט אמאָל מיין קול?... דאָס הייסט, אין דער היים פלעגט מיין פלונית'טע, זאָל זי זיך מיהען דאָרט פאר אונז, זעהר אָפט הערען קולות וברקים. אָדער דאָרט א פועל, א לערען־איינגעל פלעגט טאקע קריגען פון מיר א פּאָאר מאָל אין וואָך ריסוק אברים אויך — דאָס אָבער בעלאַנגט דאָך צו מענשליכקייט. אָבער אזוי אין אמת'ן לעבען האָב איך כל ימי ניט געעפענט קיין מויל, ניט געפרעגט קיין קשיות, נט געטענה'ט. איך האָב געטאָן, וואָס מע האָט מיר גע־הייסען, האָב גענומען וויפיעל מע האָט מיר געגעבען... האָב גע־דאנקט גאָט, יתברך שמו, פאר זיינע חסדים און האָב אָבגעגעבען כבוד די בעלי־בתים פון שטאָט פאר זייערע מעשים טובים. איך בין טאקע כל ימי געווען א קבצן, טאקע געווען א דלפון, טאקע אן אביון, לפיכך איז וואָס? איז הו עשיר השמח בחלקו... ווער איז אן עושר? דער וואָס פרייט זיך מיט'ן חלק... האָסט ניט וואָס צו עסען? שוויג און דאווען און דאנק גאָט. דערויף ביסט דו א איד און גאָט איז אונזער טאטע פאָטער, די היינטיגע אָבער... ע! ביי זיי איז יא ווי מע זאָגט: אנא בכח, תתיר צרורה!..

ווער פון אייך קען ניט מורינו ר' שמריהו קאטשקאוואל, אונזער פרנס חודש און מורה דרך? א איד א זקן, א בעל־תורה, א מיוחס. ער האָט זיין לעבען קיין האנד אין קיין קאלט וואסער ניט אריינגע־לעגט, לעבט שטענדיג ווי א שררה פון אלעם גרייטען... מטל השמים ומשמני הארץ. — איך וויים, מען טאָר זיך ניט גרוים האלטען, אָבער כל זמן שהנשמה בקרבי, זינד איך בין געוואָרען א רעכטער שטיקעל בעל־מלאכה, בין איך געווען זיין שניידער. אז ער האָט געזאָגט: משה זאנוועל וואטע, איך וויל די קאפּאָטע זאָל זיין פערטיג פרייטאָג פאר קבלת שבת, — האָבען מיר אפילו די אויגען געמעגט קריכען פון קאָפּ איז שוין געווען ווי ר' שמריהו האָט געזאָגט... א גאנצע וואָך געזעסען צונויפגעקאָרטשעט כאיל על אפיקי מים און מיטוואָך

און דאָנערשטאָג געאַרבייט טאָג און נאַכט... געה אין מיטען וואָך בעטען אויף שבת האָב איך ניט געהאַט קיין העזה, ווי געהט מען עס מטריח זיין ר' שמריהו איידער די קאַפּאָטע איז פערטיג? פלעגען מיר טאַקע די וואָך האָבען אַ חושך'דיגען שבת, אויף די גוים געזאָגט געוואָרען אזא שבת, אָבער שאַ!... איך פלעג זיך די אויגען אויסברענגען... איהר האָט עס געדאַרפט זעהן, ווי איך פלעג איהם אַנידערלעגען אַ קאָלנער, ווי איך פלעג איהם אָבשטעפּען אַ לאַץ! אויסשטריגיווען אַ פּאָדשיווקע! ערב שבת פלעג איך לויפען מיט פרייד, מיט שרעק און, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען, מיט גאוה, פלעג איך לויפען מיט'ן שטיקעל ארבייט צו ר' שמריהו'ן... מע האָט מיר געהייסען וואַרטען אין קיך... ר' שמריהו איז ערשט געקומען פון מרחץ, יישר כחם, און טרינקט טהעע — פלעג איך שטעהן און וואַרטען בעני בפתח. אַ ריח נחוח פלעגט זיך אין קיך צוגיסען איבער אַלע ביינער. די פיש האָבען געשמעקט ווי בשמים, פון אויבען איז געגאַנגען אַ פאַרע פול מיט חיות נפשות. אויפ'ן טיש געלעגען חלות געפלאָכטען אין צוועלף מערכות... יעדע חלה גראָב און פעט ווי אַ חזיר, להבדיל. אָבער איך האָב חלילה ניט מקנא געווען. איך האָב געוואוסט, איך בין ניט מעהר ווי אַ בעל מלאכה און ר' שמריהו איז ר' שמריהו... און אז מע פלעגט מיר ענדליך זאָגען: שניידער, ר' שמריהו רופט דיך! פלעגט מיר טאַקע פּשוט ממש אָנהויבען ציטערן דער פּופּיק... הענד און פיס פלעגען ביי מיר וואַרפען ווי אַ קדחת, ווען ער פלעגט אַראָבוואַרפען פון זיך זיין שעהנעם חאַלאַט און איך פלעג אויף איהם ארויפציהען דעם נייעם בגד.

— דו, בעל חייט, האָסט מיר ווידער געמאַכט שמאָל אונטער דער פּאַכווע? האַ? האָט געדונערט ר' שמריהו מיט זיין ברייטען בעל הבתישען קול.

— ניין, ר' שמריהו, דאָס איז גאָר ניט... דאָס איז דער אונטערשלאַג, פלעג איך פּישצען מיט אַ שניידערשע שטימע.

— די שפּאַלטען אויפ'ן הינטען צוגעהען זיך ווידער און עפענען זיך ווי די שערי השמים!...

— ניין! ניין! חלילה, ר' שמריהו, עס צוגעהט זיך ניט אויפ'ן הינטען... חלילה! דאָס איז געמאַכט געוואָרען צוליעב דעם שפּריוז... יאַ! יאַ!

אַמאָל פלעג איך כאַפּען; שייגעץ! עם־הארץ! פּאַלגע! און אפילו אין טאַטען פערטאַטען אויך... מיין טאַטע נעבעך, לאַנג שוין געלעגען אין דער ערד און עס פלעגט פּערדריסען, אָבער איך האָב ניט געעפענט מיין מויל. ווארום איך האָב געוואוסט, איך בין ניט מעהר ווי א בעל מלאכה און ר׳ שמריהו, זאָל געזונד זיין, איז אַ איד אַ בעל הבית... איך פלעג בלייבען שטעהן ביי׳ן טהיר און וואַר־טען. ר׳ שמריהו פלעגט זיך אָנשלאָגען און פערדרויבען זיין לעצטע ערב שבת׳דיגע ליולקע, פלעגט געהן ווייזען זיינע בני־בית די נייע קאַפּאָטע, פלעגט זיך אומגעהן איבער׳ן שטוב און זינגען עפּעס אַ פזמון פון די אידישע זאַכען.

איך פלעג שטעהן און וואַרטען. ר׳ שמריהו זאָל לעבען האָט גאָר פערגעסען, אז דער שניידער שטעהט ביי׳ם טהיר, און ווי זאָל איהם טאַקע ליגען אין זינען אַזאַ נאַרישקייט? עט׳ליכע מאָל פלעג איך וועלען זאָגען: ר׳ שמריהו עס ווערט באַלד נאַכט און מיין פלוניתטע האָט נאָך ניט דעם גאַנצען שבת אין שטוב... אָבער מיין צונג פלעגט זיך ניט ריהרען און מיין מויל פלעגט זיך ניט עפענען.

עס איז געוועזן אַ תענוג צו זעהן, ווי ר׳ שמריהו האָט געשפּאַנט איבער׳ן זאַל, זיינע שבת׳דיגע אויסגעפּוצטע שטיוועלעך האָבען גע־סקריפּעט בחצוצרות וקול שופר, זיין פנים האָט נאָכ׳ן מרחץ געשיינט ווי דער גלאַנץ פון אַ סאַמאָוואַר, פשוט די שכינה האָט אויף איהם גערוהט. אַ זיסע וואַרעמקייט איז געלעגען אין שטוב און דער ריח פון פיש האָט געקיצעלט אין נאָז און געקאַלופּעט אונטער׳ן האַר־צען.

ענדליך פלעג איך דאָך ווערען אַ גאַנצער גבור החיל, ווי זאָגט מען, נויטה ברעכט אייזען. איך פלעג זיך אַ שאָקעל טאָן פון איין פוס אויפ׳ן צווייטען און, פול מיט נצחון און בעשלאָסענהייט, פלעג איך גע־בען אַ קליינעם שטילען הוסט... אַ פּיצעלע הוסטעלע, ווי אַן עופה׳לע פערכעט... ר׳ שמריהו הערט ניט... לפיכך גיב איך זיך ווידער אַ שאָקעל אויף די פיס און גיב אַזאַ הוסט, אז איך אליין דערשרעק זיך. ר׳ שמריהו קעהרט זיך אום צו מיר און פרעגט בייז:

— דו ביזט נאָך דאָ גאָר?

— יאַ, זאָג איך, און שעם זיך ווי אַ גנב... טוט מיר אַ טובה, זאָג איך בקול דממה דקה, און גיט מיר וויפיעל עס איז... איך וואָלט

איך אודאי ניט מטריח געווען, נור דער שבת קודש...

— הערסט אַן איינפאַל פון אַ שניידער? פאַר קבלת שבת, וועל איך מיר געהן דולען דעם קאָפּ?... אין מיטען וואָך, וועסט מיך באַגעגענען אין גאַס, וועסט מיך דערמאָנען, וועל איך דיר בעצאָה־לען...

אוי! עס פלעגט מיר טאַקע פינסטער ווערען אין די אויגען און געפּיהלט האָב איך טאַקע פּשוט חלמיש למעינו מים, אָבער שאַ! איך וועל דאָך ניט געהן זיין אַן עזות פּנים געגען אַ איד אַ בעל הבית און אַ בעל תורה.

אבל וחפוי ראש, ווי אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר, פלעג איך מיר געהן אהיים און אַז מיין פלוניתטע פלעגט אָנהויבען צו טענה'ן, פלעג איך איהר אָבגעבען אַ גוט־שבת מיט אַ פּאַרציע זמירות, אַז צו די פיש, וואָס זיינען ניט געווען, האָט מען שוין קיין חריין אויך ניט געדאַרפט רייבען.. והעיר שושן צהלה ושמחה!...

אין מיטען וואָך פלעג איך עטליכע מאָל דאַרפען אוועקוואַרפען די אַרבייט, און געהן אין גאַס זעהן ר' שמריהו.... איין מאָל זעה איך, ער שטעהט און רעדט מיט גרויסע בעלי הבתים, האָב איך מורא צו צוגעהן.... איין מאָל זעה איך, זיין פּנים איז אָנגעכמורעט, מסתמא עפּעס צוטראָגען — איך דרעה זיך אַרויס ר' שמריהו זאָל מיך חלילה ניט דערזעהן. סוף כל סוף, געה איך דאָך אַמאָל צו, עפּען אויף מיין שניידערשען מענה־לשון און קוים וואָס מע הערט, זאָג איך: האָט קיין פּעראיבעל ניט...

— וואָס איז? וואָס דאַרפסט דו? בייזערט זיך ר' שמריהו מיט זיין ברייטען בעל הבתישען קול...

אַ האַלב־טויטער שטאַמעל איך: איהר האָט מיר געהייסען, אַז איך וועל אייך דערזעהן אין גאַס, זאָל איך אייך דערמאָנען...

— דערמאָנען? וואָס דערמאָנען? וואָס דולסט מיר אַ קאָפּ!...

— האָט קיין פּעראיבעל ניט, פאַר דער נייער קאַפּאָטע...

— האַ? ! אויפ'ן גאַס גאָר שטעלסט דו מיך אָב צו מאָנען געלד? האָסט דו געהערט אַ חוצפה פון אַ שניידער־יונג! וואָס איז, איך האָב ניט קיין היים, חלילה? פערד! חמור!...

איך בין געגאַנגען אהיים און האָב געשוויגען... וואָרום ר' שמריהו איז טאַקע ר' שמריהו און איך בין ניט מעהר ווי אַ בעל־מלאכה...

איך וועל חלילה ניט געהן רעדען ר' שמריהו'ן אנקעגען, אָבער אין דער היים פלעג איך שוין געבען לשון... אן אנדערש מאָל פלעגט ווע־רען אַזוי ביטער, אַז איך פלעג טאַקע געבען דבר אחר ביד חזקה שתים...

אַט אַזוי האָבען מיר אַמאָל געלעבט. אויף דער אידישער גאַס איז געווען שטיל און רוהיג. מע האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר אַן על־טערען, כבוד התורה איז געווען וויכטיגער פון ברויט. מיר האָבען ניט גע'טענה'עט, מיר האָבען געבעטען גאָט אונזער פאָטער... מיר האָבען ניט געזאָרגט פון קיין זאַך, אויסער אידישקייט. היינט וועגען דיני דמלכות — חלילה! אַז אויף דער אידישער גאַס פלעגט זיך ווייזען אַ פאָליציייסקי קנעפּעל האָבען מיר אַלע געציטערט ווי אין אַ קאַלטע פריה־מאָרגען צו סליחות. גערעדט האָבען מיר צו'ן איהם פונקט, ווי אַ פרומער שליח צבור ביי „הנני העני ממעש...‟ נייעס האָבען מיר געהערט שבת בין מנחה למעריב אין קלויז ביי דער הרובע. ווער האָט געוואוסט פון צייטונגען, פון גאַזעטען, פון טעלעגראַממעס? אין דער גאַנצער שטאָדט איז געווען איין משוגע'נער, וואָס האָט גע־לעזען דעם „המגיד‟.

וואָס איז אָבער איצט געוואָרען פון דער אידישער גאַס? אי! עס איז אַ פערקעהרטע וועלט! עס איז אַ פערקעהרטע וועלט! די בכבוד'יגע אידען מיט'ן הדרת מלך, די שעהנע בעלי הבתים מיט'ן תן כבוד לתורה, פון אַלץ איז געוואָרען תל, אשפה, עולם ומלואה! דער בעל מלאכה האָט אויפגעעפענט זיין פיסק און דער שעהנער איד מוז בלייבען שטום ווי יורקעס־הונד! אַז ר' שמריהו זאָגט דעם היינ־טיגען שניידער דו פאַלגוטש! זאָגט ער איהם: דו, בייגעל כאַפּער! אַז ר' שמריהו פרעגט: ווען וועט זיין מיין קאַפּאָטע פאַרטיג, זאָגט ער מיט אַ קאַלטען לונג און לעבער: ווען איך וועל זי אויפנעהען וועט זי פאַרטיג זיין!... אַז ר' שמריהו זאָגט, ברענגט מיר מיין בגד. זאָגט דער שניידער: איך? בלא! איך וועל דיר אָבשיקען מיט'ן לערנ־אינגעל, און דו זאָלסט דעם לערנ־אינגעל גוט בעהאַנדלען, וואָ־רום אַז ניט וועלען מיר מיט דיר לערנען בלק!... דו הערסט? אַ לערנ־אינגעל איז ביי זיי היינט אויף אַ גאַנצע מציאה. דער היינטי־גער וויל ניט שטעהן אין קיך און וואַרטען, ער קריכט דורך דער פּאַ־ראַדנער טהיר. ער הוסט ניט, אַז ער קומט מאָנען פאַר זיין אַרבייט,

ער מאָנט ווי א שייגעץ, ווי אן עזות מחוצף פנים. ער וויל ניט זי־צען טאָג און נאכט צונויפגקאָרטשעט ביי דער ארבייט, ער וויל נור ארבייטען אכט שעה. הערסט א חוצפה פון א דלפון! איך האָב גע־שווינגען, זיי שרייען. איך האָב ניט געוואגט צו טענה'ן, זיי פאָדערן גאָר זיך די געפלאָכטענע חלה מיט די געפילטע פיש, הערסט א חוצפה! מיר האָבען געזאָרגט פאר אידישקייט, זיי זאָגען גאָר, „נא שצאמיני אידישקייט, אז עס איז ניטאָ וואָס צו עסען?...”

איך האָב פופציג יאָהר געזונגען הנותן תשועה למלכים, און זיי... וועה איז מיר! מיין אייגענער זוהן זאָגט מיר, שש! איך וועל אייך זאָגען בסוד, — ער זאָגט מיר: „טאטע, ניטאָ קיין הנותן תשועה, א מכה מיינע שונאים! וועה איז מיר! די האָאר שטעלען זיך קאָ־פויר! אין אונזערע צייטען האָט מען אויף דער אידישער גאס נור שמחת תורה געזעהן א פאפירענע פאָהן מיט אן עפעל, היינט געהען זיי אום מיט הקפות אין מיטען דער וואָך מיט רויטע פאָהנען... יעדער שנעק, יעדער שולאָק, יעדער חניאָק לייענט היינט צייטונגען מיט גאזעטען מיט סמארקלאראציעס... און גאָט, ברוך הוא אליין איז ביי זיי אריין אין שוסטער־גאס. מיין אייגענער זוהן לאכט פון מיר, וואָס איך זאָג צו גאָט, יתברך שמו, הנשמה שלך והגוף שלך! לפיכך, זאָגט ער, אויב גאָט איז טאקע דער בעל הבית אי פון דער נשמה, אי פונ'ם גוף, האָט ער זיך אנדערש געדארפט פיהרען. דו זאָרגסט זיך פאר דיין נשמה האָט ער זיך, לכל־הפחות געדארפט זאָר־גען פאר'ן גוף און וועז עס איז מאכען דיר א פאָאר הויזען... איהר הערט? הויזען, כביכול!...

אוי! וועד איך דאך בייז און זאָג: „וואָס דען ניט דער בורא יתברך האָט בעשאפען די נשמה? שייגעץ! עס שטעהט דאך בפירוש „ויפח באפיו” און ער האָט אריינגעבלאָזען אין זיינע נאָזלעכער”. זאָגט ער מיר, אז גאָט האָט גאָר די נשמה ניט אריינגעבלאָזען, א שלאג איז צו מיינע ביינער! אז ניט דער בורא יתברך האָט אריינ־געבלאָזען, היינט ווער דען האָט אריינגבלאָזען? אָט אזוי רעדט עס על ד' ועל משיחו. עס האָט ניט מורא פאר קיין זאך. ער ציטערט שוין ניט ווען ער דערזעהט א גאָראָדאָוואי, בלא! דער פאָליצמיי־סטער אליין ציטערט נעבעך ווי א הונד אין קאלט וואסער, אז ער קומט אין דער אידישער גאס... אמאָל פלעגט מען ביי א אידען קענען

געפינען אין קעשענע אַ לוח, אַ טאַבאַק־פּושקע, אַ קליין תהילים'על, אַ גראַגער, אַ דרעדעל, אַ פּעקעל ציצית, און היינט, שמעו שמים והאזיני ארץ!.. היינט טראָגען זיי דאָך ביי זיך אין די קעשענעס כלי־זיין אויך... יאַ! פּונקט ווי דער גוי, פּונקט ווי עשו־חזיר מיט'ן ביקסעל... און וואָס, מיינט איהר, בין איך אַהער געקומען צולויפען אַ טויט־דערשראָקענער? איך האָב געזעהן, בעיני ראיתי, ביי אונז אויף דער אידישער גאַס פּיף פּאַף! אי, אַ פערקעהרטע וועלט, אַ אַ גוי'שע קלאַפּער געצייג, אַ, ווי זיי רופען דאָס, אַ „ריוואָלווער" — אויף דער אידישער גאַס פּיף פּאַף! אי, אַ פערקעהרטע וועלט, אַ פערקעהרטע וועלט! און דו גאָטעניו שווייגסט. קומה ד' ויפוצו! זוארום אַז ניט, וועט ווערען, חלילה, אַן איבערקעהרעניש אין דער אידישער גאַס, און אַלע אונזערע בכבוד'יגע אידען, אַלע אונזערע שעהנע בעל התים, אַלע אונזערע העברע משגיחים פון אידישקייט וועלען זיך דאַרפען בעגראָבען לעבעדיגערהייד!... (געהט ראש) בעסער זאָלען זיי דאָס ניט דערלעבען! גאָטעניו פאָטער, בעסער זאָלען זיי דאָס ניט דערלעבען!

קען דאָס זיין?

(א פאַנטאַזי.)

איך בין געווען זעהר פערוואונדערט און מיין ערשטער געדאַנק איז געווען: קען דאָס זיין? איז דאָס די ווירקליכקייט? אָבער ווי אַזוי קען איך צווייפלען, אז אַלעס וואָס איבערראַשט מיך אַזוי שטעהט פאַר מיינע אויגען? איך זעה עס, בעגרייף עס, עמפפינד עס און אויסער דעם, אָט שטעהט געגען מיר א יונגע לעדי, וועלכע ערקלעהרט מיר די בעדייטונג פון יעדע זאַך, דערצעהלט מיר די געשיכטע פון יעדע זאַך, גיט מיר סטאַטיסטישע איינצעלהייטען, פאַקטען, ציפערען, נעמען.

קען דאָס זיין?

ערלויבט מיר צו דערצעהלען איך די געשיכטע פון אָנהויב. מיט א קורצע צייט צוריק בין איך געזעסען אין קאַפע רעסטאָראַן זעהר שפּעט ביי נאַכט. מיינער א בעקאַנטער, וועלכער איז איינער פון די דירעקטאָרען פון דער „עדיוקיישיאָנעל אַליאַנס", אָדער בעסער בעקאַנט אונטער נאָמען „היברו אינסטיטוט", האָט מיך טראַקטירט מיט א סי־גאַר און האָט זיך צוגעזעצט צו מיין טישעל. אַבוואָהל דער דאָזיגער דירעקטאָר איז א דייטשער יהודי, איז ער דאָך א גאַנץ אַנשטענדיגער מענש און זאָגאַר ניט קיין גראָבער יונג (וואָס איז ווירקליך זעהר א גרויסער חידוש). מיר האָבען גערעדט, ווי געוועהנליך, וועגען דער אי־דישער גהעטאָ. זאָגט צו מיר דער דייטשער יהודי: די „עדיוקיישיאָ־נעל אַליאַנס" קאָסט אונז אַלע יאָהר כמעט הונדערט טויזענד דאָלאַר, מיר האָבען פיעל טראָבעל און זעהר ווענינ נחת. מיר דאַכט זיך, זאָגט ער, ווען אויף דער איסט סייד וואָלט זיך געפונען א שטאַרקע, פער־אַנטוואָרטליכע, סאָלידע אָרגאַניזאַציאָן, וואָלטען מיר זיי אָבגעגעבען די בילדונג און הכל בכל און זאָלען זיי זיך פיהרען דעם אינסטיטוט ווי זיי פערשטעהען.

הם! האָב איך מיר א טראכט געטאָן, די איינציגע אידישע שטאַר־קע, פערמאַנטוואָרטליכע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע אין דער זעלבער צייט אינטערעסירט זיך מיט בילדונג, איז „דער אַרבייטער רינג". וואָס וואָלט געווען, ווען כדומה למשל, הא?..

קען דאָס זיין?

— יא, מיין הערר, זאָגט די יונגע ליידי און א גוטער ליעבליכער שמייכעלע שפּיעלט אויף איהרע ליפּען. דאָס אַלעס, זאָגט זי, געהערט איצט צום „אַרבייטער רינג". דאָ איז יעצט ניטאָ קיין דירעקטאָרען מיט אויטאָמאָבילס, ניטאָ קיין „זיידענע־זאָקען"־גנבים, ניטאָ קיין „קיד גלאָווס" פּאטראָנעסעס. אַלעס געהערט אונז, אַרבייטער, און אַלעס ווערט פון אונז אַרבייטער פערוואַלטעט.

— דאכט זיך איז אַמאָל געווען א „פּיפּעלס סינאַגאָגע", פרעג איך.

— יא, איצט האָבען מיר אנשטאָט דעם א פּיפּעלס יוניווערסיטי. אָט דאָ אין אודיטאָריום ווערען יעדע נאַכט געגעבען לעקטשורס, רע־גולער קורסען, אויסער דעם האָבען מיר פּאָפּולערע פאָרטרעגע פאַרן פאָלק. קיינע מגידים, קיינע רבנים, קיינע חזנים און דרשנים מעהר.

— איך זעה דאָ אין דעם צימער שטעהט אַן אָרגעל. הייסט עס, איהר האָט דאָ מאַנכעס מאָל יא א גאָטעס דיענסט?

— ניין, מיין הערר, אונזער גאָטעס דיענסט איז צו דיענען איי־נער דעם צווייטען. מיר האָבען פאַר אונזערע קינדער א מין סאַנדיי סקוהל. דאָ קומען זיי זיך צונויף הערען שעהנע מוזיק. זיי זינגען ליעדער וועגען גערעכטע פערהעלטניסע צווישען מענש און מענש...

— און וואָס איז דאָ אויבען אויף דעם פלאָאָר?

— דאָ האָבען מיר אונזערע לייבּרארי און רידינג רום. אויסער דעם האָבען מיר דאָ א קלאַס, וואו עס ווערען פּאַרבערייטעט לעקטשורער. אַמאָל פלעגען אונזערע ברענטשעס אין דער קאָנטרי זעהר ליידען, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין לעקטשורערס. איצט, אונטער אונזער סו־פּערוויזשיאָן דאָ, זיינען אָרגאַניזירט סיסטעמאַטישע לעקטשורס כמעט אין יעדע שטאָט פון אַמעריקאַ. און לעקטשורערס האָבען מיר איי־גענע.

— איך געדענק, די עדויקיישיאָנאַל אַליאַנס האָט דאָ בלומרשט געהאַט מוזיקאַלע קלאַסען... ווי האַלט עס יעצט?

— מיין הערר, ניט בלומרשט קלאַסען, מיר האָבען ריכטינע מו־זיקאַלע קלאַסען פון וויאָלין און פּיאַנאָ. הונדערטער פון אונזערע קינ־דער לערנען דאָ און איינינע פון זיי וועלען געווים זיין גרויסע אַרטיס־טען. מיר האָבען אונזערע אייגענע צוויי אָרקעסטרען. מיר האָבען צעהן כאָרן פון יונגע זינגער און זינגערקעס... איך בעט איך, אינספּעק־טירט די גאַנצע בילדונג, וועט איהר זעהן אונזער גאַנצען אינסטיטוט. אויבען האָבען מיר די רעדאַקציאָן פון אונזער צייטונג און זשורנאַל. די ביוראָ פון אונזער צענטראַלע אַדמיניסטראַציאָן, אבטהיילונגען אין פערשיעדנע שטעדט, האָבען אין דער סאָוטה צוויי סאַניטאַריומס פון קאָנסאָמפּטיווע קראַנקע, און אויסער דעם אונזערע אַלטע לייט פון דער „אַרבייטער רינג" געהען ניט אויף דער עלטער בעטען אַ פּלאַץ אין דעם זאָ פיעל קריטיזירען „מאָנטעפיאָרע האָום". מיר האָבען פאַר אַלטע איין אייגענעם היים און אַ פּראַכטפאָלע געזונטע געגענד. אויסער דעם, יעצט איז ביי אונז אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן. מיר וועלען אַליין בויען בעקווע־מע, ביליגע און געזונטע וואָהנונגען פאַר די אַרבייטער. זיי וועלען ניט האָבען קיין לענדלאָרדס, וועלכע רייסען פון זיי די הויט... זיי וועלען צאָהלען פיער פּראָצענט אויפ'ן קאַפּיטאַל און דאָס איז אַלעס...

— הייסט עס „דער אַרבייטער רינג" האָט זיך צו־וואַקסען?

— מיין פריינד, מיר וואַקסען, ווייל „דער אַרבייטער רינג" איז די איינציגע אמת־פּראָגרעסיווע און פּראַקטיש געבויטע אַרבייטער אָר־גאַניזאַציאָן. מיר האָבען יעצט פיער הונדערט און אַכציג בראַנטשעס מיט אַ מעמבערשיפּ פון פערציג טויזענד. מיר אַליין אינשורען דאָס לעבען פון אונזערע מיטגליעדער מאַכען די אינשורענס קאָמפּאַניעס קיין סענט ניט און אויסער דעם...

— סעי, מיסטער!

איך האָב געמיינט, די ליידי רעדט דאָ צו מיר און האָב זיך געוואונ־דערט, אויף איהר זיסע שטימע און אויסער דעם האָט מיך אימיצער ניט איבעריג העפליך געשטורכעט אין די זייטען און געצופּט פאַרן קאָלנער פון מיין אויבער־ראָק. איך עפען מיינע אויגען און זעה דעם קאָנדוקטאָר פון דער קאַר... ער פרעגט מיך, וואו דאַרף איך אַראָפּ?...

— נאָסטראַנד עוועניו, זאָג איך.

— נאָסטראַנד? וואהאי, מיר זיינען שוין מיט צעהן בלאָק וויי־טער. קריך, ברודער, ארויס פון דער קאַר, זאָגט ער, און הולך צוריק. אַ בייזער, אַ פערשלאָפענער, בין איך געגאַנגען אַהיים און ווען מיר איז ווידער געקומען דער געדאַנק: קען דאָס זיין? האָב איך אליין אויף זיך אַ געשריי געטאָן מיט כעס: פאַר וואָס זאָל דאָס ניט קענען זיין? וואָס איז דאָס אַזוינס?

אַז עהרליכע מענשען מיט שכל און ענערגי ווילען עס זאָל זיין, וועט זיין!